בס"ד / שנה ו' / סוכות תשפ"ז / נומער 329

# קרעטל




# כי בסוכות הושבתי

ביגעלייגט באזונדערע ביכל לכבוד יום טוב סוכות **דערצייל מיר א מעשה**

## אשר קדשנו במצותיו וצונו לישב בסוכה

מיט מסירות נפש האבן אידן געבויעט סוכות אינטער די קאמיוניסטן | שמחת תורה אין די די-פי לאגערן. **מ. מאנן**

## אשר קדשנו במצותיו וצונו על נטילת לולב

הערליכע סצענעס פון דעם ווירבעלדיגע שוק זופניק ד' מינים סענטער אין ירושלים עיר הקודש וואס ווירבעלד מיט קונים פון אלע שיכטן און קרייזן יעדן ערב סוכות. **יוסף הכהן כ"ץ**

## אשר קדשנו במצותיו וצונו על השחיטה

אינטער די קוליסן וויאזוי אייער שטיקל כשר פלייש וואס איר עסט ביי די סעודה, ווערט כשר געמאכט מיט אלע הידורים | א שמועס מיטן ברסלב'ן שוחט מו"ה רפאל פורסט הי"ו. **ברסלב'ע ברודער**

## אשר קדשנו במצותיו וצונו לקדש שמו ברבים

האר-אויפשטעלנדע געשיכטעס פון הייליגן ריבניצער זי"ע וואס זיין יארצייט געפאלט אסרו חג סוכות. **מ. מאנן**

**בס"ד**

סוכות
תשפ"ז

**נומער**
**328**
שנה ז'

| | |
|---|---|
| **04** | עירנו |
| **12** | היכל הקודש נייעס |
| **14** | שוק זופניק |
| **28** | קוק אהער |
| **26** | בריוו פון ר"ו |
| **30** | לישב בסוכה |
| **38** | געדאנקען |
| **42** | על השחיטה |
| **54** | א בליק אויף צוריק |
| **55** | קלאסיפיידס |
| **56** | לקדש שמו ברבים |
| **70** | געשעענישן |


87


14


42










**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב וייס, ישראל דוד העסקעל, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.

# בלעטל

**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938



כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן
שטיקלעך פונעם בלעטל און צושרייבן פון וואו עס קומט.


ALPHAITIS.COM
איך בין
בעצם
זייער א
פשוט'ער
מענטש.
אבער ווען איך פלי, זיץ איך נישט
נעבן א פרעמדע פרוי און איך היט
מיינע אויגן און איך עס אלס גאר
פיינע עסן און איך שפיר מיר אלס
ווי א פריץ אויפן פליגער און איך
באצאל די ביליגסטע וואס איז דא
און ווען איך דארף עפעס
עקסטער האב איך אלס איינעם
ביי מיין זייט צו ווענען צו רעדן
און אזוי ווי מ'לאנדעט בין איך
צוריק א געהעריגע פשוטע
מענטש. ווייל איך פאר אלץ מיט
נסיעה, פארשטייסט?
נסיעה
טראוועל
Fly anywhere
call us today
TICKETS
TRIPS
TRAVEL ITINERARIES
VACATION PACKAGES
CAR RENTALS
HOTELS
nesiahtravel.com
845.444.TRVL
8785

# אַירַנוּ

## פּערעלעס געשעפט

אין די יעצטיגע טעג קומט ברוך השם אריין די גוטע נייעס אז פערעלעס קליידער געשעפט" טוט זיך אביסל פארברייטערן. די הנהלה האט אסאך געארבעט צו מסדר זיין א נייע און בעסערע לאקאציע, אפגעטיילט פונעם געשעפט, וואו מען וועט קענען ארויפלייגן באקסעס פון שיינע קליידער וואס מען ניצט נישט און זענען נאך אין א גאר גוטן צושטאנד.

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט דאס גאר שטארק ארויסהעלפן צו קענען בעסער סערווירן די קאסטומערס און האלטן דאס געשעפט מער מסודר, כדי מען זאל קענען איינקויפן מיט א הרחבת הדעת.

די הנהלה זוכט טאקע א פיל גרעסערע לאקאציע פאר'ן געשעפט, אלעס כדי די טייערע משפחות פון היכל הקודש וואס זוכן צו לעבן אן חובות, זאלן אין די זעלבע צייט קענען הנאה האבן און איינקויפן שיינע קליידער פאר די קינדער.

אלע אנשי שלומינו קענען העלפן בעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל זיך טאקע אויסארבעטן צו קענען האבן א גאר גרויסן און שיינעם פלאץ.

אין די זעלבע צייט דארפן מיר אויך די קאאפעראציע פון אלע איינקויפער. כדי זיך צו קענען האלטן צו די גאר נידריגע פרייזן פון ביז איצט, זאלן אלע איינקויפער אכטונג געבן אויף די ריינקייט פונעם געשעפט.

ווען איר גייט באצאלן, מאכט זיכער אז אלעס וואס איר האט אנגעמאסטן זאל זיין צוריק מסודר אויפ'ן ריכטיגן פלאץ פון וואו איר האט עס גענומען. די לײדיגע הענגערס זאלט איר לייגן אויפ'ן דעזיגנירטן פלאץ.

אויב האט איר מיטגעברענגט קינדער, מאכט זיכער אז זיי שפילן זיך נישט מיט די זאכן וואס איר פלאנט נישט צו קויפן, און מ'זאל אויפהייבן שמוץ וואס זיי האבן מעגליך אראפגעווארפן.

די נייע דראפ-אף לאקאציע איז ביי 85 איסט מאנגאפ ראוד, אינעם בנין פון משפחת היילפרין'ס פעקטארי.

עס קומט זיך א באזונדערע דאנק פאר משפחת היילפרין וואס געבט אוועק א גרויסן חלק פון זייער בנין. ביי די רעכטע זייט פונעם בנין גייט מען אריין צום הינטערשטן טיר. מ'דארף אראפלייגן די זאכן אינגאנצן אינעווייניג, כדי צו מאכן פלאץ פאר'ן נעקסטן מענטש וואס וועט קומען.

לייגט די באקסעס אויף איין זייט, און די מסודר'דיגע פיילס (piles) און בעגס אויף די צווייטע זייט, לויט ווי עס איז אנגעצייכנט. (זעט דעם בילד) אלעס דארף זיין גאר גוט פארמאכט און גוט צוגעטעיפט, כדי די שיינע קליידער וואס איר שיקט זאלן בלייבן ריין ביז עס קומט אן צום קאסטומער.

זאכן וואס איר לייגט אראפ אינדרויסן, אדער ביים געשעפט אין די אלטע לאקאציע, וועלן סתם אנקומען אין מיסט; עס איז א שאד דאס צו שיקן.

ריטוירנס זענען שייך ביז א וואך, בתנאי אז עס איז נאך נישט גענוצט געווארן. דאן קענט איר צוריקלייגן די זאך אויפן ריכטיגן פלאץ פון וואו איר האט עס גענומען, און איר וועט קענען געניסן פון א קרעדיט צו קויפן עפעס אנדערש פארן זעלבן פרייז.

אויב שיקט איר צוריק די זאכן וואס איר האט געקויפט צום דראפ-אף (drop-off) צוזאמען מיט נאך אנדערע זאכן,

נייעס'לעך

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה






**דאס איז די רעכטע זייט פונעם פעקטערי וואו מען דארף אראפלייגן די קליידונג וואס מען ברענגט**

און עס ווערט נישט צוריקגעלייגט אויפן ריכטיגן פלאץ פון וואו איר האט עס גענומען, וועט מען נישט קענען באקומען דעם קרעדיט.

אז איר העלפט דעם רבי'נס פלאץ, העלפט איר זיך אליין.

## קראס פארם חדר

ווי באריכטעט, איז פארגאנגענעם דאנערשטאג פרשת נצבים-וילך פארגעקומען די פאבליק העירינג וואו מען האט פארגעשטעלט דעם וואסער אפלויף פלאן און מער ווי ערווארטעט, איז ארויסגעקומען א גרויסע צאל גוים זיך קעגנצושטעלן די בוי-פלענער פונעם נייעם תלמוד תורה, און פראבירט אריין צו ווארפן אלע מיני נעגאטיווע קאמענטארן צו באשטעטיגן דעם "עשו שונא ליעקב"; ווי למשל אז עס וועט גורם זיין מער טראפיק, פארפעסטיגן דאס וואסער, און נאך פארשידענע אנדערע טענות.

פון די אנדערע זייט ווילן מיר באדאנקען די איבער 50 פרויען וואס האבן זיך אנגעשטרענגט צו קומען און אריינגעבן פאזיטיווע קאמענטארן, און ספעציעל פאר מרת היימליך וואס האט ארגאניזירט די פרויען צו קומען.

מיר האפן צום אייבערשטן אז די פלענער זאלן ווערן באשטעטיגט ווי שנעלער, כדי מען זאל זיך קענען ווייטער רוקן.

# אירנו

## שחיטה

די ברסלב'ע שחיטה, וואס גייט שוין אן פאר א שטיק צייט דורך ערליכע שוחטים וואס גייען אין מקוה און זענען זיך מתבודד יעדן טאג, האט יעצט ארייננבאקומען א נייע אייטעם: 'טשיקן סאלאמי'.

דאס קומט נאכדעם וואס ביז יעצט האט מען שוין אויך געקענט באקומען אלע אנדערע סארט קאטס, וואס רעכנט אריין: טשיקן באטעמס, קאטלעטס, נאגעטס, פינגערס, גראונד טשיקן, דראמסטיקס, דארק קאטלעטס, דארק סטו, דארק גראונד, פליגלען,ביינער, גיזערדס און לעבער.

מען קען מאכן א באשטעלונג ביי מו"ה דוד ניישטיין הי"ו אויף 718-612-5443 און עס באקומען דעליווערד; מען קען באצאלן אויף סיי וועלכן אופן.

## שטעטל גרופס

מיטן אייבערשטנ'ס הילף האט מען אין די טעג צוריק געעפנט די שטעטל טעקסט גרופעס (באזונדער פאר מענער און באזונדער פאר פרויען).

דאס קומט נאכדעם וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט זייער געבעטן די הנהלה אז מען מוז צושטעלן א וועג פאר די שטעטל איינוואוינער צו קענען קאמיוניקירן צווישן זיך ווען מען דארף עפעס א טובה.

מיר ווילן אבער זייער בעטן, אז היות יעדע טעקסט וואס ווערט ארויסגעשיקט קאסט געלט, זאל מען זען נישט צו שיקן קיין איבריגע מעסעדזשעס.

דאס מיינט, אז ווען מען שיקט א מעסעדזש זאל מען פרובירן ארייננצולייגן א טעלעפאן נומער אז מען זאל וויסן וואו צו רופן. אזוי אויך זאל מען ענטפערן נאר פריוואט און נישט אויף די גרופע, וואס דאס קאסט געלט פאר די קהילה. אויך זאל מען נישט שרייבן קיין "שכח'ס, "יישר, "מזל טוב", "קאווערד", "טעיקען" און דאס גלייכן...

## קאר סערוויס

נאכדעם וואס "גרופ מי" האט אפגעשטעלט זייערע טעקסט גרופעס, וואס די קאר סערוויס אין שטעטל פלעגט אויך ניצן, איז געווען אביסל שווער צו פארשאפן א קאר סערוויס פאר יעדן. ב"ה יעצט, נאכדעם וואס די נייע טעקסט גרופעס האבן זיך געעפנט, קען מען שוין ווייטער אנגיין געהעריג מיט די קאר סערוויס.

מיר ווילן זיך באדאנקן פאר משפחת בערל שווארץ וואס געבט אוועק אסאך שעות יעדן טאג אן באקומען באצאלט, כדי צו קענען צופרידן שטעלן יעדן איינעם.

ווי אויך האט די קהילה צוגעשטעלט א שאטל אין די טעג וואס די מענער זענען געפארן קיין אומאן, וואס דאס האט אסאך פארגרינגערט פאר די פרויען צו קומען און גיין, און מען האט ב"ה צוריק געהערט זייער גוטע גריסן. מיר ווילן זיך באדאנקן פאר משפחת יושע ראבינאוויטש וואס האט זיך אפגעגעבן דערמיט.

דער אייבערשטער זאל זיי באצאלן מיט אלעס גוטס.

ניימס'לעך

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

## יום טוב סוכות
## ט"ו תשרי

| | | | |
|---|---|---|---|
| ערשטע טעג | הדלקת הנרות .. 06:32<br>מוצאי יום טוב .. 07:59 | צווייטע טעג | הדלקת הנרות .. 06:20<br>מוצאי יום טוב .. 07:47 |

באנים לשבת קודש

## ברוכים הבאים

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען די חשוב'ע משפחה

מו"ה **יושע סופר** הי"ו
וזוגתו מינדל תחי'

וואס האבן זיך אריינגעצויגן אין שטעטל
**קרית ברסלב ליבערטי**
דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן קענען אסאך צוגעבן פארן שטעטל, און האבן הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם.

## סטאר טשעקס

אין די טעג שיקט די שטאט ארויס די "סטאר" טשעקלעך. דאס איז אן איינמאליגע יערליכע צאָלונג פון בערך $400 פאר אלע היים-אייגנטימער אין ניו יארק סטעיט. כדי צו געניסן דארף מען זיין דער אייגנטימער פונעם הויז און דאס דארף זיין די Primary Residence. פאר די וואס זענען שוין איינגעשריבן, וועט דער טשעק אנקומען דירעקט אין די פאסט.

ווער עס דארף הילף זיך אויפצוסיינען, קען זיך ווענדן צו אונזער חבר מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו.

נייעס'לעך

# היכל הקודש נייעס



## הערליכע יום טוב ראש השנה תשפ"ז אריבער אויף אנשי שלומינו אין אומאן

גאר א שיינער און געהויבנער יום טוב ראש השנה איז אריבער אויף אנשי שלומינו אין אומאן. עס איז שווער אראפצושרייבן דעם גאנצן יום טוב אין די קורצע שפאלטענעס פונעם גליון, דעריבער וועלן מיר בלויז פרובירן צו געבן א קורצן באריכט פון די הייליגע טעג.

קרוב צו הונדערט טויזנט אידן האבן זוכה געווען דורכצוברעכן אלע מניעות און שוועריקייטן, און האבן זוכה געווען צו זיין דאס יאר ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן אויף ראש השנה. פון יעדן ווינקל איבער די גאנצע וועלט קומען אידן צו פארן צום הייליגן רבי'ן, אויסצופאלגן זיין בקשה אז מ'זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, אויסצופועל'ן א זיס ליכטיג יאר, און אהיימצופארן מיט א ריינע נשמה און מיט פילע זעק מיט ישועות און רפואות פארן גאנצן יאר.

טראץ דעם וואס אין די לעצטע פאר יאר איז געווארן פיל שווערער צו קומען קיין אומאן אויף ראש השנה, צוליב דעם וואס די לופטפעלדער אין אוקראינע זענען פארשלאסן און מען דארף פארן דורך די ארומיגע לענדער - א זאך וואס מאכט די נסיעה פיל שווערער און לענגער - דאך ווערט דער קיבוץ ביים הייליגן רבי'ן נאר גרעסער מיט יעדן יאר וואס קומט צו גיין.

דער ריזיגער ציבור האט זיך אויסגעשפרייט איבער גאנץ אומאן; פילע טויזנטער דירות, אכסניות, און האטעלן זענען געווארן איבערגעפילט מיט אידן אין לויף פון די טעג פאר ראש השנה. הונדערטער שולן און בתי מדרשים איבער גאנץ אומאן זענען געווען פול מיט אידן במשך דעם יום טוב, וועלכע האבן זיך צוזאמגעקליבן צו דאווענען און אויסבעטן א גוט יאר. אבער דאס הארץ פון די פילע טויזנטער אידן איז געווען געוואנדן צו איין פלאץ: צום ציון הקדוש פונעם הייליגן רבי'ן, וואס ער האט זיך אונטערגענומען צו זיין א מליץ יושר פאר אלע וואס קומען צו אים אויף ראש השנה, אויסצופועל'ן פאר זיי א גוט געבענטשט יאר.

## בנין היכל הקודש אין אומאן

דער בנין היכל הקודש אין אומאן, א שטילער ווינקל ארויס פון די רעשיגע הויפט גאסן פון אומאן, האט זיך ארויסגעשטעלט אין די לעצטיגע יארן צו זיין גאר א געשמאק פלאץ פאר אנשי שלומינו במשך דעם יום טוב.

אלע געברויכן זענען צוגעשטעלט אויפ'ן פלאץ: דער גרויסער היכל הבית המדרש, א מקוה, אן עס-זאל, די אויבערשטע שטאקן מיט שלאף-צימערן, און אלעס ארום איז צוגעשטעלט אויפ'ן בעסטן און שענסטן פארנעם, א דאנק די חשוב'ע אינגעלייט וואס לייגן אריין שווערע כוחות פאר לאנגע וואכן און חדשים במשך דעם יאר פאר די טובה פון אלע אנשי שלומינו.

ספעציעל פאר די וואס ברענגען שוין מיט קינדער קיין אומאן - אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אלץ אז מען זאל מיטברענגען די קינדער קיין אומאן, כדי די קינדער זאלן אויפוואקסן און וויסן אז ראש השנה איז מען ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן - איז דער בנין ממש א ישועה; א הייליג און ריין פלאץ, אפגעהיטן פון די גאס, וואו די קינדער קענען שיין מיטהאלטן דעם גאנצן יום טוב און זיין אפגעהיטן פון אלעס שלעכטס.

אין די לעצטע יארן איז אויך געווען צוגעשטעלט אין די

גרשון קרעמער

וואכנטעג אין אומאן א הערליכער חדר פאר אלע קינדער וואס זענען געקומען קיין אומאן אינעם בנין היכל הקודש. דאס יאר איז נישט געווען צופיל וואכנטעג צו מאכן חדר פאר די קינדער, דעריבער האט מען געמאכט דעם חדר נאר אום ערב ראש השנה. נאנט צו צוויי הונדערט קינדער זענען געווען אין חדר, אנגעפירט דורך חשוב'ע מלמדים. די קינדער האבן אינאיינעם געגעסן, געדאווענט און געלערנט, און ביי חצות היום זענען די קינדער געגאנגען מיט די מלמדים צום ציון הקדוש צו זאגן אינאיינעם תיקון הכללי און זיך אויסבעטן אלעס גוטס.

במשך דעם יום טוב זענען די קינדער געזעסן אין שול אינאיינעם מיט די מלמדים, אויבן-אן נעבן דעם ראש ישיבה שליט"א, און שיין געדאווענט מיט חשק און ברען. ביים סוף פונעם יום טוב זענען די קינדער באלוינט געווארן מיט ווערדפולע מתנות פאר'ן זיך אזוי שיין אויפפירן במשך די גאנצע צייט אין אומאן.

## שאטל

די גבאים פונעם "רענט קאמפיין" און די "נסיעה טרעוול" רייזע אגענטור האבן דאס יאר ווידער צוגעשטעלט די גאר נוצבארע סערוויס: די שאטל באסעס וואס קורסירן צווישן דעם בנין היכל הקודש (וואס איז א האלבע שעה צו גיין צופיס) און דעם הייליגן ציון. דער שאטל איז אנגעגאנגען פיר און צוואנציג שעה ארום דעם זייגער אין די וואכנטעג, ווען יעדע פופצן מינוט איז געווען א באס סיי ביים ציון הקדוש און סיי ביים בנין היכל הקודש, מיט וואס דער עולם האט זיך מחיה געווען אנצוקומען גרינגערהייט צום הייליגן ציון וואו מען האט זיך אויסגעבעטן א גוט יאר.

## סליחות זכור ברית

ערב ראש השנה פארטאגס, אום 4:15, איז דער גאנצער ציבור זיך צוזאמגעקומען אין בית המדרש צו זאגן אינאיינעם סליחות זכור ברית מיט גרויס התעוררות. פאר'ן עמוד האט פארגעזאגט דער חשוב'ער גבאי פון שטעטל, הרה"ח ר' אברהם הערש וועבערמאן שליט"א, און אינאיינעם האט מען זיך אויסגעבעטן א גוט געבענטשט יאר.

גלייך נאך סליחות האט מען זיך געשטעלט דאווענען שחרית כוותיקין, און נאכ'ן דאווענען און תיקון הכללי האבן זיך פארמירט לאנגע ליניעס אריבערצוגיין צום ראש ישיבה שליט"א פאר פדיון נפש. דער ראש ישיבה שליט"א האט יעדן געגעבן זיין פריוואטע צייט און אנגעווינטשן להכתב בכתיבה וחתימה טובה.

## התעוררות ביים ציון

די התעוררות וואס טוט זיך ביים הייליגן ציון איז נישט מעגליך צו באשרייבן פאר דעם וואס איז נישט דארט געווען. פיר און צוואנציג שעה אין טאג איז דער הייליגער ציון באלאגערט מיט אידן וואס קומען צום הייליגן ארט, פון וואו טויזנטער תפילות ווערן געענטפערט. מען קומט אהין און מען גייט ווי אריין אין אן אנדערע וועלט; מען זעט נישט קיינעם און מען הערט נישט קיינעם. ביים ציון פונעם הייליגן רבי'ן זעט מען נאר דעם אייבערשטן, דאס הארץ עפנט זיך אויף, מען וויינט זיך אויס צום אייבערשטן, מען פועל'ט ישועות, און מען גייט ארויס מיט א לייכטן געמיט און פארזיכערט אז די תפילות זענען אנגענומען געווארן ביים אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געשריבן פאר ראש השנה אז יעדן טאג וואס מען געפינט זיך אין אומאן זאל מען כאטש איינמאל גיין צום ציון. אנשי שלומינו האבן טאקע אויסגענוצט די הייליגע טעג פון ראש השנה און ארום, און זענען יעדן טאג געגאנגען צום ציון - טייל איין מאל און טייל עטליכע מאל, יעדער לויט זיין מעגליכקייט - און זיך אויסגעבעטן אלעס גוטס.

אין די צוויי טעג ראש השנה איז דער רוב עולם געגאנגען פארטאגס צום ציון, ווען דער ציון איז מער לײדיג, דאס הארץ איז מער אפן, און דער מח האט מער ישוב הדעת, און דערנאך איז מען צוריקגעקומען צום דאווענען אין בית המדרש.

## ראש השנה ביים הייליגן רבי'ן

ראש השנה ביים זמן איז מען זיך צוזאמגעקומען צו מנחה. דער דיין הגאון ר' יונה זינגער שליט"א איז צוגעגאנגען צום לעצטן מנחה פונעם יאר, וואס מ'האט געדאווענט מיט א שטארקע התעוררות.

מעריב האט געדאווענט הרה"ח ר' אברהם הערש וועבערמאן, וואס האט אויך פארגעזינגען דעם פיוט "אחות קטנה" אויפ'ן ספרדישן ניגון, אזוי ווי מען פלעגט עס זינגען ביי מוהרא"ש זי"ע.

# היכל הקודש נייעס

נאך מעריב איז דער עולם אריבער זיך אנווינטשן לשנה טובה ביים ראש ישיבה, וואס האט יעדן שיין אנגעווינטשן.

נאך א שיינער סעודה האט זיך דער עולם געאיילט צו גיין שלאפן, כדי צו קענען אויפשטיין אינדערפרי פאר'ן עלות נישט צו פארשלאפן דעם מזל; מען איז געלאפן אין מקוה און געגאנגען צום ציון.

אום אכט אזייגער האט מען זיך געשטעלט דאווענען. צו פסוקי דזמרא איז צוגעגאנגען דעם ערשטן טאג הר"ר שלמה רוטה שליט"א, און דעם צווייטן טאג האט געדאווענט הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געדאווענט שחרית און מוסף, וואס איז געווען זייער שיין.

די בארימטע כאר פון ישיבה אינאיינעם מיט די קינדער האבן זייער שיין מיטגעזינגען ביים דאווענען.

עס האט געהערשט גאר א גרויסע התעוררות אין שול ביי די תפילות. פילע הונדערטער אידן האבן זיך געשלעפט צום בנין היכל הקודש מיטצוהאלטן דעם הערליכן און התעוררות'דיגן דאווענען, וואס האט צועפנט די הערצער פון אלע מתפללים, און דאס וועט בלייבן איינגעקריצט ביי זיי פאר א לאנגע צייט.

כאטש מען האט נישט געבלאזן שופר דעם ערשטן טאג ראש השנה, וואס איז אויסגעפאלן אום שבת קודש, האט אבער דער ראש ישיבה שליט"א יא געגעבן א תקיעת שופר דרשה, אזוי ווי דער מנהג פון צדיקים.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן מיט'ן זוהר וואס מען זאגט פאר די תקיעות, וואו עס שטייט אז ווען מען בלאזט שופר אונטן, בלאזט מען שופר אויך אויבן אין הימל; און היינט שבת, אז מען בלאזט נישט אונטן, בלאזט מען אבער יא אויבן, און אז מען בלאזט שופר אויבן איז עס זיכער אויפ'ן בעסטן אופן וואס קען נאר זיין, און עס איז זיכער ממתיק אלע דינים.

דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט וועגן דעם וואס חז"ל זאגן אז פילע עקרות זענען נפקד געווארן מיט קינדער אום ראש השנה, און אז יעצט קען מען זיך אויסבעטן פאר קינדער - סיי ווער עסווארט אויף קינדער און סיי ווער עס ווייסט פון א קרוב, א חבר, אדער אן אנדערן איד וואס ווארט אויף קינדער, זאל מען מתפלל זיין פאר זיי.

אויך איז יוסף הצדיק ארויס פון תפיסה אום ראש השנה, קען מען מתפלל זיין פאר אידן יושבי חושך וצלמות, אז יעדער זאל ארויסגיין פון זיינע צרות.

אויך זענען דא מענטשן וואס זענען געבונדן אין דער תפיסה פונעם יצר הרע, זיי קענען זיך נישט אפרייסן פון שלעכטע געוואוינהייטן, וואס מען רופט אין אמעריקע "עדיקטעד", און אויף אידיש מיינט עס אז מען האט א גרויסן נסיון דערויף; איז יעצט די צייט אום ראש השנה מתפלל צו זיין און זיך אויסבעטן צו ווערן אויסגעלייזט פון דער תפיסה. ווער עס ווארט אויף א שידוך, איז יעצט אויך די צייט צו בעטן דערויף.

דער ראש ישיבה שליט"א האט צוגעענדיגט מיט דעם וואס מוהרא"ש פלעגט זאגן פאר תקיעת שופר, אז ווער עס האט א שנאה אויף א צווייטן איד זאל ארויסגיין פון בית המדרש; יעדער זאל זיך איבערבעטן, מוחל זיין, און זיך ליב האבן איינער דעם צווייטן.

ביי די סעודה האט מען געבענטשט נאך די פיש, מען האט צעטיילט די סעודה כדי צו עסן שלש סעודות, און דער ראש ישיבה שליט"א איז אריינגעגאנגען אין בית המדרש און געגעבן א דרשה.

## סיפורי מעשיות

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז אזוי ווי מען פירט זיך ביי אנשי שלומינו פארצולערנען סיפורי מעשיות שבת אינדערפרי, און יעצט דארף מען דאך סיי ווי מאכן א שטיקל הפסק צווישן די צוויי סעודות, וועט מען פארלערנען סיפורי מעשיות.

דער ראש ישיבה שליט"א פירט זיך צו רעדן שבת אינדערפרי ביי סיפורי מעשיות פון שלום בית, און היות די אידן פון ארץ ישראל און פון אנדערע מקומות קענען דאס דאך נישט מיטהאלטן, וועט מען יעצט רעדן אביסל פון שלום בית.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגעהויבן מיט דער ערשטער שורה פון סיפורי מעשיות, וואס דער הייליגער רבי זאגט: "אויפ'ן וועג האב איך דערציילט א מעשה, וואס ווער עס האט איר

גרשון קרעמער

געהערט האט געהאט אן הרהור תשובה".

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז יעצט אויף די וועגן קיין אומאן האט מען זיך אויסגעלערנט צו האבן אסאך סבלנות; מען האט געדארפטווארטן ביים פליגער, ביים באן, ביים קאר, ביים גרעניץ, ביים טשעקפוינט, און אזוי ווייטער יעדער איינער מיט זיינע שוועריקייטן אויף די וועגן, און מען קען זיך אין ערגעץ נישט יאגן, מען קען נאר ווארטן מיט געדולד און בעטן דעם אייבערשטן.

דאס זעלבע איז מיט'ן גאנצן לעבן, וואס איז ווי איין לאנגער וועג: מען ווערט געבוירן, מען באקומט פיאות, מען גייט דורך די קינדערישע יארן, די בחורישע יארן, און אזוי ווייטער אין לעבן, און דער איינציגסטער וועג דאס אריבערצוגיין איז נאר מיט אסאך תפילה און סבלנות.

דאס זעלבע איז מיט שלום בית, וואס מען קען נאר זוכה זיין דערצו מיט אסאך תפילה און סבלנות. דער עיקר סוד ליגט אינעם מויל: רעדן שיין אינדערהיים, געבן גוטע ווערטער, נאר אויסלויבן און אויסרימען און מאכן גוט פילן, און קיינמאל זיך נישט טענה'ן אדער אריינגיין אין ויכוחים.

אבער מיט דעם אלעם דארף מען האבן אסאך סבלנות; עס קען נעמען צייט, אבער אז מען דערהאלט זיך, איז מען זוכה אז די שכינה רועט אינדערהיים, עס ווערט א גן עדן אינדערהיים, מען האט הנאה יעדע רגע צו זיין אינדערהיים, און דאס איז עבודת ה'. דאס איז וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז, אז מיר זאלן לעבן אין שטוב באהבה ואחוה ושלום וריעות.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט פארשידענע מעשיות וואס ער האט מיטגעהאלטן ערשט-האנטיג דאס יאר, פון אינגעלייט וואס האבן אינוועסטירט גרויסע געלטער און למעשה האט זיך גארנישט אויסגעארבעט און זיי האבן פארלוירן דאס גאנצע געלט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט אז ווען עס קומט צו געלט פארשטייען מענטשן אז עס לוינט זיך צו אינוועסטירן און ווארטן לאנגע יארן צו קענען זען רווחים; זיכער ביי שלום בית, וואס האט פיל מער שאנסן מצליח צו זיין, דארף מען אינוועסטירן אסאך געדולד און סבלנות, רעדן שיין און געבן

אסאך גוטע ווערטער, און מיט דער צייט וועט מען זען דערפון אמת'דיגע ריזיגע פארדינסטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט נאכגעזאגט פון צדיקים אז ווען שבת איז דער ערשטער טאג ראש השנה, איז מען מיט'ן טשאלנט וואס מען עסט מתקן די זעלבע תיקונים ווי תקיעת שופר.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דאס שיין מסביר געווען, אז די חמין וואס מען עסט שבת איז דאך כדי צו פאלגן וואס די הייליגע חכמים האבן געזאגט, "להוציא מלבן של צדוקים" - די אויבער-חכמים פון יענע צייטן וואס האבן זיך איינגערעדט אז זיי פארשטייען בעסער און אז מען טאר נישט עסן ווארעמס אום שבת.

דאס איז געווען דער נסיון אין יענע צייטן, און אין די היינטיגע צייטן זענען דא די היינטיגע נסיונות; ווער עס האט שכל און פאלגט וואס די צדיקים און די רבנים זאגן, ספעציעל אין דעם ענין פון טעכנאלאגיע - נישט אריינצוברענגען אין שטוב קיין סמארטפאון, טעבלעט, קאמפיוטער וכדומה - דער וועט זוכה זיין צו האבן א גוט לעבן, און ווער עס איז אן אויבער-חכם און מיינט אז ער פארשטייט בעסער, וועט נעבעך קענען ביטער ליידן דערפון. מיט דעם וואס מען פאלגט די חכמים, מיט דעם איז מען אלעס מתקן, פונקט ווי מיט תקיעת שופר.

## מיטל נאכט

אום מיטל נאכט האט דער ראש ישיבה שליט"א געגעבן א דרשה צווישן מנחה און מעריב, און דער ראש ישיבה שליט"א האט טאקע אנגעהויבן מיט דעם אז דער הייליגער רבי האט זיך אזוי געפירט; רוב לאנגע גרויסע תורות אין ליקוטי מוהר"ן זענען פון די דרשות מיטל נאכט ראש השנה, און אזוי האט אויך רבי נתן געטון, און אזוי האט מען געזען ביי מוהרא"ש.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארומגערעדט פון די שוועריקייטן און מניעות וואס יעדער גייט דורך ביז ער איז זוכה אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אבער עס לוינט זיך דער גאנצער שלעפ מיט אלע שוועריקייטן, אזוי ווי דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אין זיין לעצטן ראש השנה ווען ער איז שוין געווען אין אומאן: "וואס זאל איך אייך זאגן? קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאן" - עס איז נישטא עפעס גרעסער ווי צו

# היכל הקודש נייעס

זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט מחזק געווען די וואס מוטשען זיך מיט געלט, אז דער רבי האט געזאגט אז ער זארגט זיך פאר די הוצאות פון די וואס קומען צו אים. און די וואס דארפן זיך איבערבעטן, האט רבי נתן געזאגט: "דאנקען גאט אז נאך ראש השנה קומט יום כיפור, און יעדער בעט זיך איבער".

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארומגערעדט אז דעם רבינ'ס זאך איז בעיקר "התחזקות" - זיך צו שטארקן און אנצוגיין אפילו ווען זאכן גייען נישט כסדר.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט א מעשה וואס האט פאסירט מיט א איד אין די צייטן פון רבי נתן, וואס יענער פלעגט לכתחילה פאסטן יעדע וואך משבת לשבת, אבער איינמאל ווען עס איז אריבער אויף אים א שוועריקייט, איז ער נעבעך אינגאנצן אוועקגעפאלן. דער קונץ איז נישט נאר צו קענען אנגיין ווען אלעס גייט ווי געשמירט, נאר אפילו ווען מען פאלט אראפ און זאכן גייען נישט גוט און גרינג, זאל מען ווייטער קענען אנגיין מיט א שטארקייט, אפילו ווען זאכן גייען נאר האלבוועגס.

פון דעם איז דער ראש ישיבה שליט"א אריינגעפארן אין א לענגערע שמועס איבער דעם סדר דרך הלימוד פונעם הייליגן רבי'ן, וואס ביי דעם קען מען ממש זען אז נאר מיט התחזקות קען מען מצליח זיין צו לערנען די הייליגע תורה יעדן טאג.

אודאי האט יעדער זיין סדר וויאזוי ער לערנט, צי מיט א חברותא צי מיט א מגיד שיעור און אזוי ווייטער, אבער עס זענען דא אזויפיל טעג וואס מען קומט נישט אן צו לערנען קיין תורה, למשל יעצט אום ערב ראש השנה, אום ראש השנה, און אזוי ווייטער; וויפיל מענטשן קומען שוין אן צו לערנען תורה אין די דאזיגע טעג?

ווען מען האט אבער דעם סדר דרך הלימוד פונעם הייליגן רבי'ן - וואס דער רבי האט אונז אויסגעלערנט אז מען קען לערנען די ווערטער פון די תורה אפילו אן פארשטיין, און אפילו מען געדענקט נישט וואס מען האט געלערנט - קען מען אלץ האבן מיט זיך עטליכע ספרים: א חומש, א משניות, א גמרא, א תהלים און דאס גלייכן, און מען קען שטענדיג אריינכאפן נאך און נאך פון די הייליגע תורה. צו דעם דארף מען גארנישט האבן, און דאס קען מען אלעמאל טון.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אויך שטארק ארומגערעדט פון התבודדות, זיך אויסרעדן דאס הארץ צום אייבערשטן, ובפרט דא אין אומאן זאל מען אויסנוצן די צייט און זיך אויסבעטן אלעס וואס מען דארף.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט אז א אינגערמאן האט אים געזאגט פאריאר, אז כאטש ער וויל בעטן אסאך זאכן אין אומאן, האט ער באשלאסן צו נעמען איין זאך אויף וואס ער וועט ספעציעל שטארק בעטן און דאס אויספועלן: ער זאל קענען ארויסנעמען דעם טעבלעט פונדערהיים.

דאס איז א זאך וואס ער דארף באמת זייער וויכטיג האבן לצורך פרנסה, אבער ער ווייסט אז עס איז נישט אויסגעהאלטן דאס צו האלטן אין שטוב און ער האט נישט געוואוסט וויאזוי דאס צו באוויזן.

למעשה האט ער דאס טאקע אויסגעפועלט, און ער האט געטראפן א וועג וויאזוי דאס ארויסצונעמען פון הויז.

דער ראש ישיבה שליט"א האט קלארגעשטעלט אז ער רעדט נישט פון די וואס האבן כלים אן קיין פילטער, ער איז קיינעם נישט חושד אפילו אויף אזא זאך, אבער אפילו מיט א פילטער דארף מען האבן גרויס רחמי שמים; דערווייל איז נאכנישטא קיין פילטער וואס זאל ארויסנעמען די ליצנות און די קאלטקייט צו אידישקייט וואס מען באקומט פון די אלע כלים, און מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן צו קענען פטור ווערן דערפון.

נאך מעריב איז ווידער געווען א שיינע סעודה, און דער עולם האט זיך געלייגט שלאפן גלייך נאך די סעודה. מען איז אויפגעשטאנען ביים עלות.

וכמעשהו בראשונה כך מעשהו בשניה; די תפילות דעם צווייטן טאג זענען אויך געווען מיט'ן זעלבן ברען און התעוררות, מיט א געוואלדיגע פרישקייט צו ממליך זיין דעם אייבערשטן און זיך אויסצובעטן א גוט געבענטשט יאר.

## צווייטן טאג יום טוב

דעם צווייטן טאג האבן מיר געהאט די זכיה צו הערן שופר בלאזן פונעם ראש ישיבה שליט"א. פאר די תקיעות האט דער

**גרשון קרעמער**

ראש ישיבה שליט"א מעורר געווען אויסצונוצן די געהויבענע מינוטן ווי עס דארף צו זיין. בשעת מען בלאזט שופר צומישט מען די טענות פונעם שטן און ער קען נישט מקטרג זיין, דערפאר איז עס א זייער גוטע צייט ווען מען קען בעטן דעם אייבערשטן וואס מען וויל און אים איבערבעטן.

אויך האט דער ראש ישיבה שליט"א ווידער זייער שטארק געבעטן אז קיינער זאל נישט פיינט האבן א צווייטן; מען זאל זיך שטארק דערווייטערן פון מחלוקת, און אפילו ווען מען האלט אנדערש פון יענעם דארף מען זיך נאך אלץ ליב האבן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זייער אנגעווארעמט דעם ציבור אז ווער עס האט א שווער הארץ אויף א צווייטן, איז יעצט די ריכטיגע צייט יעדן מוחל צו זיין און אנהויבן א נייעם בלאט אין לעבן, צו זיין בשלום ושלוה מיט אלע אידישע קינדער.

איבער דעם ענין פון זיך "אויסבעטן", האט דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט אז ווען דער הייליגער רבי איז שוין געווען זייער נישט געזונט, איז זיין אייניקל ישראל אריינקומען צו אים. האט אים דער רבי געזאגט: "ישראליק, בעט דעם אייבערשטן פאר מיר אז איך זאל זיין געזונט." דער קליינער ישראליק האט געזאגט אז ער וויל עפעס באקומען פאר דעם, און דער רבי האט אים געגעבן זיין גאלדענעם זייגער.

דאן האט ישראליק זיך אנגערופן: "גאט גאט, לאז מיין זיידע זיין געזונט!" דער עולם ארום האט זיך צושמייכלט פונעם קליינעם: "פאר דעם האסטו באקומען דעם גאלדענעם זייגער? בלויז צו זאגן די פאָר פשוטע ווערטער?!"

אבער דער רבי האט זיך אנגערופן צום עולם און זיי פארגעהאלטן פארוואס זיי לאכן פונעם קינד: "וויאזוי דען בעט מען דעם אייבערשטן אויב נישט אזוי?" דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגעפירט אז דאס מיינט זיך אויסבעטן: פשוט צו בעטן אויף די אייגענע שפראך אלעס וואס מען דארף - "באשעפער, איך דארף פרנסה", "באשעפער, איך דארף קינדער", "באשעפער, איך דארף נחת פון די קינדער", "באשעפער, איך וויל זיין געזונט", און אזוי ווייטער בעט יעדער זיינע געברויכן אויף א פשוטע שפראך.

נאכ'ן דאווענען איז געווען א שיינע סעודה; בעלי מנגנים און חזנים האבן זיך אויפגעשטעלט זינגען שיינע ניגונים און נוסחאות לכבוד יום טוב.

אום פינף-דרייסיג איז מען געגאנגען אינאיינעם זאגן תשליך ביים וואסער, און נאכ'ן זאגן די תפילות האט מען זיך ארויסגעלאזט אין א טאנץ צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן.

נאכמיטאג האט מען געדאווענט מנחה, און דערנאך האט דער ראש ישיבה ווידער געגעבן א שיינע דרשה.

דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט איבער די גרויסקייט פון זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, און וויפיל מען דארף דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מען האט זוכה געווען איבערצוקומען אלע מניעות און זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה. מען קען נישט קוקן אויף דעם צי מען האט יא געהאט א געפיל אדער נישט; ווען עס קומט צו אידישקייט דארף מען טון וואס איז ריכטיג און וואס דער אייבערשטער וויל, אן קוקן צי מען האט א געפיל דערין.

יעצט קומט דער הייליגער יום טוב סוכות - מען דארף זיצן אין די סוכה, מען דארף שאקלען לולב, נישט קיין חילוק צי מען האט יא א געפיל אין דעם אדער נישט.

מען דארף מיטנעמען דעם רבי'ן אויף אויף די גאנצע יאר, נישט נאר אויף ראש השנה: לערנען די ספרים פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים, זיך שטארקן מיט די עצות פונעם הייליגן רבי'ן, און איבערגעבן אויך פאר די קינדער די לימודים פונעם רבי'ן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט שטארק ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון די ברסלב'ע מוסדות, סיי אין אמעריקע און סיי אין ארץ ישראל, וואו מען רעדט צו די קינדער יעדן טאג פונעם הייליגן רבי'ן. די קינדער וואקסן אויף מיט'ן רבי'ן, און בעיקר מיט די הויפט עצה פונעם הייליגן רבי'ן צו רעדן צום אייבערשטן אויף די אייגענע שפראך, זיך אויסגיסן דאס הארץ צום אייבערשטן און אים בעטן כסדר אלעס וואס מען וויל.

## מי שהיה אצלי על ראש השנה, ראוי לו לשמוח כל השנה!




# א שפאציר אין שוק זופניק



אשר קרשנו

יוסף הכהן כ"ץ









# במצותיו וצונו

# על נטילת לולב

"ערבות, ערבות! הדסים, אתרוגים, לולבים!"

בלויז דורכגייענדיג די ירושלימ'ער געסלעך, הערט מען שוין די שוק-קולות וואס שפראצן ארויס פונעם ארבע מינים צענטער "שוק זופניק", וואס געפינט זיך אונטערן באקאנטן בנין זופניק, וואו עס געפינען זיך אויך די אפיסעס פון די "עדה החרדית".

דארט אינטן געפינט זיך א גרויסער שטח וואס ווערט אנגערופן "רחבת זופניק", וואס במשך דעם יאר ווערט דאס פלאץ באנוצט פאר עצרת'ן הפגנות וכדומה, וואס ווערן אנגעפירט דורך די עדה. דאס אסטראטעגישע פלאץ נעבן "כיכר השבת" מאכט אסאך אויס, בפרט ווען עס קומט ערב סוכות, ווען דארט ווערט דער גרעסטער "שוק ארבע מינים" אין ירושלים, און מענטשן זוכן צו קויפן זייערע ד' מינים אינעם צענטער פון שטאט.

די ברייטע קוואליטעט וואס איז דא פארהאן איז עפעס ספעציעל: אלע מיני אתרוגים - חב"ד אתרוגים, מאראקאנער, יאנאווער, תימנ'ער, און אתרוגי חזון איש.

ווער רעדט נאך וואס עס טוט זיך מיט די לולבים, הדסים, און ערבות; אלע מינים און אלע סארטן ד' מינים. יעדער וואס קומט נאר און זוכט סיי וואס, וועט עס דארט טרעפן.

דאס אלעס ברענגט צו אז עס זאל ווערן די גרעסטע מארק. נאך א גאר שיינע זאך וואס מען שטעלט דארט צו איז א בית הוראה פאר ד' מינים. אונטן ביים בנין זופניק געפינט זיך א בית המדרש וואס ווערט געפירט דורך הגאון רבי יצחק אייזיק כהנא שליט"א, חבר הביד"צ, און אין די טעג פון די מארק ווערט די גאנצע בית המדרש פארוואנדלט אין א



עס ווירבעלט זיך אינעם שוק זופניק א צאמשטעל פון אלע סארט אידן פון אלע שיכטן קרייזן, אלע מיט איין ציל צו מקיים זיין די מצוה פון שאקלען לולב און מיט דעם טון דעם אייבערשטנ'ס רצון.





# על נטילת לולב

## אשר קדשנו במצותיו וצונו





וואס זאגט דער רב צו מיין לולב? עס איז א יופי, ניין?!



בית הוראה. די טישן ווערן אויפגעשטעלט ווי א וועג צו ווארטן פאר די רבנים וואס זיצן ביים סוף שורה מיט פלעשלייטס און פארגרעסערונג גלעזער, און ענטפערן פאר יעדן איינעם מיט א רואיגקייט און א שמייכל איבער די כשרות און הידור פון זיין ד' מינים.

די פארקויפער שרייבן זיך איין געגנט פרי כדי צו קענען האבן א טישל פארשטייט זיך אז די מענטשן וואס האבן שוין א חזקה פון פריערדיגע יארן, האבן א זכות קדימה צו פארקויפן. שוין פאר ראש השנה הייבן זיך אן די הכנות אינעם שטח, ווען די ריזיגע פארקינג לאט פארן בנין ווערט באדעקט מיט א גוטן שלאק, און מען שטעלט אוועק שורות פון טישלעך, עס ווערט צוטיילט אויף פיר אפטיילונגען, וואו אין יעדן געגנט פארקויפט מען א אנדערע מין פון די ד' מינים. עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן אז דאס בית מדרש "היכל הקודש" אין ירושלים געפינט זיך ממש דארט.

איינע פון די טעג פאר סוכות איז דער שרייבער פון די שורות אריינגעקומען אין בית מדרש, און ער זעט ווי א גרויסע משפחה האט זיך אריינגעזעצט אין שול מיט א גאנצע פעקל הדסים, און זיי ווילן אויס א הדס נאך א הדס מיט אלע הידורים. היות אינעם מארק האבן זיי נישט געהאט קיין ישוב הדעת בודק צו זיין, האבן זיי זיך דארט באקוועם געמאכט...

גאר אן אינטערעסאנטע סיטואציע קומט דארט פאר יעדן ערב יום טוב סוכות. לויט די הוראה פון די עדה דארף די מארק ווערן פארמאכט ערב יום טוב פונקטליך צוויי אזייגער. דאס מיינט אז צוויי אזייגער הייבט מען אן איבערצוקערן טישן, און די גאנצע מארק ווערט ה-פ-ק-ר, ממילא ווען



אה איך מיין איך האב עס, דאס איז דער אתרוג וואס איך זוך און געבעטן ד ע ם אייבערשטן צו טרעפן.





# על נטילת לולב

## אשר קדשנו במצותיו וצונו







ה ד ס י ם הדסים!

ביי אונז וועט איר טרעפן די בעסטע הדסים אינעם גאנצן שוק, איך זאג אייך.

אבער איך מיין איך וועל קויפן די געפאקטע רעדי צו גיין.

עס קומען אן די לעצטע צוואנציג מינוט פון די מארק, הייבן די פרייזן אן צו פאלן; די פארקויפער זוכן צו פארקויפן ווי מער פון זייער סחורה וואס גייט גארנישט ווערד זיין אין די קומענדיגע צייט. דעמאלטס ווערט עס ווי א עכטע מארק, די קולות גייען ארויף אויף גאר הויכע טענער.

די מענטשן וואס קומען דעמאלטס קויפן – וואס בדרך אגב זענען דא מענטשן וואס קויפן ערשט דעמאלטס זייערע ד' מינים, בפרט אזעלכע וואס קויפן פאר זייערע קינדער (אין א שמועס וואס איך האב געכאפט מיט'ן רעדאקטאר פון בלעטל וועגן די מארק, האט ער זיך דערמאנט שיינע זכרונות פון אלס קינד, ווי מען פלעגט קומען אין די לעצטע מינוט כאפן די שפאט-ביליגע ד' מינים) – ווייסן די הנהגה און נוצן עס אויס, און קוועטשן אראפ די פרייזן ביזן ערד. חוץ פון די באקאנטע קאמפאני "אתרוגי בענדיקט", וואס זיי האבן גאר מהודר'דיגע און שיינע אתרוגים און זיי היטן זייער שטארק אויף זייער נאמען און נעמען אוועק אלע אתרוגים, ווערן די פרייזן ביי אלע אנדערע טישלעך שפאט-ביליג. די דראמע וואס שפילט זיך דארט אפ ווען דער זייגער ווערט 13:59 איז שווער צו שילדערן; די אחראים אויף די מארק דרייען איבער טיש נאך טיש, און דער עולם כאפט אויף רעכטס און לינקס פון די פיינע ד' מינים.

די מענטשן וואס האבן געבעטן א תפילה פארדעם: "הייליגער באשעפער, העלף אז איך זאל טרעפן שיינע און מהודר'דיגע ד' מינים", גייען ארויס מיט מהודר'דיגע מינים.

דער הייליגער רבי זאגט, אז דאס וואס מענטשן ספענדן אזוי סאך




ר' שמעון עוזר האט זיכער געטראפן א ריכטיגע ד' מינים סעט, **ווייל ער ווייסט פון תפילה!**





על נטילת לולב

# אשר קדשנו במצותיו וצונו






"רבותי רבות" הערט מען אויסשרייען "אט אט און די שוק ענדיגט זיך, כאפט אריין די לעצטע רגעים".



געלט פאר אן אתרוג האט אן עקסטערן ענין און משמעות.

נאכן שפאצירן אביסל אין די ירושלימ'ער גאסעלעך און נאכן אטעמען די לופט דארט, לאמיר נישט פארגעסן פארן שאקלען די הייליגע מינים מיט שמחה, אז אונזער מויל זאל בעטן: "הייליגער באשעפער, שיק מיר א ישועה". אויב מיין ישועה דארף קומען פון מזרח, מערב, צפון, דרום, למעלה אדער למטה – שיק מיר עס פון דארט! הייליגער באשעפער, העלף איך זאל געדענקען אז דו ביסט מיט מיר אלעמאל, סיי ווען איך בין אונטן און סיי ווען איך בין אויבן. זאל איך אייביג געדענקען אז דו האסט מיר ליב און דו האסט ליב צו הערן מיין קול, און מיר וועלן זוכה זיין צו "ושמחת בחגך" און מען וועט אייביג זיין נאר פרייליך.



קויפט ביי אונז אייער אתרוג, ווייסט פארוואס? וועסט עס האבן וועסטו פארשטיין...





# על נטילת לולב

## אשר קדשנו במצותיו וצונו







און וואס איז יעצט?

אלע זענען אנטלאפן פון אונז, מיר - שאכטעלעך זענען געבליבן אזוי איינזאם אליין, אבער נאך אלע מעשיות גיין אידן שאקלען מיט אונזערע ד' מינים, און דער יצר הרע גייט ווערן צושטאכן.



# א ריכטיגער יום טוב סוכות

**בעזרת השם יתברך – ערב סוכות, י"ד תשרי, שנת תשע"ז לפ"ק**

לכבוד ... נרו יאיר

געלויבט איז דער אייבערשטער אז מיר גייען אריין היינט אין דעם יום טוב סוכות.

דער הייליגער רבי האט געזאגט אז זיין זאך איז 'ראש השנה', און גלייך נאך 'ראש השנה'ווארט ער שוין אויף דעם קומענדיגן ראש השנה, און דער רבי האט געזאגט אז ער הערט שוין גלייך נאך 'ראש השנה' ווי דער שמש גייט ארום אויף וועקן צו סליחות.

רבי נתן האט געזאגט אז זיין זאך איז 'יום כיפור'. ווייל ער האט שטענדיג געזוכט א לימוד זכות אויף אידישע קינדער, און ער האט געזאגט אז ער קען מלמד זכות זיין אויף יעדן איד; עס איז באוויסט אז רבי נתן האט געבעטן זיינע תלמידים מען זאל אים מקבר זייןביים טויער פונעם 'בית הקברות', ווייל ער וויל מלמד זכות זיין אויף יעדן נפטר וואס מען וועט אריין ברענגען אין בית הקברות צו מקבר זיין.

און אויב דו ביסט שוין געווען אין ברסלב ביי רבי נתן'ס ציון זעט מען טאקע ווי ער ליגט ביים טויער, דאס איז געווען רבי נתן – ער האט שטענדיג מלמד זכות געווען אויף יעדן איד.

ווען עס איז ארויס געקומען די פירוש 'מהר"ם שיף' אויף ש"ס, האט רבי נתן געזאגט: "**איך קען זאגן פשט אויף יעדן שטיקל 'מהר"ם שיף', אבער אויף א איד קען איך נישט זאגן קיין פשט**, ווייל אפילו ער איז זייער ווייט, אבער אין איין סקונדע קען ער זיין זייער נאנט צום אייבערשטן".

מוהרא"ש האט געזאגט אז זיין זאך איז יו"ט סוכות. ווייל מוהרא"ש האט זייער אסאך גערעדט פון זיך הייליגן די זיבן נירות וואס דאס איז = די צוויי אויגן, די צוויי אויערן, די צוויי נאז לעכער און די מויל; און דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן ח"א, סימן כ"א) אז די שבעה נרות איז מכוון אקעגן די שבעה ענני הכבוד – די זיבן וואלקענעס וואס האבן באשיצט די אידישע קינדער אין מדבר, וואס דאס איז די סוכה = די פיר ווענט מיט די דאך און די ערד, און איין וואלקן וואס איז געגאנגען פון פאראויס.



# א בריוו פון דער ראש ישיבה

מוהרא"ש האט זייער אסאך געלערנט דעם תורה, און דאס מערסטע התבודדות האט ער געמאכט אויף דעם תורה - אויף די זיבן נרות, און עס איז נישט געווען א שיעור וואס מוהרא"ש זאל נישט רעדן פון דעם תורה.

ווייל דאס איז דער עיקר פונעם מענטש; ווען א מענטש גיבט אכטונג אויף זיינע אויגן - ער קוקט נישט קיין שמוץ, ער גיבט אכטונג אויף זיינע אויערן - ער איז נישט אינטערסירט צו הערן נייעס און לשון הרע וכו', ער גיבט אכטונג אויף זיין נאז - וואס דאס איז כעס, ער רעגט זיך נישט אויף יעדע זאך, נאר ער גלייבט אינעם אייבערשטן און ער ווייסט אז יעדע זאך קומט פונעם אייבערשטן, און ער גיבט אכטונג אויף זיין מויל - ער רעדט נאר איידל, ער שעלט נישט און ער רעדט נישט קיין ניבול פה, דער מענטש האט א קלארע קאפ און ער טראכט נאר פונעם אייבערשטן.

דער גאנצע מענטש איז די מח-מחשבה, פון אינדרויסן קען מען נישט זען וואס א מענטש איז, מען קען גיין אנגעטון מיט שמונה בגדים און אויסזען ווי 'מר בר רב אשי', מען קען גיין מיט א רעזשעוואלקע אבער אינעווייניג איז מען פארפוילט און פארדארבן, ווייל מען קוקט שמוציגע מאוויס - פארנאגראפיע רחמנא לצלן, און מען זינדיגט אין פגם הברית רחמנא לצלן, וואס דער זוהר הקדוש זאגט זייער שארף, און חז"ל זאגן (נדה י"ג, ע"א) אמר רבי יוחנן: "כל המוציא שכבת זרע לבטלה חייב מיתה, רבי יצחק ורבי אמי אמרי: כאילו שופך דמים", ווייל עס איז אזוי ווי ער הרג'עט זיינע אייגענע קינדער, וואס ווען א מענטש הרג'עט די אייגענע קינדער איז ער די גרעסטע רוצח וואס איז נאר פאראנען.

ווען א מענטש היט זיך נישט די אויגן און א גאנצע נאכט גראבלט ער אין גארבידזש, און זוכט וואו מען קען זען נאך שמוץ, ווערט אים דאס גאנצע מח פארברענט, און ער קען שוין גארנישט טראכטן. נאכדעם האט ער פיינט זיין אייגענע ווייב און קינדער, דערפאר זעט מען ווי מענטשן ווערן נערוועז ווען זייער ווייב רופט זיי, און ווען זייער ווייב בעט א טובה ווערן זיי משוגע און שרייען און רעגן זיך, דאס איז א סימן אז דער מענטש איז פארדארבן פון קאפ ביז פיס. דערפאר פלעגט מוהרא"ש זייער אסאך רעדן פון קדושת עיניים.

מיר דארפן זיך זייער פרייען אז מיר גייען אריין אין אזא הייליגער יום טוב ווי מיר זיצן אונטער די שאטן פונעם אייבערשטן, אזוי ווי עס שטייט "בְּצֵל כְּנָפֶיךָ תַּסְתִּירֵנִי". מוהרא"ש פלעגט זאגן אז אין די סוכה קען מען מאכן גוטע התבודדות ווייל מען זיצט אין היכל המלך, און מ'באהאלט זיך אין די סוכה אזוי ווי עס שטייט "כִּי יִצְפְּנֵנִי בְּסֻכֹּה".

דערפאר בעט איך דיר מיין ליבער תלמיד, זע צו זיצן אין די סוכה און זאלסט דארט שמועסן מיטן אייבערשטן, פארציייל אים אלעס וואס גייט איבער אויף דיר, בעט אויף יעדע זאך און זאג אים ווי שווער עס איז דיר צו זיין ערליך און ווי שטארק דו ווילסט זיין וואויל און ווי דער יצר הרע ווארפט דיך אראפ.

זאלסט אכטונג געבן וואו דו גייסט חול המועד האלטן, זאלסט נישט גיין אויף פלעצער וואו עס איז דא פריצות; געדענק, מיר זענען יעצט ארויס פון יום כיפור און דער אייבערשטער האט אונז מוחל געווען אלע עבירות און מיר האבן זיך פארגענומען צו זיין וואויל און ערליך, דערפאר גיי נישט צו פלעצער וואו עס איז נישט איידל.

מוהרא"ש האט פארציילט אז עס איז געווען א ברסלבער חסיד ר' שמואל צ'צ'יק ז"ל, ער האט געזאגט: "ביים אהיימפארן פון אומאן וואו מען האט געזאגט די 'תיקון הכללי', נאכן זיין אין קיעוו אין ערפארט, דארף מען שוין צוריק פארן צום רבינ'ס ציון נאכאמאל זאגן די 'תיקון הכללי', פון די שמוציגע ערפארט וואו מען איז זיך מטמא די אויגן".

דאס זעלבע זאג איך דיר, מיר קומען יעצט פון רבי'נס ציון און מיר זענען געווארן אפגעוואשן, פארוואס זאלסטו גיין אויף פלעצער וואו מען קען זיך נישט היטן די אויגן.

געדענק אז 'חול המועד' דארף מען אויך לערנען, און יעצט איז א צייט וואס מען קען זיך אביסל כאפן דעם אטעם; א גאנץ יאר איז מען פאריאגט און פארפלאגט, מען ארבעט שווער און ווען מען קומט אהיים ביינאכט און מען וויל אביסל לערנען שלאפט מען איין, אבער יעצט האסטו א וואך צייט וואס מען קען אביסל לערנען.

# א ריכטיגער יום טוב סוכות

איך האב מורא'דיג הנאה שבת נאכמיטאג ווען איך קום אין ישיבה טרעף איך אינגעלייט - וואס א גאנצע וואך ארבעטן זיי ביטער שווער - ווי **זיי זיצן און לערנען בלעטער גמרא און פרקים משניות, דאס איז מיין גאנצע נחת און מיין גאנצע לעבן.**

מען זעט ממש וואס דער רבי האט געוואלט (שיחות הר"ן, סימן י"ט) "נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ אֶת הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה, שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לִלְמֹוד 'כָּךְ וְכָךְ' בְּכָל יוֹם", דאס האט דער הייליגער געוואלט, אז מען זאל לערנען בלעטער גמרא און פרקים משניות, און דאס זעט מען אין 'היכל הקודש', עס איז דא אינגעלייט וואס קיינער ווייסט נישט ווער זיי זענען ווייל זיי זעען אויס פשוט, אבער זיי זענען מסיים יעדע יאר אדער יעדע האלבע יאר ש"ס.

מען דארף יעדן איינעם מחזק זיין, אבער **דא אין 'היכל הקודש' קען מען נישט זיין נאר ווער עס פאלגט מוהרא"ש**, און איך וועל נישט לאזן מען זאל דא קומען סתם צו שטופן די צייט, איך וועל פארטרייבן א אינגערמאן וואס מיינט אז דא איז אן 'ערי מקלט'.

ביי סתם מענטשן איז דער עיקר וויפיל מענטשן עס דרייען זיך, אויב איז דא אסאך מענטשן איז מען א גרויסער רבי און אויב איז דא ווייניג מענטשן איז מען א קליינע רבי, אבער אין ברסלב ביים רבי'ן איז פארקערט.

דער רבי האט דערציילט (סיפורי מעשיות, מעשה יג): איינער האט זיך בארימט אז ער האט די זאך פון "מְעַט מַחֲזִיק אֶת הַמְּרֻבֶּה" ווייל ער האט א סאך מענטשן און אלעס ליגט אויף זיין קליינע מח, האט אים איינער געזאגט: "איך האב געזען א "הַר שֶׁל זֶבֶל וְטִנּוּף" און איינער האט זיך בארימט אז ער האט אויך די זאך פון "מְעַט מַחֲזִיק אֶת הַמְּרֻבֶּה" ווייל אלע זֶבֶל וְטִנּוּף קומען פון אים און דאס זעלבע "מְעַט מַחֲזִיק אֶת הַמְּרֻבֶּה" ביסטו"; אסאך מענטשן איז נישט מעלה און נישט מוריד.

מוהרא"ש שרייבט זייער אסאך מאל אין 'אשר בנחל' **ענדערש האבן א קליינע קהילה וואס אלע זענען דערביי צו העלפן, צו פאלגן און צו גיין 'הפצה', ווי צו האבן א גרויסע עולם פון מחותנים וכו'.**

איינער האט אמאל פארציילט פאר א ברסלב'ער חסיד אז זיין רבי איז זייער גרויס, ווייל נעכטן ביי די 'הקפות' איז געווען אזא עולם אז עס איז ממש געווען 'סכנת נפשות', זאגט אים דער ברסלב'ער חסיד ביי ענק איז געווען 'סכנת נפשות'? ביי אונז איז געווען 'מחי' נפשות'; ווייל דער רבי איז מחי' יעדן איינעם און ווער עס פאלגט דעם רבי'ן האט א חיים טובים.

איך בעט דיר זייער שטארק, עס קומט יום טוב - גיי אין שול דאווענען, וואסערע פנים האט מען אז מען פאפט א גאנץ יום טוב און מען שטייט אויף צו די סעודות? ווי אזוי קוקט דיר דיין ווייב אן? ווי אזוי קוקסטו זיך אן? וואסערע פנים האט די גאנצע יום טוב? מען זאגט הלל, מען זאגט הושענות, ממש א מחי'.

דער רבי זאגט (ספר המידות אות אהבה, סימן ח'): "עַל יְדֵי אֲמִירַת הַלֵּל בְּקוֹל גָּדוֹל, זוֹכִים לְאַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ". אז מען זאגט הלל אויפן קול איז מען זוכה ליב צו האבן דעם אייבערשטן, דערפאר זאגן מיר הלל אין ישיבה צוזאמען אויפן קול.

נאך זאגט דער רבי (ספר המידות אות מריבה, סימן ג') "עַל יְדֵי קְרִיאַת הַלֵּל יוֹשִׁיעַ לְךָ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מֵאוֹיְבֶיךָ". יעדער האט פיינט, בפרט דער גרויסער פיינט דער יצר הרע וואס ער האט פיינט א מענטש און ער וויל אים נאר צו נעמען דער וועלט און יענע וועלט, אזוי ווי ר' אברהם בן ר' נחמן האט געזאגט: "דער ס"מ וויל נישט צונעמען דעם מענטש זיין רוחניות, ער וויל אים צונעמען זיין גשמיות אויך", ער וויל אים הרג'ענען אינגאנצן.

נאך זאג דער רבי (ספר המידות אות שרים, סימן ג'): "אֲמִירַת 'הַלֵּל' וּצְדָקָה מְסֻגָּלִין לְחֵן בְּעֵינֵי הַשַּׂר". אז מען זאגט הלל באקומט מען חן.

דער הייליגער צאנזער רב זי"ע פלעגט זאגן יו"ט נאכן דאווענען: "יעצט האבן מיר שוין מקיים געווען 'חציו לכם', יעצט לאמיר גיין מאכן די סעודה און מקיים זיין 'חציו לשם'; ווייל ער האט געשפירט א מורא'דיגע געשמאק אינעם דאווענען, און יעדע מענטש קען זוכה זיין צו דעם.

איך האב געמוזט פארשיקן א אינגערמאן פון שול דעם יום כיפור; קודם כל קומט ער אן נאכן ליינען וואס דאס אליינס איז א קשיא, יום כיפור ווען יעדער קומט אין שול - אפילו די פרייע און אפילו

א בריוו
פון דער
ראש ישיבה

**עצתו אמונה סוכות תשע"ז**

מענטשן וואס מען זעט זיי נישט א גאנץ יאר -  שלאפט מען א גאנצן טאג? אויב איז דאס נישט גענוג קומט ער און הייבט אן שמועסן און שטערט א צווייטן וואס וויל יא דאווענען און וואס וויל זיך אויסבעטן פארן יאר, האב איך אים געבעטן ער זאל גיין אין א צווייטע שול.

ווייל עס טוט מיר זייער וויי צו זען ווי אינגעלייט האבן נישט קיין יראת שמים, ווייל אז דו ביסט פארשלאפן קום אין שול און זיץ אונטער דיין טלית און שעם דיך כאטשיג, נישט שטער און שמועס, דא אין ישיבה קען מען נישט קומען שמועסן און שטערן דאס דאווענען.

איך האב געזאגט פאר די בחורים אז זיי זאלן זיך קויפן ד' מינים, **זאגט מיר א בחור אז ער שעמט זיך צו קומען אין שול מיט די ד' מינים. שעמען דארף מען זיך שעמען מיט א איי-פאון** וואס דאס רייסט ארויס יעדעס ברעקל יראת שמים פונעם מענטש, ד' מינים איז דאך א מצוה, און מען שאקלט עס אויף אלע זייטן צו ווייזן אז דער אייבערשטער איז איבעראל.

דער רבי זאגט (ספר המידות אות רפואה, סימן ד') "הִסְתַּכְּלוּת עַל אֶתְרוֹג הוּא רְפוּאָה לִכְאֵב עֵינַיִם". און ווען מען שאקלט די ד' מינים און מען קוקט אויפן אתרוג באקומט מען ריינע אויגן. און מען בעט דעמאלט "הוֹשַׁע נָא כַּלֵּה מַרְשִׁיעִי" נעם אוועק פון מיר דעם יצר הרע, "הוֹשַׁע נָא לְבַל עוֹד תַּרְשִׁיעִי", העלף מיר טאטע איך וויל זיין אן ערליכער איד, איך וויל מער נישט זינדיגן.

אויך בעטן מיר "הוֹשַׁע נָא פִּנַּת יִקְרָת" העלף מיר טאטע מיר זאלן האבן א שיינע ווינקעלע וואו מיר וועלן קענען אויפציען אונזערע קינדער און לערנען און דאווענען. "הוֹשַׁע נָא צִיּוֹן הַמְצֻיֶּנֶת", מיר בעטן אז מיר זאלן קענען פארן קיין אומאן אויף ראש השנה. אזוי ווייטער אזעלכע שיינע תפילות, ווי מיר בעטן זיך אויס פארן יאר, איז א שאד אז די בחורים און קינדער זאלן נישט האבן די ד' מינים צו קענען מיט דאווענען.

**א פרייליכן יום טוב.**



# געדאנקען

## דער צדיק שניידט אריין אין אמעריקע

דעם סוכות תשפ"ז איז אכציג יאר זינט די ערשטע סוכות וואס רבינו הקדוש מ'סאטמאר איז געווען אין אמעריקע.

דער רבי איז אנגעקומען קיין אמעריקע אום ראש השנה תש"ז, געהייסן האט עס ביים באשטימען די רייזע פון ארץ ישראל קיין אמעריקע אז מען וועט אנקומען בעפאר ראש השנה, אבער עס האט זיך אזוי געמאכט אז די שיף האט געאנקערט אום סאמע ראש השנה, דער רבי האט זיך פארזוימט אויפ'ן שיף ביז מוצאי ראש השנה און דעמאלטס אראפ פון שיף.

ראש השנה איז דעמאלטס געווען דאנערשטאג פרייטאג, איך בין נישט זיכער צו די שיף האט געאנקערט פרייטאג ראש השנה ממש, אדער גאר שבת שובה, אבער אלענפאלס איז דער רבי נישט אראפ פון שיף ביז מוצאי שבת קודש.

יום הקדוש האט דער רבי געדאווענט אין די שול וואס איז היינט נייטרא אויף ראדני צווישן בעדפערד און לי, דעמאלטס איז עס נישט געווען נייטרא, דעמאלטס איז עס געווען סטאלין'ער בית המדרש, ווען איך בין געווען א קליין אינגל איז עס נאך געווען סטאלינער בית המדרש, איך געדענק גוט ווי מען פלעגט דארט גיין זען די קארלינער לעבעדיגע פייערדיגע הקפות שמחת תורה ביינאכט, ווייל אין סאטמאר פלעגט מען אנהייבן הקפות נאך חצות, פלעגן מיר גיין זען הקפות אין אנדערע פלעצער.

דער רבי איז איינגעשטאנען ביי הרה"ח מו"ה מרדכי פליישמאן ע"ה, א געטרייער חסיד פון רבי'ן וואס איז ארויס פון זיין דירה און זיך פארשאפט א פלאץ וואו צו זיין דערווייל ביז מען איז מסדר א געהעריגע פלאץ פאר'ן רבי'ן.

פאר די ערשטע עטליכע טעג אין אמעריקע האט דער רבי געהאט זיין אכסניא ביי מו"ה פייש מאשקאוויטש ע"ה אין קראון הייטס, נאך עטליכע טעג, ווען ר' מרדכי פליישמאן האט געהערט אז דער רבי איז אין ניו יארק האט ער איבערגעגעבן זיין דירה אויף 166 ראדני סטריט פאר'ן רבי'ן ביז מען וועט עפעס מסדר זיין, ווי אויבן דערמאנט.

ר' מרדכי פליישמאן האט עספּיעט צו קומען קיין אמעריקע מיט די לעצטע שיף וואס איז געפארן פון אייראפע קיין ניו יארק איידער'ן אויסברוך פון די צווייטע וועלט מלחמה, דערנאך האט אויסגעבראכן די קריג, מען האט שוין נישט געקענט פארן, ר' מרדכי'ס קינדער זענען אונטער געבליבן אין אייראפע.

שוין יענעם יאר, תש"ז האט דער רבי אנגעהויבן מיט די מהפכה וואס ער האט געמאכט אין אמעריקע.

אין יענעם יאר איז פארגעקומען די באקאנטע מעשה ווי איינער האט געמאכט א ברית ווי דער סנדק זאל זיצן הויך אז עס זאל זיין גרינגער פאר'ן מוהל, ווען דער רבי האט געזען אז מען גרייט זיך צו מאכן דעם ברית אויף אזא אופן, האט ער געפרעגט וואס איז דאס, האט מען געזאגט אז מען קען נאר אזוי, האט ער געפרעגט פארוואס, האט דער מוהל געזאגט פאר'ן רבי'ן אז ער קען זיך נישט בייגן, הערנדיג דאס האט דער רבי געזאגט מיט א פייער, און איך וועל זיך נישט בייגן

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

פאר אמעריקע, און ארויסגעגאנגען איבערלאזנדיג דעם גאנצן ברית מיט די גאנצע זאך פון זיך בייגן פאר אמעריקע.

עס איז געווען א שווערע מלחמה צווישן דעם צדיק דעם מציל הדור און צווישן די שטייפע הארטע קאלטע אמעריקע.

יעדע רגע האט אויסגעזען ווי אמעריקע געווינט, און א סקונדע שפעטער האט מען געזען ווי דער צדיק שניידט אריין אמעריקע אין זיבעטן ריפ. און צוריק ווי אמעריקע געווינט און צוריק ווי דער צדיק שניידט אריין SLOW AND STEADY.

שבת קודש פרשת לך לך, קוים פינעף וואכן וואס דער רבי האט זיך געפינען אין אמעריקע האט מען אים געלאדנט אויף א שבת אין איסט סייד, וואס איז אריבער די בריק פון וויליאמסבורג צו מאנהעטן, גאנצע פופצן שולן פון איסט סייד האבן צוזאמען אריינגעלייגט א מודעה אין די אידישע פרעסע וואו זיי שרייבן "מיר טיילן מיט מיט גרויס פרייד אז כ"ק אדמו"ר הגאון הקדוש רבן של כל בני הגולה צדיק יסוד עולם מרנא ורבנא יואל טייטעלבוים שליט"א אב"ד ור"מ דק"ק סאטמאר, יעצט אין ירושלים, האט אנגענומען אונזער איינלאדונג און האט איינגעוויליגט צו זיין אי"ה דעם שבת קודש, פ' לך, הבעל"ט, דער גאסט פון איסט-סייד'ער אידנטום."

דערנאך שרייבן זיי "אלע אידן פון דאון-טאון ניו יארק זענען געלאדן צו קומען מקבל פנים זיין דעם גרויסן גאון וצדיק הדור שליט"א".

פון דעם שבת אין מאנהעטן ווען מען האט באשריבן דעם רבי'ן אלץ גאון וצדיק הדור רבן של כל בני הגולה צדיק יסוד עולם מרנא ורבנא, ביז מען האט איינגעזען מיט די פליישיגע אויגן די מהפכה וואס דער רבי דער מציל הדור האט געמאכט אין אמעריקע האט נאך גענומען א ווילע, דער רבי האט אסאך עגמת נפש מיטגעמאכט ביז ער האט געטוישט אמעריקע מען זאל האבן עזות דקדושה צו גיין מיט א שטריימל אזוי ווי דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט זיך געפירט. דער רבי האט אסאך בזיונות געהאט ביז ער האט אויסגעריסן די עמי הארצות פון נישט מאכן א סוכה ביי זיך, נאר יוצא זיין בלויז קידוש אין די שול סוכה.

ווי עס איז באקאנט די מעשה מיט די סוכה וואס עס האט דערציילט פאר'ן רבי'ן הגאון הגדול דער פאלטיטשאנער רבי ישראל אברהם שטיין ז"ל.

דער פאלטישטאנער רבי ז"ל איז געווען א מחותן מיט הרה"ג ר' אלחנן חיים טייטלבוים ז"ל, ר' חנה'ס זון הרה"ג אב"ד נעפלימיץ שליט"א איז אן איידעם פון פאלטיטשאנער רבי'ן ז"ל.

דעם רבי'נס אויסערגעווענליכע ידידות און חביבות צום פאלטיטשאנער רב איז געווען א מפורסם'דיגע זאך בקרב חסידי סאטמאר, ווען ס'איז געווען די גרויסע פראטעסט אין מעדיסאן סקוועיר גארדן, אין יאר תשל"ט, די לעצטע פראטעסט וואו דער רבי איז געקומען בשארית כוחותיו, האט דער רבי געפרעגט פאר'ן ארויספארן, דער פאלטיטשאנער רב איז שוין דארט? מען פארשטייט אליין וואס דאס ווייזט וואס דער רבי האט געהאלטן פון פאלטיטשאנער רב ז"ל.

אלע תלמידי חסידי סאטמאר האבן געוואוסט אז ווען דער פאלטיטשאנער רב רעדט איז דא צו הערן זעלטענע דברי חכמה וואס לוינט נישט צו פארפאסן, עס איז באקאנט אז איינמאל נאך א פראטעסט האט דער רבי געזאגט אויפ'ן פאלטיטשאנער רב "ער האט געזאגט פונקט דאס וואס איך האב געוואלט מען זאל זאגן".

די שמועס בנוגע די סוכה איז פארגעקומען ביי א א סעודת ברית אום חול המועד סוכות תשי"ד, דער פאלטיטשאנער רב האט דערציילט פאר'ן רבי'ן אז ער האט געזען ביי זיין בית המדרש די ערשטע נאכט סוכות ווי מענטשן מאכן קידוש אין די סוכה און גייען אהיים און עסן די סעודה אין שטוב!!

ווען ער האט מוחה געווען, האט מען אים געזאגט, רב לעבן! מיר וועלן זיך נישט לאזן איינפירן דא קיין סאטמארע מנהגים!

מיר דארפן דאנקען דעם באשעפער אז אונזערע עלטערן האבן זיך אראפגעבויגן די קאפ פאר צדיקים און דערמיט געראטעוועט זייערע דורות.

מיר וועלן זיך לערנען פון זיי און זיך בייגן די קאפ פאר צדיקים צו ראטעווען אונזערע דורות.



# מ. מאן



# לישב בסוכה

## אשר קדשנו במצותיו וצונו

## ארייינפיר

**די שיינקייט פון אידישע קינדער קומט ארויס דוקא אין זמנים ווען דער אייבערשטער פרואווט אויס כלל ישראל.**

**אז מיר קוקן אריין אין די היסטאריע פון כלל ישראל, זעען מיר מעשיות פון מסירת נפש, תמימות, און אמונה פשוטה; וויאזוי אידן אין אלע דורות און אין אלע אומשטענדן האבן פרובירט צו דינען דעם באשעפער טראץ די שווערע מצבים אין וועלכע זיי זענען געווען.**

**לכבוד יום טוב סוכות ברענגען מיר אפאר מעשיות פון שטילע מסירת נפש וואס האבן זיכער געשפאלטן הימלען און געברענגט ישועות פאר כלל ישראל.**

**זאל דער אייבערשטער אונז רעכענען די אלע זכותים יעצט אינעם יום טוב סוכות ווען מיר בעטן "הושענא"... בזכות אלע וואס האבן זיך מוסר נפש געווען על קידוש שמך.**

## סוכות אונטער די קאמיוניסטן:

אונטער די שרעקליכע רדיפות פון די קאמיוניסטן איז כמעט אוממעגליך געווען זיך צו האלטן שטארק מיט תורה ומצוות. די רשעים האבן אויסגעראטן יעדעס פינטל אידישקייט, און ביטער איז געווען דער גורל פון איינעם וואס האט זיך דערוואגט איבערצוגעבן אידישקייט פאר זיינע קינדער ווייטער.

צווישן די שטילע העלדן פון יענע תקופה איז געווען ר' נחמן אליהו אדינאוו ז"ל. שטילערהייט האט ער פרובירט וואס ער האט נאר געקענט, כדי זיינע קינדער זאלן בלייבן אידן.

ער פלעגט אנווארענען זיינע קינדער אז אינדערהיים זאלן זיי זיין אידן, אבער אין גאס זאלן זיי פרובירן נישט צו ציען קיין אויג. שטיל, אונטער די רוקן פון די רשעים, האט ער געפירט שבתים און ימים טובים. אבער אז עס קומט סוכות, וואס טוט מען? וויאזוי גיט מען זיך אן עצה?

הערט די מסירת נפש פון א איד: ר' נחמן אליהו האט זיך ארויסגעצויגן פון זיין געהעריגע דירה און געדונגען א דירה וואס איז מער געווען ווי א בודקע. זיין דירה האט נישט פארמאגט קיין געהעריגן דאך א גאנץ יאר. שטעלט זיך פאר וואס דאס האט געמיינט אין די רוסישע קעלט! די מעלה איז אבער געווען, אז וויבאלד די דירה איז געווען געמאכט פון פיר האלצערנע ווענט מיט א דאך וואס האט געהאלטן אין איין אראפפאלן, האבן זיי געקענט האבן א כשר'ע סוכה אינעם יום טוב סוכות, ווען זיי האבן "רענאווירט" דעם דאך און געלייגט אנשטאט דעם סכך! און אזוי האט ר' נחמן אליהו געהאט די איינציגסטע כשר'ע סוכה אין זיין גאנצן געגנט. פילע אידן האבן א דאנק אים זוכה געווען מקיים צו זיין דעם "בסוכות תשבו".



אינטערעסאנט איז צוצולייגן, אז ווען ר' נחמן אליהו איז נפטר געווארן אינעם יאר תשכ"ה, האט זיין זון, וועלכער האט שוין ליידער נישט אזוי פיל געוואוסט פון אידישקייט, געטראכט צו זיך אז ער וויל אנהאלטן זיין טאטע'ס שיינעם מנהג פון סוכות. אבער ער האט עס געוואלט מאכן שענער און בעסער. ער האט געדענקט אז זיין טאטע פלעגט באדעקן דעם דאך מיט בלעטער; ער האט געקלערט אז דאס איז מסתם געווען צוליב דעם וואס זיין טאטע האט זיך נישט געקענט ערלויבן עפעס מער. דעריבער האט ער אלס "הידור מצוה" באשטעלט א בעל מלאכה זאל לייגן אן אייזערנעם דאך, כדי עס זאל זיין שטארק און שיין!

ער האט נישט געוואוסט אז דערמיט האט ער פסול געמאכט די סוכה.

יארן שפעטער, ווען די שלוחים פון חב"ד זענען געקומען קיין רוסלאנד און האבן געמאכט די ערשטע סוכה, איז דער זון פון ר' נחמן אליהו געווען איבערראשט צו קומען און מיטהאלטן א ליל סוכות.

ווי נאר ער איז אריינגעקומען און געזען דעם רב מיט'ן כוס וויין פונקט ווי זיין טאטע, האט ער אויטאמאטיש געגעבן א קוק ארויף, און ער האט באמערקט די בלעטער אויפ'ן דאך. אין יענע מינוט האט ער איינגעזען אז ער האט געמאכט א טעות און ער האט אייגנטליך אפגעהאקט זיין טאטע'ס מסורה מיט זיין גוטן ווילן אבער אן די ריכטיגע ידיעות. ער האט אנגעהויבן שטארק צו וויינען.

דער רב האט אים בארואיגט און אים געזאגט אז דער אייבערשטער האט זיכער הנאה פון זיין "אייזערנעם דאך", ווייל דער עיקר וואס דער אייבערשטער דארף איז אונזער הארץ.

דאס איז ווי דער ראש ישיבה דערמאנט אונז, אז דער אייבערשטער פריידט זיך אפילו מיט די טעותים פון אידישע קינדער. אזוי ווי עס שטייט, אז ווען א איד זאגט "ואיבת את ה'" (וואס מיינט ח"ו א פיינט) אנשטאט "ואהבת את ה'", פריידט זיך דער אייבערשטער דערמיט. דאס איז פונקט ווי א מאמע וואס פריידט זיך מיט איר קינד, אפילו (אדער דוקא) ווען דאס קינד רעדט גרייזיג... ווייל דער עיקר וואס דער אייבערשטער וויל פון אונז איז אונזער הארץ. "בכל לבבך" – קיין חילוק אין וועלכע שפראך און אין וועלכע אומשטענדן.

**הושענא... סוכת שלם הושענא...**

## סוכות תרפ"ז:

סימפעראפאל, אוקראינע. די רשעים לאקערן אינדרויסן, זוכן א קרבן, אפשר האט זיך איינער ארויסגעכאפט און דינט יא דעם אייבערשטן מיט תורה און מצוות...

אין זיין קליינער, צאמגעפאלענער סוכה זיצט זיך באהאלטענערהייט דער חב"ד חסיד, רבי פרץ מוטשקין ז"ל. ער איז ליידער קראנק געווארן מיט די טיפוס קרענק, אבער ער וויל נישט אויפגעבן





אשר קדשנו במצותיו וצונו

דעם תענוג רוחני פון זיצן אין די סוכה. די סוכה איז שוואך און קליין; ער האט נישט געוואלט ציען צו זיך די גרויזאמע אויגן פון די קאמיוניסטן, אבער זי איז געווען גענוג גרויס און גענוג שטארק אריינצונעמען די שכינה.

פלוצלינג הערט זיך א קלאפ אין טיר. זיין חבר יעקל פון זשאראוויץ איז אים געקומען דערפרייען און מקיים זיין מצות ביקור חולים. ער איז געקומען פראווען דעם "ושמחת בחגיך" מיט זיין חבר. ער קוועטשט זיך אריין אין דער קליינער סוכה. די סוכה איז געווען אזוי קליין, אז ווען ביידע זענען געזעסן אינאיינעם, איז מער נישט געווען קיין פלאץ פאר נאך איינעם.

עס זיצן זיך אזוי די צוויי חסידים און באטראכטן די אומשטענדן – די שוואכע סוכה'לע, אבער די פעלזן-פעסטע אמונה פון דעם אידישן פאלק. זיי הייבן אן זינגען שטיל אבער מיט געפיל:

א סוכה'לע א קליינע,

פון ברעטעלעך געמיינע,

האב איך מיר א סוכה'לע געמאכט.

באדעקט דעם דאך,

מיט א ביסעלע סכך,

זיץ איך מיר דארט סוכות ביינאכט.

דער ווינט א קאלטן,

וואס בלאזט דורך די שפאלטן,

עס לעשן זיך די ליכטעלעך פיל.

עס איז מיר א חידוש,

ווען איך מאך מיר דארט קידוש,

און די ליכטעלעך זיי ברענען גאנץ שטיל.

ביים ערשטן געריכט,

מיט א בלאסן געזיכט,

טראגט מיר מיין טאכטער'ל אריין.

זי שטעלט עס אוועק,

און זאגט מיט גרויס שרעק,

טאטע'ניו, די סוכה פאלט באלד איין!

זיי נישט קיין נאר,

זאל דיר די סוכה נישט זיין באנג;

עס איז שוין גאר באלד צוויי טויזנט יאר,

און די סוכה'לע שטייט נאך גאנץ לאנג.

אזוי זיצן זיך די צוויי טייערע אידן און זענען זיך מחזק אז די סוכה פון אידישע קינדער איז פעסט און נצחיות'דיג, בשעת די רשעים וועלן אריבערגיין און אויסגיין, און דער אידישער פינק – "נצח ישראל לא ישקר".

ר' פרץ האט זיך ערהוילט, אבער זיין חבר האט מען געכאפט און אים ליידער דערשאסן צום טויט. די רשעים האבן געמיינט אז זיי האבן געוואונען, אבער ותשחק ליום אחרון.

היינט, הונדערט יאר שפעטער, איז שוין קיין זכר פון די רוסישע קאמיוניסטן נישטא, אבער ר' פרץ מיט ר' יעקל האבן זיך משדך געווען צווישן די אייניקלעך, און זיי האבן א מנהג יעדעס יאר חול המועד סוכות איינצולאדן אסאך אידן אין די סוכה און פארברענגען אינאיינעם, לעילוי נשמת די זיידעס וואס האבן






יענעם סוכות מיט מסירת נפש אנגעהאלטן דעם אידישן פינק.

די רשעים זענען נישט דא מער, אבער דאס אידישע פאלק און די אידישע דורות בלייבן אויף אייביג.

**הושענא ההרוגה עליך הושענא!**

# הושענא רבה אין קאמיוניסטישן תפיסה, תרצ"א:

רבי רפאל נחמן הכהן (פאלע) ז"ל איז אריינגעשליידערט געווארן אין די תפיסות פון רוסלאנד צוליב אן עבירה וואס ער איז פארשטענדליך נישט באגאנגען. ער איז אויסגעשטאנען שווערע רדיפות און פייניגונגען צוליב זיין איינציגער זינד: אז ער איז א אידיש קינד.

די תפיסה וועכטער האבן נאר געוואלט איין זאך: צוברעכן זיין אידישן גייסט, ער זאל אפלאזן זיין הייליגע אמונה. אבער אידישע קינדער זענען געגליכן צו זיתים – וואס מער מען קוועטשט זיי, אלס מער לייכטן זיי. דארט אין די פינסטערע תפיסות האט רבי רפאל נחמן געהאלטן א קליינעם אידישן לוח און פרובירט וויפיל ער האט נאר געקענט אפצוהיטן די מצוות.

אין דעם טאג פון הושענא רבה האט מען אריבערגעפירט אלע ארעסטאנטן פון איין תפיסה צום צווייטן. זיי זענען אלע געווען אונטער א שטרענגער וואך, אז קיינער זאל חלילה נישט פרובירן צו אנטלויפן. אויך ר' רפאל נחמן איז געווען דארט צווישן זיי.

פלוצלינג דערזעט ער א דיימאנט פאר זיין אויגן. נישט קיין עכטע דיימאנט, נאר א דיימאנט פאר א איד! ער זעט א בוים פון וועלכן ער קען אראפנעמען אפאר צווייגן כדי צו קענען קלאפן הושענות.

ר' רפאל נחמן ווייסט אז דאס קען אים קאסטן דאס לעבן, אבער זיין גאנצע לעבן האט זיך געווענדט אין דעם! אט קען ער שפירן א קשר מיט זיין אייביגן גאט, אויסדרוקן זיין ליבשאפט און זיך פארבינדן מיט די מצוות פון זיין פאלק; כאטש ער איז אזוי ווייט און אליין, איז ער דאך אזוי נאנט און צוזאמען.

און דארט, אונטער די נאז פון די רוסישע חיות, וואס זייער איינציגער ציל איז אויסצוראטן דעם "גוי אחד בארץ", האט ר' רפאל נחמן שנעל אפגעריסן פינף צווייגן און זיך געגרייט צו קלאפן אויף דער ערד.

"אבער איך דארף דאך א 'יהי רצון' און איך האב נישט קיין סידור," טראכט ער מיט ווייטאג.





"יהי רצון, טאטע," זאגט ער מיט א שטימע געשטיקט פון טרערן, "אז עס זאל גערעכנט ווערן ווי איך זאג דעם יהי רצון! יהי רצון אז מיין קלאפן זאל זיך מצרף זיין צו אלע הייליגע תפילות וואס מיר פלעגן אמאל דאווענען אין אזא הייליגן טאג, און פועל'ן פאר אידן ישועות און רפואות!"

**אנא ה' הושיעה נא, חבוקה ודבוקה בך... הושענא!**

## שמחת תורה אין די די-פי לאגערן

די וועלט איז חרוב. נישטא קיין עלטערע, נישטא קיין קינדער, נישטא קיין רבנים, נישטא קיין הייזער און בתי מדרשים. עס זיצן זיך א פאר צובראכענע אידן אין די פארוואָרפענע די-פי לאגערן גלייך נאך דער צווייטער וועלט מלחמה. די פנימער זענען פארלאשן, דער גייסט איז פארקלאפט. ווער קען נעבעך פארשטיין די צובראכענע נפשות? א גאנצן דור האט מען אויסגעשאכטן פאר זייערע אויגן; זיי האבן צוגעזען ווי די שענסטע און טייערסטע גייען אין די גאז קאמערן, און זייער רויך האט מען נאך געקענט שפירן.

"ברודער, היינט איז שמחת תורה. לאמיר זיך אויפהייבן, ברודער, טאנצן אביסל פארן אויבערשטן. זיך מחזק זיין און מחי' זיין, אז כאטש זענען מיר אידישע קינדער און מיר וועלן נישט בלייבן פארפאלן."

עס איז שווער געווען אויפצוהייבן דעם גייסט פון זיינע צעריסענע ברידער – ווער קען זיי דן זיין? אבער אזוי צוביסלעך, מיט אביסל חיזוק און אביסל שמחה, האט ער מצליח געווען אריינצוציען די ארימע פארפלאגטע ברידער אין א טאנץ. א טאנץ וואס נאר א איד קען טאנצן נאכן אריבערגיין אזא חורבן.

די אידן האבן געטאנצן אין א רינג. זיי האבן געזונגען "אשרי העם שככה לו", זיי האבן געזונגען "טוב לי תורת פיך", אבער א ספר תורה האבן זיי נישט געהאט.

טרערן זענען גערינען פון זייערע אויגן ווען זיי האבן פאר זיך געזען די שמחת תורה פון אמאל. די פרייד, די "שמחת התורה", ווען דער רב מיטן דיין און דער טאטע טאנצן אלע אין איין רינג מיט אזויפיל שמחה און התרגשות.

"אוי..." האט זיך איינער צוקרעכצט, "נישטא מער קיין ספר תורה מיט אונז..."

פלוצלינג האט זיך איינער אפגעשטעלט. אין דער זייט זענען געשטאנען א פאר קליינע קינדער. דאס איז געווען א יקר המציאות, ווייל דער דייטש ימ"ש האט נישט פארשוינט די קינדער און זיי אלע אויסגע'הרג'עט.

מיט טרערן אין די אויגן לויפט ער צו, כאפט דאס קינד און לייגט אים אויף די אקסלען. "דו ביסט אונזער ספר תורה! דו ביסט אונזער עתיד! דו וועסט נאך לערנען די הייליגע תורה!" און אזוי האבן זיי אלע געטאנצן מיט די קינדער, זיך געטיילט מיט'ן "זכות" פון האלטן די צוקומפטיגע ספרי תורה, זיך געפריידט מיט דער אידישער תורה. דאס איז אונזער נצחיות: "ולא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך" – זאל זיך די תורה נישט אפטון פון אונז און אונזערע קינדער מעתה ועד עולם. אמן.

**הושענא... צאן קדשים הושענא!**



מוסדות היכל הקודש ברסלב בארה"ב

רענט קאמפיין

יעמדו על הברכה אברכים הנדיבים

# מו"ה יואל מענדלאוויטש הי"ו

# מו"ה יואל טייטלבוים הי"ו

# מו"ה דוד טשינגל הי"ו

פארן מנדב זיין

## פרנס החודש תשרי

די זכות פון ארויסהעלפן דעם הייליג'ן רבינ'ס מוסדות זאל אייך ביישטיין צו האבן בני ברוכי, פרנסה בשפע, געזונטע לאנגע יארן, מיט פיל סייעתא דשמיא.

## קוק אהער

# איך בין נישט קיין מאשין

נאכדעם וואס איך האב שוין אויסגעוועלט א וועג און געבוקט טיקעטס איז מיין וועג די בעסטע וועג... האט מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו קלאר געשטעלט אינעם קאווע שטיבל.

נו אויב אזוי קומט אויס אז פאר מיר איז טאקע די טשארטער די בעסטע וועג צו פארן.... דאס האב איך באשטעלט דאס איז מיין וועג יעצט קענסטו טענה'ן ארויף און אראפ דאס איז מיין וועג דאס איז די בעסטע וועג!

נאכן זיך געזעגענען פון די שטוב הייבט זיך אן די דזשורני און ס'ארבעט מער ווייניגער אז פונעם ארויספארן פון שטוב ביזן זיך דערזען נאכן ערשטן מקוה אין אומאן באגעגנט מען א גאנצע צייט פרישע מענטשן נישט מענטשן וועמען איך קען נישט אדער איך זע נישט נאר גאר נאנטע מענטשן אפילו מענטשן מיט וועמען איך רעד טעגליך אבער ווען מ'איז אונטערוועגנס ווערט אזא מציאות פון כאילו מ'טרעפט זיך יעצט די ערשטע מאל.

ארויסגעפארן זעמיר פרי און געמאכט א סטאפ אויפן וועג קיין נוארק עירפארט ביים ציון אין קרית יואל פון הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע און דערנאך אפגעפארן צום עירפארט.

די ערשטע סטאפ ווי מיר האבן זיך געטראפן מיט פרישע מענטשן איז געווען ביים עירפארט פארקינג נישט ממש פרישע מענטשן ווייל קוים פריער האמיר זיך געזען ביי מנחה מעריב אבער די פרייד ווען מ'טרעפט זיך שוין אונטערוועגנס איז אין לשער...

אזוי שמועסט מען אביסל וואס טוט זיך "אהה דו פארסט אויך מיטן טשארטער, אהא געשמאק..."

דעם געלן שאטעל איז שוין דא אונז אפצוטראגן צום ריכטיגן טערמינאל די נסיעה האט זיך שוין אפיציעל אנגעהויבן מ'שלעפט שוין ארויף רענצלעך מ'שוויצט שוין און פאר א נויט מאכט מען שוין ווערטלעך וואס ווען מ'גייט עס שפעטער איבערזאגן גייט מען בכלל נישט כאפן וואס איז געווען פאני... אבער אזוי גייט עס...

דעם נעקסטן שלב פון פרישע שלום עליכם'ס פון טרעפן פרישע פענימער איז ביים אנקומען צום טשעק אין "אהה דו ביסט אויך דא, געשמאק..." אזוי שטייען מיר ביים טשעק אין שורה וואס שפירט זיך היימיש ס'איז דאך א טשארטער היימישע מעשיות... חסידישע בחורים מיט געלע וועסטלעך קאנטראלירן דעם גאנצן אנלויף.

דעם נעקסטן סטאנציע וואו מיר גייען נאכאמאל טרעפן' פרישע' פנימער איז ביי סעקיורעטי "אה דו קומסט אויך מיטן טשארטער פיינע נייעס... נא וואס זאגסטו..."

און אזוי גייט מען צום געיט ווען פון פריש טרעפט מען זיך אן מיט נייע מענטשן מיט אנשי שלומינו ס'איז זייער געשמאק יעדער טרעפט זיך זיין ווינקל זיין קופקע "נא וואס טוט זיך וואס זאגסטו?" און די שמועסן גייען א רויך פון איין קופקע צום צווייטן ביז ענדליך גייט מען שוין ארויף אויפן פליגער.

נאכן טרעפן א פלאץ פאר די האנט באגאדש, פאר דעם זעקל, פאר די נעקסטע זעקל דערנאך די הוט מיט די רעקל, די קינדער שוין מסודר איינער שנארכעצט שוין נאך בעפאר איך האב בכלל עספיעט זיך צו קענען אראפזעצן...

# דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



ענדליך זיצט מען שוין טרעפט מען זיך פון פריש מיט די נייע שכנים פאר די נעקסטע פאר שעה... "נא וואס זאגסטו וואס טוט זיך וכו'."

מ'לאנדט מ'טרעפט זיך אין א פרישע עירפארט פרישע מענטשן פרישע באגריסן פרישע שמועסן פרישע ווערטלעך ביז מ'זיצט שוין אויפן באס און עודך א פרישע קופקע "נא וואס זאגסטו?"

ליגנדיג אויפן טרעין אויפן וועג אהיים זיך אויפוועקנדיג פון א טיפע שלאף קלאץ איך אזוי אויפן בעט נישט וויסנדיג בין איך הייס בין איך קאלט איז יעצט טאג איז יעצט נאכט בין איך הונגעריג אדער זאט מיר פארן שוין פאר צען שעה אדער פאר צען מינוט?

אזוי חלומענדיג טראכט איך צו זיך פארוואס טאקע?

ווי איך בין געגאנגען האבן מענטשן מיר געהאלטן אין איין זאגן די זעלבע ווערטער דו שרייבסט זייער גוט איך האב באמת הנאה צו ליינען דיינע ארטיקלען אבער וואס איז פשט אז דו האסט אויפגעהערט צו שרייבן?

נא פארוואס טאקע טראכט איך צו זיך?

"נאכדעם וואס איך האב שוין אויסגעוועלט א וועג און געבוקט טיקעטס, איז מיין וועג די בעסטע וועג..." האט מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו קלארגעשטעלט אינעם "קאווע שטיבל".

נו, אויב אזוי קומט אויס אז פאר מיר איז טאקע דער טשארטער דער בעסטער וועג צו פארן... דאס האב איך באשטעלט, דאס איז מיין וועג יעצט; קענסט טענה'ן אהין און צוריק, דאס איז מיין וועג און דאס איז דער בעסטער וועג!

נאכן זיך געזעגענען פון די שטוב הייבט זיך אן די דזשורני עס ארבעט מער-וויי-ניגער אזוי: פונעם ארויספארן פון שטוב ביזן זיך דערזען נאכן ערשטן מקוה אין אומאן, באגעגנט מען א גאנצע צייט פרישע מענטשן. נישט מענטשן וואס איך קען נישט אדער זע נישט, נאר גאר נאנטע מענטשן, אפילו מענטשן מיט וועמען איך רעד טעגליך, אבער ווען מ'איז אונטערוועגנס ווערט א מציאות כאילו מ'טרעפט זיך יעצט צום ערשטן מאל.

מיר זענען ארויסגעפארן פרי און געמאכט א סטאפ אויפן וועג קיין נוארק עירפארט ביים ציון אין קרית יואל פון הרה"ק מ'סאטמאר זי"ע און דערנאך אפגעפארן צום עירפארט.

די ערשטע סטאנציע וואו מיר האבן זיך געטראפן מיט "פרישע" מענטשן איז געווען ביים עירפארט פארקינג. נישט ממש פרישע מענטשן, ווייל קוים אביסל פריער האמיר זיך געזען ביי מנחה-מעריב, אבער די פרייד ווען מ'טרעפט זיך שוין אונטערוועגנס איז אין לשער... אזוי שמועסט מען אביסל וואס טוט זיך: "אהה דו פארסט אויך מיטן טשארטער? אהא, געשמאק..."

דער געלער שאטעל איז שוין דא אונז אפצוטראגן צום ריכטיגן טערמינאל. די נסיעה האט זיך שוין אפיציעל אנגעהויבן; מ'שלעפט שוין ארויף רענצלעך, מ'שוויצט שוין, און פאר א נויט מאכט מען שוין ווערטלעך וואס ווען מ'גייט זיי שפעטער איבערזאגן וועט מען בכלל נישט כאפן וואס איז געווען אזוי פאני... אבער אזוי גייט עס.

דער נעקסטער שלב פון פרישע "שלום עליכם'ס" און טרעפן פרישע פנימער איז ביים אנקומען צום טשעק-אין: "אהה דו ביסט אויך דא? געשמאק..." אזוי שטייען מיר אין די שורה ביים טשעק-אין וואס שפירט זיך היימיש ס'איז דאך א טשארטער, היימישע מעשיות... חסידישע בחורים מיט געלע וועסטלעך קאנטראלירן דעם גאנצן אנלויף.

די נעקסטע סטאנציע וואו מיר גייען נאכאמאל טרעפן "פרישע" פנימער איז

# קוק אהער

ביי סעקיורעטי: "אה, דו קומסט אויך מיטן טשארטער? פיינע נייעס... נא, וואס זאגסטו?"

און אזוי גייט מען צום געיט, וואו מען טרעפט זיך פריש אן מיט נייע מענטשן, מיט אנשי שלומינו. ס'איז זייער געשמאק; יעדער טרעפט זיך זיין ווינקל, זיין קופקע: "נא, וואס טוט זיך? וואס זאגסטו?" און די שמועסן גייען א רויך פון איין קופקע צום צווייטן, ביז ענדליך גייט מען שוין ארויף אויפן פליגער.

נאכן טרעפן א פלאץ פארן האנט-באגאזש, פאר דעם זעקל, פארן נעקסטן זעקל, דערנאך דעם הוט מיטן רעקל... די קינדער זענען שוין מסודר, איינער שנארכעצט שוין נאך בעפאר איך האב בכלל עספיעט זיך אראפצוזעצן... ענדליך זיצט מען שוין, טרעפט מען זיך פריש מיט די נייע שכנים פאר די נעקסטע פאר שעה: "נא, וואס זאגסטו? וואס טוט זיך?" וכו'.

מ'לאנדט מ'טרעפט זיך אין א פרישן עירפארט - פרישע מענטשן, פרישע באגריסונגען, פרישע שמועסן, פרישע ווערטלעך, ביז מ'זיצט שוין אויפן באס און עודך א פרישע קופקע: "נא, וואס זאגסטו?"

ליגנדיג אויפן טרעין אויפן וועג אהיים, זיך אויפוועקנדיג פון א טיפן שלאף, קלאץ איך אזוי אויפן בעט נישט וויסנדיג: בין איך הייס? בין איך קאלט? איז יעצט טאג אדער נאכט? בין איך הונגעריג אדער זאט? פארן מיר שוין צען שעה אדער צען מינוט?

אזוי חלומענדיג טראכט איך צו זיך: פארוואס טאקע? וואו איך בין געגאנגען האבן מענטשן מיר געהאלטן אין איין זאגן די זעלבע ווערטער: "דו שרייבסט זייער

## און דא פארט מיין חקירה ווייטער: בין איך אויף א באן וואס פארט, אדער פאר איך גאר אויף א באן וואס שטייט? פריער איז ער טאקע געפארן, אבער יעצט שטייט ער.

גוט, איך האב באמת הנאה צו ליינען דיינע ארטיקלען, אבער וואס איז דער פשט אז דו האסט אויפגעהערט צו שרייבן?"

נא, פארוואס טאקע? טראכט איך צו זיך. האב איך דען אויפגעהערט? איך האב נישט אויפגעהערט! אבער למעשה איז שוין נישט דא קיין ארטיקל יעדע וואך... וואס איז דער פשט?

דער טרעין פארט ווייטער, מיין מחשבה לויפט ווייטער. איך געב א דריי דעם פען צו בלאזן עפעס פרישע לופט, און ווייטער טראכט איך אז דער עולם האט רעכט, אבער איך האב דאך בכלל נישט אויפגעהערט צו שרייבן, עס מאכט נישט קיין סענס... פלוצלינג געבט זיך דער טרעין אן האסטיגן אפשטעל, און דא בלייבט ער זיצן...

און דא פארט מיין חקירה ווייטער: בין איך אויף א באן וואס פארט, אדער פאר איך גאר אויף א באן וואס שטייט? פריער איז ער טאקע געפארן, אבער יעצט שטייט ער. למעשה, איז עס א פארנדיגער באן אדער א שטייענדיגער באן?

דו לערנסט יעדן טאג ח"י פרקים משניות? דו לערנסט טאקע יעדן טאג ח"י, אדער זענען פאראן טעג וואס דו קענסט נישט? דו ליינסט קריאת שמע יעדן טאג פאר סוף זמן, אדער מאכט זיך אמאל א טאג - זאל נישט אויסגערעדט זיין - וואס דו שפעטיגסט? דו כאפסט יעדן טאג א קביעות'דיגע שמועס מיטן אייבערשטן פאר א געוויסע צייט, אדער מאכט זיך א טאג וואס דו קענסט בלויז שרייען "טאטע" און מער קומט נישט ארויס? דו שרייסט קיינמאל נישט אויף דיינע קינדער, אדער מאכט זיך אמאל אז דו ביסט איבערגעשטרענגט און דיין קינד האט געוויסט פונקטליך אויף וועלכע נערוו צו טרעטן און דו האסט זיך פארלוירן?

ביסטו אייביג, אייביג דאס וואס דו ביסט אייביג? אדער מאכט זיך ביי דיר אמאל אז "אופס", אפילו דו האסט געכאפט א גרויען טאג, ס'איז נישטא קיין זון און נישט קיין לבנה, א טאג וואס דו שפירסט אז ס'איז נישט אריינצונעמען און נישט אויסצושפייען...

אויב ביסטו אייביג, אייביג, אייביג אזוי ווי דו ביסט אייביג, דאן ביסטו נישט קיין מענטש, דו ביסט א מאשין. א מאשין ארבעט און ארבעט און גייט אן אויף דעם זעלבן ריטעם טאג-איין טאג-אויס.

ביי א מענטש איז אנדערש; א מענטש

**ישראל דוד העסקעל**

האט טעג אזוי און טעג אזוי. א מענטש וואס איז אייביג דאס וואס ער איז אייביג, ברעכט איין.

א מענטש וואס ס'ווערט אים א גרויער טאג, ווערט ער אויס. ווען דער איד וואס האט געפאסט משבת לשבת האט געמוזט אויספאסטן און עס איז ארויס אויף אים א שלעכטער נאמען, איז ער געווארן ביי זיך אויס: "אויב בין איך נישט קיין מאשין וואס קען פאסטן משבת לשבת, דאן וואס דארף איך די גאנצע זאך?"

דער הייליגער רבי לערנט אונז דעם וועג פון זיין א "בקי ברצוא" און א "בקי בשוב". אוודאי איז א טאג מיט ח"י פרקים משניות א טאג מיט אלע טעמים, און אוודאי ווען איך קען דאווענען און אינזין האבן יעדעס איינציגסטע ווארט האט עס אלע טעמים. אפגערעדט ווען איך גיי א שפאציר מיטן אייבערשטן און איך באמערק אפילו נישט ווי די צייט לויפט - אההה, אזוי זיס.

דערנאך איז דא דער טאג וואס קוקט אויס ווי אלעס לויפט קאפויער, פונקט פארקערט פון מיין קליינעם שכל. דאס דאווענען שפירט ווי קייען שטיינער, מיין התבודדות קומט גארנישט ארויס פונעם מויל, פאריאגט און פארפלאגט קום איך כמעט נישט אן צו עפענען א ספר.

"בקי בשוב" - דער אייבערשטער דארף דיין דאווענען אן קיין טעם, און דו ווער נישט אויס ביי דיר ווען דו האסט זיך צושריגן אין א שווערן טאג; טו תשובה און גיי אן ווייטער. קיינער האט פון דיר נישט פארלאנגט צו זיין א מאשין וואס קראכט קיינמאל נישט...

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאַרן פאָרן קיין אומאן, אז דאס יאר האט ער געזאגט פאר זיין ווייב זי זאל איינפאקן די קיכעלעך נישט פארפרוירן; ווייל ווען מ'פאקט עס פארפרוירן-הארט, ווערט עס גראד צוברעקלט ווען עס כאפט נאר דעם מינדערסטן קלאפ, אבער אויב עס איז ווייך לאזט עס זיך זעצן און עס בלייבט גאנץ, עס ווערט נישט צוברעקלט.

דאס איז א זייער שטארקער לימוד פאר אונז: אויב ביסטו הארט און דו לאזט זיך נישט בייגן, ביי דיר איז נאר דא אנגיין ווי א מאשין, דאן אויב דו גייסט כאפן א פיצי קלאפ און איין זאך גייט דיר גיין שלא כסדרן, גייסטו ווערן אויס. דיין גאנצע עבודה פון ביז יעצט קוקסטו אן ווי סתם א שאד ווייל צום סוף ביסטו דאך אדורכגעפאלן. דיין גאנצע עבודה האסטו געדינט זיך אליין; האסט פארגעסן פאר וועמען דו לערנסט, האסט פארגעסן פאר וועמען דו לייגסט קריאת שמע.

אבער אויב א מענטש לאזט זיך פירן פונעם אייבערשטן - א מענטש וואס ווייסט אז ווען די באן פארט איז עס דער אייבערשטער, און ווען די באן שטעלט זיך אפ איז עס ווייטער דער אייבערשטער - דער מענטש איז ווייך, ער לאזט זיך קוועטשן, דאן בלייבט ער גאנץ. ער פאלט נישט פון א פאל, און ער ווערט נישט אויס. אויב קען איך זיך היינט נישט מצמצם זיין ביים דאווענען, וועל איך דינען דעם אייבערשטן אזוי ווי איך קען אים היינט דינען, און מארגן וועל איך ווייטער פלאמען ביים דאווענען.

א מענטש דארף זיך מאכן א חשבון: דין איך דעם אייבערשטן און בין איך בטל צו אים, אדער דין איך מיינע נערוון ווי א מאשין?

אזוי טיף פארזונקען אין מיינע מחשבות, שפיר איך א טרייסל; די טרעין פארט ווייטער. אהה, שכח אייבערשטער!

למעשה האט זיך אויסגעשטעלט אז א טאג פריער, אום ראש השנה, איז פארגעקומען אן אטאקע אויף איינע פון די באן שינעס, און דעריבער האט מען געמוזט פארקירעווען דעם וועג. שטעל דיך פאר ווען די באן זאגט "איך פאר, מיר גייט גארנישט אן", וואלט די גאנצע באן חלילה זיך געקענט איבערקערן.

איך האב בכלל נישט אויפגעהערט צו שרייבן, אבער איך בין נישט קיין מאשין. איך קען נישט אויסקוועטשן דעם פעדער וואך-איין וואך-אויס ווי א מאשין וואס גייט אייביג אן. נישט אלעמאל פאלן מיר איין גוטע געדאנקען, און צומאל האב איך שוין יא וואס צו שרייבן, נאר ס'פעלט מיר די יישוב הדעת אדער די צייט צו קענען אראפלייגן די מחשבות אויף פאפיר.

דעריבער זייט מיר מוחל אויב די קאלום לויפט נישט יעדע וואך. אויב דו ביסט זיך מחיה דערמיט און דו ווילסט עס יא יעדער וואך, האב איך פאר דיר אן עצה: מאך א תפילה און בעט דעם אייבערשטן אז ס'זאל מיר בייפאלן וואס צו שרייבן, און אז איך זאל האבן די צייט און די יישוב הדעת דערצו.

שכח אייבערשטער אז מיר האבן א רבי וואס לערנט אונז אז אפילו ווען עס גייט אריבער א צייט וואס א מענטש קען נישט אנגיין ווי ביז אהער, זאל מען זיך נישט צוברעכן דערפון, נאר ווייטער אנגיין און וויסן אז באלד קומען ווייטער גוטע צייטן. די באן בלייבט נישט שטיין אויף אייביג; באלד שפירט מען א טרייסל און די באן גאלאפירט ווייטער.

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**



# אשר
# קדשנו
# במצותיו
# וצונו
# על ה

# שחיטה

## ושמחת בחגך והיית אך שמח
## אין שמחה אלא בבשר (פסחים ק"ט).

יעצט ווען מיר פראווען אזא שיינעם יום טוב סוכות, זענען דאך די סעודות יום טוב א גרויסער חלק פון אונזער יום טוב. און וואס איז דער וויכטיגסטער חלק פונעם סעודה אויב נישט די ברסלב'ע פלייש וואס ווערט גע'שחט'ן דורך אונזערע ערליכע שוחטים, וועלכע זענען געשטעלט געווארן דורכן ראש ישיבה שליט"א.

אבער נישט אלע ווייסן וואס עס פאסירט אלץ ביז דאס שטיקל כשר פלייש קומט אן צו מיין טעלער, און וויאזוי דאס אלעס האט זיך אנגעהויבן, ביז עס האלט שוין ביי דעם אז היינט צוטאגס קען מען עסן א געשמאק שטיקל פלייש וואס איז גע'שחט'ן געווארן מיט התבודדות און מיט ערליכע מחשבות דורך ברסלב'ע שוחטים.

צו דעם קומט נאך צו אז ברוך השם די לעצטע פאר יאר ערב יום כיפור האט מען געקענט שלאגן כפרות און שעכטן אויפן פלאץ אין אונזער שיינעם ברסלב'ן שטעטל, קרית ברסלב ליבערטי.

אבער דאס איז נישט אלעמאל אזוי געווען; די ערשטע איינוואוינער געדענקן נאך גוט וויאזוי מען האט זיך געמוטשעט צו שלאגן כפרות ערב יום כיפור. מ'האט געברענגט אפאר כפרות פון א שכן, וואס מען האט דערנאך געדארפט צוריקשיקן צו א שוחט אין א אנדערע געגנט.

ביז דער אייבערשטער האט געהאלפן אז דער ראש ישיבה האט זיך ארייגעלייגט דערין ראשו ורובו, אנגעהויבן מיט דעם וואס אפאר אינגעלייט האבן זיך אנגעהויבן לערנען שחיטה. אנפאנג איז געווען א שטיקל חבורה פון אינגעלייט וואס האבן געלערנט שחיטה, און צום סוף זענען געבליבן צוויי חשובע אינגעלייט: מו"ה רפאל פורסט הי"ו און מו"ה שלמה רוטה הי"ו, וואסביידע פון זיי זענען ברוך השם היינט אויסגערופענע ערליכע ברסלב'ע שוחטים, וואס שחט'ן ברוך השם אויף א וועכנטליכן אופן.

מיר האבן זיך אראפגעזעצט מיטן שוחט מו"ה רפאל נרו יאיר צו הערן די היסטאריע, ווען און וויאזוי ער האט אנגעהויבן שחט'ן, ביז וואו עס האלט היינט צוטאגס.

ברסלב'ע ברודער

## וואס האט אייך געברענגט צו לערנען שחיטה?

די מעשה גייט שוין צוריק דרייצן יאר. דרייצן יאר צוריק האב איך אנגעהויבן צו לערנען שחיטה. ס'איז געווען אן אנדערע כוונה; א געוויסע רב פון א קהילה האט מיר אריינגערופן איין טאג און מיר געזאגט אז ער וויל איך זאל זיך לערנען צו זיין א שוחט. וואס למעשה איז פון דעם ארויסגעקומען א געוואלדיגע טובה, ווי מיר וועלן ווייטער פארציילן.

איך און נאך אפאר יונגעלייט האבן דאן געלערנט צוזאמען שחיטה; מיר זענען געגאנגען צו א קורס. למעשה פון די גאנצע קורס זענען נאר צוויי יונגעלייט אנגעקומען כמעט ביזן סוף, איך און מיין חברותא. מיין חברותא איז געגאנגען ווייטער און האט עס געענדיגט ביזן ווערן א שוחט, ער האט געענדיגט דעם גאנצן מקצוע, אבער איך בין ארויסגעפאלן ממש ביים סוף.

נאכדעם האב איך עס אפגעלאזט און ס'איז שטיל געווארן. איך האב נישט געטראכט דערפון פאר לאנגע יארן. די עכטע סיבה איז געווען ווייל איך האב נישט געזען קיין שום סיבה זיך ווייטער אריינצולייגן אין דעם. לכתחילה האט עס געהייסן אז יענע קהילה גייט עפענען אן אייגענע שחיטה און זיי האבן געוואלט האבן אייגענע שוחטים, אבער למעשה איז גארנישט געווארן פון יענעם פלאן. ס'האט געהייסן דעמאלטס אז ביז דערוויל, ביז עפעס גייט ווערן, גייט מען מיך אריינלייגן ערגעץ ארבעטן. אבער איך האב געזען אז די שחיטה פאדערט אוועקצופארן פון שטוב, א זאך וואס איך האב נישט געהאלטן דערביי, ממילא איז דאס נישט געווען פאר מיר "בכדי שיעשה", האב איך עס דאן אפגעלאזט.

אזוי זענען אריבער אסאך יארן, און אינדערצווישן זענען מיר מקורב געווארן צום הייליגן רבי'ן.

די ערשטע מאל וואס איך בין געקומען אין שטעטל איז געווען זעקס יאר צוריק, זומער תש"פ. איך בין געווען א שבת אין מיידל קעמפ, און ווען איך בין אהיימגעגאנגען פון שול אויף האשקי צום מיידל קעמפ, האב איך שפאצירט מיט האברך מו"ה ישעי' איידליס הי"ו. אויפן וועג האט ער מיר דערציילט אז עס איז דא א גרופע יונגעלייט וואס לערנען זיך יעצט שחיטה. דא האט זיך נאכאמאל אין מיר אויפגעוועקט דאס געפיל זיך ווייטער צו לערנען שחיטה.

איך האב מיך גלייך אנגעהויבן נאכצופרעגן אלע איינצלהייטן פון די חבורה, וואס מ'לערנט און אזוי ווייטער. ער האט מיר דערציילט אז א יאר פריער, גלייך נאך פסח תשע"ט, איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צו אים און געבעטן אז ער וויל האבן א גרופע אינגעלייט וואס זאלן לערנען שחיטה.

יענע גרופע איז באשטאנען פון מו"ה ישעי' איידליס, מו"ה שלמה רוטה הי"ו, מו"ה הערשל שניצלער הי"ו, און נאך אפאר אינגעלייט.




RABBI M. ROTH
1556-53RD STREET
BROOKLYN, N.Y. 11219
TEL: (718) 753-3613

משה רוטה
אבדק"ק קארלסבורג
באראפארק ברוקלין נ.י. יע"א

לה"ו

**כ"ג אלול יום חמישי לסדר ומל ה' אלקיך את לבבך תשפ"ד לפ"ק**

הננו בזה בעד האברך החו"ב ירא ושלם כמוהר"ר **רפאל פורסט** שליט"א מקרית ברסלב שעמד לפנינו על כור המבחן של הלכות שחיטה בעופות, וידע להשיב בלי גימגום וגם הראה לפנינו כמה סכינים והי' כל אחד חד וחלק, ואחרי שהשו"ב המומחה והמפורסם הרה"ח ר' צבי הלוי ווייס שליט"א מקרית יואל העיד עליו על בקיאותו ואומנותו בשחיטת העופות, וגם העידו עליו שיראת ה' חופפת עליו, ע"כ הנני לסמכו ולעטרו בקבלה שיכול לשחוט בקרב ישראל המהדרין ביותר, ובתנאי שיחזור על הלכותיו שבספר שמ"ח ועוד, וכן להראות סכינו מפעם לפעם לרבנים היושבים על המדון ומובהקים בתחום זה.

**הכו"ח הק' משה רוטה**

משה רוטה
אבדק"ק קארלסבורג

למעשה האבן זיי אנגעהויבן לערנען שחיטה. זיי זענען געגאנגען צו מו"ה בנימין קליינמאן הי"ו וואס וואוינט אין וויליאמסבורג, וועלכער האט מיט זיי אנגעהויבן לערנען. איינמאל זענען זיי אראפגעגאנגען מיט אים אין די בראנקס שעכטן. אזוי האבן זיי געלערנט ביי אים פאר א לאנגע צייט, כמעט א יאר צייט.

דעמאלטס ווען איך האב גערעדט צו זיי, זומער תש"פ, האבן זיי מיר דערציילט אז מ'האלט אינמיטן לערנען. איך בין גלייך געלאפן צום ראש ישיבה און אים געזאגט אז איך האב מיך אמאל געלערנט שחיטה, אפשר קען איך אריינקומען אין די חבורה. האט ער מיר געזאגט: "אדרבה ואדרבה!" און פון דעמאלטס אן האב איך אנגעהויבן לערנען שחיטה צוזאמען מיט זיי.

## וואס האט פאסירט אז איר זענט דעמאלטס נישט געווארן קיין פולשטענדיגער שוחט?

דו פרעגסט גוט; פארוואס טאקע האט זיך עס פארצויגן פון דעמאלטס ביז יעצט, א מעשה פון כמעט פינף יאר? די מעשה איז געווען אז ס'איז זייער אסאך מאל איינגעשלאפן אינדערצווישן; מ'האט געארבעט אפאר חדשים אדער אפאר וואכן, און נאכדעם איז מען ווייטער איינגעשלאפן. מ'דארף פארשטיין אז דאס איז א פאך וואס פאדערט אסאך ארבעט, עס איז אן אומנות וואס מ'דארף זיך גוט דערלערנען, און עס קאסט צייט, כוחות און אסאך געדולד. ממילא אויב מ'האט נישט קיין שטארקע שטיפ, פאלט מען צוריק.

די עצם אומנות צו לערנען איז נישט קיין גרויסע אדער לאנגע זאך. דאס הייסט, אין די גרויסע פלעצער וואו מען שחט, למשל אין פענסילוועניע וואו איך האב געהאט חברים וואס זענען געפארן, ארבעט עס אז מ'קומט אן אויפן פלאץ, מ'שטעלט זיך דעם ערשטן טאג אויפן ליין און מ'הייבט אן לערנען. ביז זעקס וואכן ביסטו א פארטיגער שוחט ווייל דו ביסט א גאנצן טאג דערין, פון צופרי ביז ביינאכט; דו לייגסט זיך אריין ראשו ורובו, אזוי אז ביז א קורצע צייט ביזטו פארטיג.

# את השחיטה אשר קדשנו במצותיו וצונו

אבער אז דו האסט נאך צען אנדערע זאכן וואס דו טוסט - דו ביסט אין כולל, דו ביסט א מלמד, אדער אן אדמיניסטרעיטאר, און דו האסט נאך א שטוב מיט קינדער און אלע אנדערע זאכן פונעם טאג - נעמט עס אביסל לענגער. און אז דו האסט נישט די שטארקע שטיפ דערצו, איינער וואס האלט דיר אין איין דערמאנען און מחזק זיין, דעמאלטס פאלט מען צוריק. פארדעם האט עס זיך געצויגן אזא לאנגע צייט.

בערך צוויי יאר צוריק, געדענק איך, איז געווען א שטיק צייט וואס מ'האט זיך ממש אויפגעוועקט. ס'איז דעמאלטס צוגעקומען נאך איינער צו די חבורה, מו"ה דוד ניישטיין הי"ו, ער איז דעמאלטס נאך געווען א בחור. אויך האט דער דיין שליט"א אנגעהויבן מיטצוגיין מיט אונז.





## אשר קדשנו במצותיו וצונו על השחיטה

מיר זענען געגאנגען שטעלן חלפים יעדן טאג. דעמאלטס האט מען אנגעהויבן גיין צום שוחט מו"ה הערשל ווייס הי"ו פון קרית יואל. מ'פלעגט פארן צו אים יעדע וואך ווייזן די חלפים און אזוי ווייטער. אבער נאכדעם איז עס ווייטער איינגעשלאפן. אזוי זענען געווען תקופות וואס אפאר חדשים האט מען געארבעט און אפאר חדשים נישט.

למעשה, אנהייב זומער תשפ"ד האט מיר דער ראש ישיבה גערופן און געפרעגט: "וואס וועט זיין דא מיט די שחיטה? מען גייט עס אמאל ענדיגן?" האב איך אים געזאגט אז די סיבה פארוואס עס רירט זיך נישט איז ווייל יעדער איז פארנומען מיט זיינע זאכן, און ס'איז שווער; מ'דארף האבן חיזוק און א שטיפ. דער ראש ישיבה האט מיר דעמאלט מחזק געווען צו גיין ווייטער און געבעטן מ'זאל עס צוענדיגן, ווייל ער וויל האבן א שחיטה ערב יום כיפור. און בכלל וויל ער שוין ענדיגן כדי מ'זאל קענען גיין צום קומענדיגן שטאפל: אנהייבן מאכן פלענער צו שעכטן פלייש פאר די קהילה.

דעמאלט האבן זיך זאכן אנגעהויבן רוקן ווי עס דארף צו זיין. פון אנהייב זומער האט מען געארבעט מיט אלע כוחות אויף אלע פראנטן; מ'האט פרובירט אלע סארט וועגן זיך ארייננצודרייען אין גרויסע שחיטות, אבער למעשה האט מען נישט מצליח געווען. וואס מ'האט יא געטון איז, אז מ'האט געטראפן בסייעתא דשמיא א פלאץ וואס האט אונז אריינגענומען כדי מיר זאלן זיך קענען לערנען.

באמת זעט מען נישט קיין שום מציאות בדרך הטבע, אדער קיין שום סיבה פארוואס ער זאל אונז האבן אריינגעלאזט. מיר האבן אים נישט געצאלט, ער האט דאס געטון בחינם. דא דארף איך דערמאנען די צוויי ברידער וואס האבן זיך אריינגעווארפן אין דעם ראשו ורובו, מו"ה שמואל לייב הי"ו מיט מו"ה משולם פייש פעלבערבוים הי"ו. זיי זענען געווען די ערשטע צו וועמען איך בין געגאנגען; זיי האבן דאס אין בלוט, זיי גלייכן די גאנצע אינדוסטריע און זענען אויפגעוואקסן מיט דעם. זייער טאטע האט געפירט די שחיטה אין טאהש פאר יארן לאנג, און נאכדעם וואס זייער טאטע האט זיך געצויגן קיין וויליאמסבורג, האבן זיי עס איבערגענומען. למעשה האט מען זיי פארמאכט ווייל די העלט דעפארטמענט האט זיי געמאכט צרות, אבער זיי קענען די גאנצע מלאכה: די שחיטה, די גאנצע פראסעסינג, די בדיקות און די כשרות. קודם בין איך געגאנגען צו זיי, און זיי האבן פרובירט מיט אלע סארט וועגן.

נאך אסאך תפילות האבן מיר געטראפן דאס פלאץ וואו מיר זענען געגאנגען זיך לערנען.

מיר זענען אראפגעפארן צו דעם פלאץ און אפגעמאכט אז מיר גייען פרובירן רעדן צו זיי. פארוואס זאלן זיי אונז אריינלאזן? איך ווייס נישט, אבער מיר דארפן עפעס טון למעשה, און דער אייבערשטער וועט שוין העלפן. מיר זענען אריינגעגאנגען און אנגעקלאפט אויף די טיר, און געפרעגט: "מיר קענען רעדן צום בעל הבית?" אזוי האט מען זיך געטראפן מיט אים. מיר האבן אים געזאגט אז מיר זענען אידן און מיר האבן א ספעציעלן וועג וויאזוי מיר שעכטן. ער זאגט מיר: "יא, יא, איך קען דעם גאנצן מהלך. איך פלעג האבן שותפות מיט אידן, איך ווייס פונקטליך וואס א שוחט איז, וואס א אידישע שחיטה איז און וואס דער פראצעס איז." צום סוף האט ער געזאגט: "יא, איך וויל ענק העלפן, קומט אריין."

### ווען מען שעכט ביי א נישט איד, קען מען דען וויסן אז מען שעכט גוט כהלכה?

מיר זענען נישט געגאנגען שעכטן אליין. מיר זענען ווייטער געגאנגען צו ר' הערשל ווייס הי"ו יעדע וואך ווייזן





דעם חלף, צו זען צי מען קען שוין גיין צום נעקסטן לעוול. ער האט אונז אויסגעלערנט אלע סארט טריקס און אלע וועגן וויאזוי מ'טוט דאס, ביז מ'ווייסט אז מ'האט עס אין די האנט.

נאכדעם, ווען מ'האט שוין געהאלטן ביי דעם אז מ'האט געהאט א פלאץ וואו מ'קען פראקטיצירן די עצם שחיטה אליין, האט מען אראפגערופן ר' הערשל. ער האט געזאגט אז ער קומט אריבער, ער האט גענומען א קאר און איז אראפגעקומען.

קודם האט ער געשאכטן דארט פאר עטליכע שעה און אונז אלעס געוויזן. ווען איך האב אנגעהויבן יארן צוריק האב איך טאקע געטון די אלע זאכן, אבער אז מען טוט עס נישט פאר צוועלף יאר, איז שוין גענוג צייט צו פארגעסן. ער האט אונז אלעס געוויזן פון דאס ניי.

נאכדעם פלעגן מיר גיין יעדן טאג שעכטן אליין אן אים. עטליכע וואכן שפעטער איז ער נאכאמאל געקומען און געזען וואו מיר האלטן. אינצווישן האט ער אראפגעשיקט א צווייטן שוחט, ווייל ער האט נישט געקענט קומען און נישט געהאט קיין כח צו פארן אזוי פיל. יענער האט אונז אויך געוויזן פארשידענע זאכן.

למעשה, נאך די אלע זאכן, סוף זומער האבן מיר שוין מער-ווייניגער געקענט די צווי חלקים: סיי דאס שטעלן די חלפים און צוגרייטן דעם מעסער אז ער זאל קענען שעכטן, און סיי דעם עצם חלק השחיטה – אנכאפן דעם האלז און שעכטן אויפן ריכטיגן וועג. אויך דארף דערמאנט ווערן לטובה דער באקאנטער מוהל מו"ה אהרן ווייס שליט"א א זון פון ר' הערשל הי"ו וואס האט אונז שטארק ארויסגעהאלפן אויף אסאך וועגן, אז מיר זאלן אנקומען ווי מען האלט יעצט.

נאכדעם האט געפעלט דער דריטער חלק, וואס דאס איז צו קענען די הלכות אויסווייניג און זיך פארהערן.

א גאנץ חודש אלול האט מען געארבעט אויף אלע דריי זאכן אינאיינעם: סיי שטעלן חלפים, סיי שעכטן – מיר פלעגן גיין יעדעס פארטאגס – און סיי זיך לערנען די הלכות.

ר' הערשל ווייס הי"ו איז געקומען דאס דריטע מאל אין שטעטל די לעצטע וואך פאר ראש השנה. ער האט געזען וויאזוי מיר שעכטן, און דעמאלטס האט ער געזאגט אז מיר זענען שוין גרייט, סיי מצד די מעסערס און סיי מצד די שחיטה. ער האט אונז געגעבן אזא שיינע צעטל וואס הייסט א "הודאה", וואו א שוחט שרייבט אז ער זעט אז מיר קענען שטעלן חלפים און גוט שעכטן, און ער האלט אז מיר קענען זיין שוחטים, נאר בתנאי אז מיר גייען זיך פארהערן ביי א רב. אזוי איז דער נוסח פון דעם צעטל.

ממש פאר מיר זענען געפארן קיין אומאן צום רבי'ן אויף ראש השנה, בין איך געגאנגען מיט ר' שלמה זיך פארהערן ביים קארלסבורגער רב זאל זיין געזונט.

## וויפיל פראצענט האסטו געקענט פונעם פארהער?

אלע שאלות האב איך געקענט, ברוך השם.

מ'זיצט ביים רב אין שטוב, ער האט אן אפענעם ספר פאר זיך, איך זיץ און איך ציטער, און ער שיסט שאלות. עס זענען דא אלע סארט וועגן וויאזוי מ'פארהערט, למעשה איז עס ב"ה אדורך מיט א געוואלדיגע הצלחה.

## ווי לאנג דויערט זיך צו לערנען, פון אנהייב ביזן סוף?

אזוי ווי איך האב פריער געזאגט, אויב דו טוסט נאך זאכן אינמיטן טאג און דו ביסט פארנומען, וועט עס נעמען זייער לאנג; עס קען נעמען חדשים אויף חדשים. אבער אויב דו לייגסט זיך אריין אין דעם ראשו ורובו און דו געבסט אוועק א האלבן טאג אדער רוב טאג דערפאר, קענסטו עס ענדיגן ביז עטליכע וואכן. עס ווענדט זיך ווי שטארק דו לייגסט זיך אריין.

דער קומענדיגער לעוול איז אז מיר דארפן גיין צו א אידיש פלאץ שעכטן אויף א ליין, אזוי ווי די אידישע שחיטות וואס שעכטן שנעל, וואו איינער קוקט דעם חלף פארדעם און נאכדעם. דארט איז אן אנדערע מעשה, דאס זענען די זאכן וואס מיר דארפן עכט קענען. דער ראש ישיבה האט מיר שוין עטליכע מאל געזאגט אז ער האט א חשק מיר זאלן טאקע גיין צו איינע פון די גרויסע שחיטות אין פענסילווועניע און אריינגעבן דארט די נעמען אלס "סאבס" (substitutes), אזוי אז ווען זיי דארפן א סאב זאלן זיי אונז רופן. דער ראש ישיבה האט אונז געזאגט אז ער וויל מיר זאלן גיין יעדע צווייטע אדער דריטע וואך פאר צוויי טעג, כדי איך זאל קענען האלטן די רגילות און ווערן נאך בעסער.

## וואס האט זיך געריקט פון דאן ביז ווי מען שטייט היינט?

למעשה זענען מיר נישט אנגעקומען אריין צו גיין צו ווערן




הושענא
אבן שתיה
3 יאר
3 פראיעקטען
קרוב צו
3 מיליאן דאלער
3
זומער חדר און מחנה אילן החיים
כאפט אריין לעצט פארבליבענע זכותים! אנגעהויבן פון 12,000$
פארבידט אייך שוין
מיט די גבאי קרן הבנין
שבתי מארקוס
347-735-9688
אשר בער אינדארסקי
347-997-2348


ALPHAITIS.COM
2 בנין אברהם שבתי ואסתר רחל מזרחי
1 בנין משה מרדכי ובלימא יוכבד איינהארן
בנין
משה מרדכי ובלומה יוכבד
איינהארן
בהתייסדות ב"ק מוהרא"ש ז"ל
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א
קרן הבנין
ודות לדורות בנינים אן חובות

שוחטים ביי די גרעסערע שחיטות, מיר זענען אלץ געגאנגען שחט'ן דארט ווי מיר האבן זיך געלערנט, כדי צו האלטן די רגילות.

איינס אדער צוויי מאל א וואך גייען מיר שחט'ן אין די פארטאגס שעות, אזוי גייט מען ווייטער אן מיטן סדר היום אן ווערן געשטערט פון די שחיטה.

אינצווישן זענען מיר שוין געווען זיך פארהערן ביי הרה"ג ר' הלל וויינבערגער שליט"א פון נייטרא מאונט קיסקא, דער רב המכשיר פון התאחדות הרבנים, ער האט אונז געשטעלט גאר שווערע שאלות, אבער ב"ה עס איז אריבער מיט הצלחה און ער האט זייער הנאה געהאט פון אונז.

אין די טעג פון חודש ניסן תשפ"ו האבן מיר בעזר השם אנגעהויבן שעכטן בקביעות איין מאל א וואך פאר די ברסלב'ע קהילה אין די באקאנטע פלא בית השחיטה אין סוואן לעיק. מיר זענען געגאנגען זיך פארהערן ביי זייערע רבנים מכשירים, הרה"ג ר' דוד מיללער שליט"א, הרה"ג ר' משה קעסלער שליט"א. אויך האבן מיר באקומען א כתב הוראה פון די וויזשניצער שוחט הרב שמואל מנחם ציג שליט"א וואס איז דער קביעות'דיגער שוחט אין "פלא".

שכח אייבערשטער אז מיר האבן די זכיה צו צושטעלן כשר'ע ברסלב'ע פלייש פאר אנשי שלומינו.

## וואס דארף א שוחט אלץ טון ווען ער שעכט, ביז ער זאגט אז דער טשיקן איז כשר?

רוב הלכות וואס מ'לערנט זענען וואס מ'טאר נישט טון. די חלק וואס מען זעט ביים שעכטן דויערט ממש צוויי סעקונדעס.

## איז וואס דויערט אזוי לאנג צו לערנען?

דער עיקר לערנען איז מער די חלק וואס מ'טאר נישט טון.

עס זענען דא פינף הלכות וואס מ'טאר נישט טון ביי א שחיטה. די ערשטע איז "שהייה" – מ'טאר זיך נישט פארזוימען און מ'טאר זיך נישט אפשטעלן אפילו פאר א סעקונדע אינמיטן שעכטן; עס מוז גיין אין איין מאל. אויב יא, און אפילו אויב עס איז נאר א ספק, איז עס טריפה.

די צווייטע איז "דרסה" – מ'טאר נישט אראפדריקן דעם חלף, עס דארף גיין אהין און צוריק. מ'מעג ניצן כח בדרך הולכה והובאה, אזוי אהין און צוריק, אבער נישט אראפדריקן. מ'דארף האבן אסאך רגילות צו צוגעוואוינען די האנט אז עס זאל נישט פאסירן.

נאכדעם איז דא "הגרמה". הגרמה מיינט אז מען שעכט נישט אין דעם פלאץ וואו מען מעג שעכטן, נאר אדער צו הויך, מער צו דעם קאפ, אדער צו נידריג, מער אראפ צו דעם בויך. מען דארף אויך וויסן פונקטליך וואו אראפצולייגן דעם חלף; וואו עס איז נאר א ספק, וואו עס איז נאר בדיעבד, און וואו עס איז לכתחילה. עס זענען דא אסאך הלכות אין דעם.

דערנאך איז דא "חלדה". דאס מיינט אז דער מעסער טאר נישט זיין צוגעדעקט בשעת דער שחיטה אויף דעם פלאץ וואו מען שעכט. דאס קען פאסירן אויב עס פאלט עפעס ארויף אויף דעם בשעת'ן שעכטן, אדער דורך די פעדערן פון דעם האלדז. אויב מען באמערקט בשעת'ן שעכטן אז עס איז דא לאנגע פעדערן, גיט מען אזא קליינע פליק אפ די פעדערן ביי דעם פלאץ וואו מען שעכט,ווייל אויב די פעדערן גייען ארויף אויף דעם חלף בשעת דו שחט'סט, איז עס חלדה. דאס הייסט דער מעסער איז צוגעדעקט, און דאס טאר מען נישט טון, אויך קען עס זיין א




משה רוטה
אבדק"ק קארלסבורג
בארא פארק ברוקלין נ.י. יע"א

RABBI M. ROTH
1556-53RD STREET
BROOKLYN, N.Y. 11219
TEL: (718) 753-3613

לה"ו

כ"ג אלול יום חמישי לסדר ומל ה' אלקיך את לבבך תשפ"ד לפ"ק

הננו בזה בעד נכדי האברך החו"ב ירא ושלם כמוהר"ר **שלמה ראטה** שליט"א מקרית ברסלב שעמד לפנינו על כור המבחן של הלכות שחיטה בעופות, וידע להשיב בלי גימגום וגם הראה לפנינו כמה סכינים והי' כל אחד חד וחלק, ואחרי שהשו"ב המומחה והמפורסם הרה"ח ר' צבי הלוי ווייס שליט"א מקרית יואל העיד עליו על בקיאותו ואומנותו בשחיטות העופות, וגם הכרנו אותו כבר משעבר שיראת ה' חופפת עליו, ע"כ הנני לסמכו ולעטרו בקבלה שיכול לשחוט בקרב ישראל המהדרין ביותר, ובתנאי שיחזור על הלכותיו שבספר שמ"ח ועוד, וכן להראות סכינו מפעם לפעם לרבנים היושבים על המדון ומובהקים בתחום זה.

הכו"ח הק' משה רוטה

## אשר קדשנו במצותיו וצונו

# על השחיטה

פראבלעם פון שהייה.

די פיפטע און לעצטע הלכה איז "עיקור". אויב עס איז דא א פגימה אין דעם חלף, הייסט עס נישט קיין שחיטה, נאר עס הייסט אן עיקור. דאס מיינט אז מען האט אויסגעריסן די סימנים, דעם קנה אדער דעם ושט. דאס מאכט עס פאר א נבילה דאורייתא. נאכדעם איז דא א דין אויב דער קנה אדער דער ושט פאלט אראפ אינעם האלדז פאר'ן שעכטן וואס דאס הייסט שמוטה, אבער דאס איז שוין א לענגערע שמועס. דאס איז אלעס בקיצור.

עס זענען דא זייער אסאך דעטאלן וואס זענען געווענדט אין דעם שוחט'ס קאנצענטראציע, ער דארף טראכטן וואס ער טוט בשעת ער טוט עס, און אלעס דארף פאסירן שנעל. מען דארף זיך אסאך צוגעוואוינען צו דעם; מען דארף קענען די הלכות, און בשעת מעשה דארף מען צוגעוואוינען די האנט מיט דעם קאפ און די אויגן מיטצוהאלטן אלעס אינאיינעם.

עס איז דא א הלכה אז נאך דער שחיטה דארף מען אראפקוועטשן אויף דעם האלדז, כדי די סימנים זאלן ארויסקומען און מען זאל קענען זען אז זיי זענען ביידע דורכגעשניטן, דאס הייסט תקיפת אגודל. מען גיט אזא קוועטש אויף דעם האלדז, ביידע סימנים – דער קנה מיט דער ושט – קומען ארויס, און מען זעט אז ביידע זענען דורכגעשניטן.

### וויפיל עופות קען מען שעכטן אן קוקן אינמיטן אויב עס האט א פגם?

על פי הלכה דארף מען קוקן נאך יעדע שחיטה. לכתחילה דארף מען בודק זיין נאך יעדע איינציגסטע שחיטה. מען טוט עס אבער נישט אזוי ווייל אין ספר "שמלה חדשה" שרייבט ער שוין אז אין פלעצער וואו די צייט ערלויבט נישט – למשל ווען מען שעכט זייער אסאך אין א קורצע צייט און מען קען זיך פשוט נישט אפשטעלן – קען מען מקיל זיין און עס טון יעדע שטיקל צייט אדער נאך א געוויסע צאל עופות.

די אחרונים שרייבן אז היינטיגע צייטן אין די גרויסע שחיטות אין די שטעט, ווערט עס פאררעכנט אלס א שעת הדחק, פונקט ווי ערב יום כיפור. איבעראל איז היינט אזוי ווי ערב יום כיפור, ווייל מען שעכט זייער אסאך עופות אין א קורצע צייט און מען מוז זיך יאגן, עס איז נישטא קיין צייט פאר דעם. ממילא איז מען היינט מקיל אז מען קוקט נישט נאך יעדע שחיטה, נאר מען קוקט יעדע פאר מינוט אדער נאך אפאר קעסטלעך; אדער ווען מען האט יא עטליכע סעקונדעס צייט, גיט מען א שנעלע קוק. ביי יעדן אנדערש לויט וואס מ'איז מרגיל.

### וואס איז דער מהלך אויב איינער וויל זיך אויסלערנען צו זיין א שוחט? ער לערנט אדורך דעם ספר "שמלה חדשה" און דערנאך קען ער גיין צו דעם צווייטן חלק פון שעכטן?

מען דארף קענען די הלכות, אבער דער עיקר וואס מען דארף קענען איז די פראקטיק, ווייל דאס איז דער בעסטער וועג וויאזוי מען לערנט זיך אויס. מען הייבט עס אן צו טון און מען הייבט עס אן צו פילן, ביז מען זעט וויאזוי מען כאפט עס.

### האסט פריער גערעדט וועגן א "קבלה". מען נעמט א קבלה פון אן עלטערן שוחט. וואס מיינט א קבלה?

עס זענען דא צוויי זאכן: עס איז דא א "הודאה" און עס איז דא א "קבלה".

א הודאה איז א צעטל וואס א שוחט שרייבט, אבער א קבלה איז אזוי ווי א לייסענס.

עס איז אבער נישט אזוי ווי א מסורה וואס מען האט א קבלה דורי דורות פון איין שוחט צום צווייטן אז אזוי שעכט מען. א הודאה מיינט אז איך באקום א צעטל, עס איז ווי א פערמיט אז איך בין אויסגעלערנט און איך קען שעכטן. דערנאך דארף איך זיך גיין פארהערן ביי א רב; איך דארף אים ווייזן מיין מעסער, און אויב ער איז צופרידן, שרייבט ער מיר א קבלה אז איך מעג שעכטן. מיט דער קבלה קען מען שעכטן אזוי לאנג ווי מען לעבט. פארשטייט זיך, דאס איז נאר אויב מען האט דיך נישט געכאפט ביי א טעות, אדער דו האסט פארגעסן די הלכות, אדער געטון עפעס וואס מען טאר נישט; דעמאלטס קען מען עס צונעמען. אבער אזוי לאנג ווי מען חזר'ט איבער די הלכות און מען פאלגט נאך אלעס וואס מען האט געלערנט, קען מען ווייטער שעכטן.

### וויפיל קען קאסטן אזא שוחט-מעסער א חלף? איז דא א אידישע קאמפאני וואס מאכט עס?

רוב מעסערס ווערן געמאכט דורך אידישע קאמפאניס, אבער עס זענען דא מעסערס וואס ווערן אויך געמאכט דורך נישט-אידישע קאמפאניס.

### פארוואס מאכן זיי עס ספעציעל פאר אידן?

זיי ווייסן אז אידן פארלאנגען עס און אידן צאלן גוט פאר דעם. א מעסער קען קאסטן פון הונדערט דאלאר ביז עטליכע טויזנט דאלאר.

### וואס איז דער חילוק צווישן די ביליגע און די טייערע מעסערס?

# אשר קדשנו במצותיו וצונו על השחיטה

די טייערע חלפים זענען די עלטערע חלפים. עס זענען געווען עטליכע קאמפאניס בערך אכציג יאר צוריק וואס האבן געמאכט מורא'דיגע גוטע חלפים, און קיינער האט עס נאכנישט געקענט נאכמאכן. איך ווייס נישט פארוואס, עס איז א גוטע שאלה. דער מיקס, דער וועג וויאזוי זיי האבן געמאכט דעם אייזן און דעם שטאל, איז אויף א מורא'דיגן אופן; ווען מען שחט דערמיט, קען עס בלייבן סיי גלאט און סיי שארף פאר א לאנגע צייט, אבער היינט איז אויך דא זייער גוטע חלפים.

על פי הלכה דארף דער מעסער זיין סיי "חד" און סיי "חלק" – שארף און גלאט. גלאט און שארף איז בדרך כלל א סתירה: אויב עס איז זייער שארף, קען עס נישט זיין צו גלאט, און אויב עס איז צו גלאט, קען עס נישט זיין גענוג שארף. דעריבער דארף דער מעסער זיין זייער גוט געמאכט, אויף א געוויסן "שעיפ", אז ער זאל קענען האלטן סיי די שארפקייט און סיי די גלאטקייט, און אין די זעלבע צייט זאל ער אויך בלייבן שארף און גלאט נאך דער שחיטה. דאס איז א מורא'דיגע חכמה וויאזוי מען מאכט עס.

עס זענען דא מעסערס פאר הונדערט דאלאר, פאר דריי הונדערט דאלאר, און עס זענען דא פאר טויזנט אדער צוויי טויזנט דאלאר. עס זענען אויך דא אסאך סייזעס: עס זענען דא חלפים פאר עופות, פאר דקות (שאף און ציגן), און נאכדעם פאר גסות (בהמות) – די לאנגע און גאר לאנגע מעסערס.

## האסטו זיך אויך געלערנט צו שעכטן בהמות?

דאס איז מיין קומענדיגע פריאריטעט. גסות איז א גאנץ אנדערע פעלד. די עצם מעשה השחיטה איז גרינגער ווי עופות, ווייל די בהמה איז אנגעגרייט צו די שחיטה דורך א מאשין, דער שוחט דארף נאר שעכטן, אבער למעשה איז נישט דא קיין שחיטה פון גסות אין אונזער געגנט, מ'דארף אוועק פארן, במילא איז שווערער צו לערנען, אויך אלע אידישע הכשרים שעכטן ביי נישט אידישע פלעצער, ווייל טריפות ביי א בהמה איז אסאך מער שכיח, און עס איז בכלל נישט מעגליך צו האלטן און אייגענעם פלאץ נאר פאר בהמות. מען עסט דאך נאר "גלאט כשר", און עס איז נאר דא א קליינע פראצענט בהמות וואס קומען אויס גלאט כשר. וואס קען מען טון מיט די איבעריגע אכציג פראצענט? מען גייט עס דאך נישט פארקויפן פאר א גוי. דעריבער שעכט מען ביים גוי; מען נעמט די ביסל פראצענט כשר'ע פאר זיך, און די איבעריגע בלייבט זיינס.

## מיט וואס איז א שוחט פון היכל הקודש אנדערש ווי אין דער גאנצער וועלט?

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן עטליכע מאל אין יענער תקופה ווען ער האט אונז געשטופט צו לערנען: "א שוחט מיט התבודדות איז אן ענין אחר לגמרי. א שוחט וואס רעדט צום אייבערשטן און לערנט שיעורים כסדרן, איז גאר אן אנדערע זאך." איך פארשטיי פון דעם אז א שוחט פון היכל הקודש דארף האבן התבודדות, בעטן דעם אייבערשטן אז עס זאל נישט ארויסקומען קיין מכשול אונטער זיין האנט, און זיך אויפפירן אזוי ווי א תלמיד היכל הקודש דארף זיך אויפפירן; דעמאלטס איז עס א העכערע זאך.

## האלטסט אז יעדער איינער קען ווערן א שוחט?

נישט יעדער איינער קען זיין א שוחט. אויב ווען דיין זון צעשניידט זיך, חס ושלום, ווערסטו פארלוירן פון דעם בלוט און דו ווערסט אויס מענטש, דעמאלט איז דאס נישט געמאכט פאר דיר.

דער עיקר וואס א שוחט דארף האבן איז א שטארקע הארץ; נישט ווערן איבערגענומען, און אויך נישט מורא האבן צו ווערן צעשניטן. נישט אז איך זאג אז מען צעשניידט זיך לכתחילה, נאר איך זאג אז ס'איז א זאך וואס מען דארף זיין גרייט אויף דעם, און נישט יעדער קען עס פארנעמען.

## ווען מען לערנט זיך הלכות שחיטה, איז דא עפעס וואס רעדט וועגן דעם אז מען זאל נישט טראכטן וועגן געפילן, וועגן ארויסנעמען א נשמה פון א בהמה אדער פון א עוף?

אין די הלכה איז דא אין פלאץ וואו עס ווערט דערמאנט. למשל, אויב נאך די שחיטה זעט מען אז דער עוף שפרינגט און טאנצט – וואס דאס ווערט אנגערופן



"פרכוס" – ער שפרינגט און פארפירט, שרייבן די פוסקים אז ס'איז שוין נתברר געווארן על פי חכמי האמת, און דאס זאגט די תורה, אז די רגע וואס מען שחט אים, פילט ער שוין גארנישט. עס איז גארנישט קיין צער בעלי חיים, ווייל ער פילט שוין גארנישט. די תורה זאגט אז מען דארף שחט'ן, און די תורה זאגט אז שחיטה איז די גרינגסטע מיתה פאר א בעל חי, און דאס טוט מען.

אזוי אויך שטייט אין אסאך ספרים וועגן דעם ענין פון שחיטה, אז עס איז די גרעסטע רחמנות. עס זענען דא נשמות וואס ווערן מגולגל אין עופות אוןווארטן אויף א תיקון; ווען דו שעכטסט דעם בעל חי מיט די ריכטיגע כוונה, מיט א ברכה, און מען היט אלע הלכות, איז דאס די גרעסטע רחמנות וואס דו קענסט האבן אויף דעם בעל חי. דער אייבערשטער האט די גרעסטע רחמנות, און אז ער האט געהייסן שעכטן, מיינט עס אז דאס איז די גרעסטע רחמנות.

## עס איז דא א הלכה וועגן "אותו ואת בנו", אז מען טאר נישט שעכטן אין דעם זעלבן טאג א מאמע מיט א קינד; דאס גייט אויך אן ביי עופות?

דאס איז נאר ביי א בהמה. איך ווייס נישט אויב עס איז היינט אפילו שייך צו וויסן, ווייל אמאל האט מען אליין אויפגעהאדעוועט די בהמות. מען האט דאך געהאט א קו אין די פארם ביי זיך, און מען האט געהאט א קעלבל וואס איז געבוירן געווארן, האט מען געדארפט האלטן קאפ נישט צו שעכטן ביידע. איך ווייס נישט אויב עס איז היינט מעגליך, עס קומען דאך היינט הונדערטער, אלעס איז געמישט; ווי קענסטו וויסן ווער איז דער טאטע, ווער איז די מאמע, און ווער איז דאס קינד? עס קען זיין אז עס זענען דא פלעצער וואו מען שעכט אויף א קליינעם פארנעם און מען נעמט פון איין פארם, וואו דו קענסט האלטן חשבון, אבער סתם אזוי איז עס לכאורה נישט מעגליך.

## א גרויסן שכח ר' רפאל.

## אפאר יאר ארום וועלן די נייע פרישע אינגעלייט זאגן: "איך בין געגאנגען זיך לערנען ביי ר' רפאל, ביים ערשטן שוחט פון ברסלב". צו האבן א קבלה פון דיר וועט זיין א שטארקע זאך.

## איך וואונטש דיר אסאך כח אין אלעס וואס דו טוסט.

# בריוו פון דער ראש ישיבה שליט"א

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת במדבר, כ"ג אייר, שנת תשפ"ו לפרט קטן

שמואל לייב פעלבערבוים נרו יאיר, קרית ברסלב

"זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו", איך בין אזוי פריילין אז עס איז דא "ברסלב'ע פלייש", עופות וואס זענען גע'שחט'ן דורך אונזערע טייערע שוחטים, ברסלב'ע חסידים, יראים ושלמים, אינגעלייט וואס פירן זיך בקדושה ובטהרה, אינגעלייט שוחטים וואס נעמען נישט דעם חלף, דעם מעסער – נאר נאכן זיך מתבודד זיין.

זאלסט זיין געבענטשט פארן טון אלע שווערע ארבעט אז דאס זאל קענען צושטאנד קומען.

זיי מודיע פאר אנשי שלומינו אז מען קען האבן "ברסלב'ע פלייש", און זיין מיט די חברי הנהלה, מען זאל דאס קענען אוועקשטעלן ריכטיג, עס זאל זיין אונטער די קהילה, אזוי וועט זיין סייעתא דשמיא, ווייל אלעס פון די קהילה "קהילת היכל הקודש" האט סייעתא דשמיא, מוהרא"ש פארעכט זיך פאר די קהילה, מען זעט בחוש אז די הצלחה איז שלא כדרך הטבע, עס איז עפעס א העכערע כח, די כח פון צדיקים.

דער אייבערשטער זאל דיר געבן הצלחה און נחת ביי דיינע קינדער און אייניקלעך, אמן.

# א בליק צוריק

טרעף צו וואס, ווען, וואו, און ווער איז דער בילד:



## בילד פון פאריגע וואך:



מוהרא"ש זי"ע אין די הייליגע סוכה אין די מ' יארן.
אויף רעכטס זיצט הרה"צ ר' יצחק לעזער שליט"א

# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה **יואל אפפענהיים** הי"ו

וזוגתו שרה רבקה תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה **שמואל אייכנשטיין** הי"ו

וזוגתו מירל תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה **יצחק פעלדמאן** הי"ו

וזוגתו רחל תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

## מו"ה **בנימין ווילדי** הי"ו

וזוגתו באשה תחי'

### צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

# קלאסיפיידס









און עד אין בלעטל ברענגט רעזולטאטן

845-379-1161

ads@bletelmagazine.com



אשר קדשנו במצותיו וצונו

# לקדש שמו ברבים

מ. מאון



אשר קדשנו במצותיו וצונו

# לקדש שמו ברבים

כ"ד תשרי, אסרו חג סוכות א טאג נאך יום טוב, געפאלט די גרויסע יארצייט פון הרה"ק מריבניץ זצ"ל, רבי חיים זאנוויל בן משה ויוטא צפורה.

געוויסע פון אונזערע לייענער האבן נאך געהאט די זכיה אים צו קענען אדער צו זען זיין צורת קדשו. עס איז היינט נישט דא קיין איד וואס ווייסט נישט פון ריבניץ צו זאגן. זיין קבר אין מאנסי, ניו יארק, איז א פלאץ וואס שלעפט אידן פון אלע עקן צו יעדע צייט; עס טרעפט זיך ממש נישט קיין מציאות אז דאס פלאץ זאל זיין ליידיג פון מענטשן. אידן זעען דארט וואונדערליכע ישועות און רפואות, פונקט ווי דער צדיק האט פאראויסגעזאגט: "ווער עס וועט קומען צו מיין ציון, וועט פועל'ן וואס ער דארף, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות."

מיינט אבער נישט אז עס איז אלעמאל געווען אזוי. בחייו, ווי ביי רוב צדיקים, איז דער צדיק ביי געוויסע געווען אנגענומען ווי א "מאדנער איד" אדער "נישט אונזער דרך", מיט "ווילדע הנהגות", און אסאך האבן צוריקגעהאלטן זייערע קינדער פון גיין צום הייליגן ריבניצער. מיר רעדן דא נישט פון א מעשה פון הונדערטער יארן צוריק, נאר פון גאר לעצטנס; דער הייליגער ריבניצער רבי איז נסתלק געווארן אין יאר תשנ"ו.

דאס איז א גרויסע חיזוק פאר אלע וואס זוכן און דורשטן נאכצוגיין א צדיק אמת, אבער שפירן זיך פארשעמט און אויסגעשפילט ווען מען הערט אז דאס זענען "נייע דרכים"... זייט וויסן אז "כך היא דרכה של תורה", דאס איז דער וועג אנצוקומען צו א מדריגה אין קדושה. דער ס"מ מאכט דאס כסדר אזוי - אויב עס איז דא א צדיק וואס קען אויפהייבן א איד צום אייבערשטן, וועט זיין אויף אים חוזק, ליצנות און התנגדות.

ווען מען שרייבט פון צדיקים דארף מען אלץ געדענקן אז מיר האבן נישט קיין השגה אין צדיקים, מיר זענען זייער ווייט פון פארשטיין די מח פון צדיקים, וואס זענען דבוק צום אייבערשטן פיר און צוואנציג שעה א טאג, און זיי זענען אלץ גרייט זיך צו לאזן פארברענען על קידוש השם פארן אייבערשטן'ס וועגן (וואס מיט דעם ווערט טאקע גערופן די נאמען פון דעם באשרייבונג "אשר קדשנו במצותיו וצונו לקדש שמו ברבים", דאס איז די ברכה וואס מען זאגט ווען איינער גייט על קידוש השם). אזוי אויך איז זייער גאנצע לעבן א שטיק מסירות נפש, זיי זענען אלץ גרייט צו העלפן א צווייטן איד וואס דארף א ישועה ברוחניות אדער בגשמיות.

אבער פון די אנדערע זייט דארף מען וויסן אז מיר קענען אויך צוקומען צו זיין צדיקים, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט בפירוש געזאגט אז אני יכול לעשות צדיקים כמוני ממש, איך קען מאכן עטס זאל זיין צדיקים אזוי ווי מיר, אויב מען פאלגט די עצה פון הייליגן רבי'ן וואס זאגט אונז אז מיר זאלן רעדן צום אייבערשטן, קענען מיר אויך צוקומען צו גאר שיינע זאכן.

לכבוד יום טוב סוכות ברענגען מיר אייך שטריכן און עובדות פונעם הייליגן ריבניצער רבי'ן זכותו יגן עלינו. היות דער הייליגער ריבניצער האט נישט איבערגעלאזט קיין זרע של קיימא, וועט עס זיכער זיין א טובת נשמה צו לערנען משניות און צינדן א ליכט ביומא דהילולא. דער ריבניצער האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אינעם טאג פון זיין רבי'נס יארצייט, אז ווען מען לערנט משניות לעילוי נשמת א צדיק, ווערט די נשמה פון דעם וואס זאגט די משניות פארבינדן און מקושר מיט'ן צדיק'ס נשמה.

## געבליבן דורך א ברכה

די מאמע פונעם ריבניצער רבי'ן פלעגט זיך כסדר מזכיר זיין ביים הייליגן שטעפינעשטער זי"ע אז זי זאל געהאלפן ווערן מיט א קינד, וויבאלד עס איז שוין אריבער פערצן יאר זייט זי האט געהאט א קינד. איינמאל ווען זי איז געווען ביים צדיק, האט זי זיך זייער גע'עקשנ'ט מיט עזות דקדושה און געזאגט: "איך טרעט נישט אפ ביז דער צדיק זאגט מיר צו א קינד." דעמאלטס האט דער שטעפינעשטער זי"ע איר צוגעזאגט: "איבער א יאר וועסטו האבן א קינד." זי האט טאקע זוכה געווען צו א קינד און אים א נאמען געגעבן "חיים זאנוויל."

## א יתום אבער נישט אליין

ביי די דריי יאר איז דער טאטע פון רבי חיים זאנוויל נפטר געווארן. דעמאלטס האט זיין קלוגע און ערליכע מוטער אים גענומען צום הויז פונעם הייליגן שטעפינעשטער זי"ע, געלייגט דאס קינד ביים רבי'ן און געזאגט: "רבי, ער האט נישט קיין טאטע. איך לאז אים דא איבער אז דער רבי זאל אים אויפציען." דער הייליגער ריבניצער האט שפעטער דערציילט: "ווען מיין רבי האט מיר גענומען אויפ'ן שויס, בין איך פון דאן אן געווארן געקניפט און געבינדן מיט אים כל ימי חיי."

דער שטעפינעשטער זי"ע האט אים טאקע אויפגעצויגן ווי אן אייגן קינד, אבער נאך פיל מער. ער האט מיט אים געלערנט נגלה און נסתר, ווי דער ריבניצער האט זיך אמאל אויסגעדרוקט: "דער רבי האט מיר אויסגעלערנט פון א-ב ביז אותיות דרבי עקיבא."

רבי חיים זאנוויל איז געווען א בן בית ביים שטעפינעשטער זי"ע; ער האט אלעמאל געהאט אן אפענע טיר, אפילו אין צייטן ווען מען האט קיינעם נישט צוגעלאזט. חסידים פלעגן דערציילן אז דער ריבניצער איז געווען אזוי מקושר מיט זיין רבי'ן, אז ער פלעגט נישט קענען גיין שלאפן אן קוקן אויף די צורה פון זיין רבי'ן.

ווען רבי חיים זאנוויל האט חתונה געהאט, האט ער זיך אוועקגעצויגן פון שטעפינעשט, צוליב דעם וואס זיין שווער איז געווען אן אלמן און זיין ווייב, די טאכטער, האט געפירט דיווירטשאפט פאר'ן טאטן. א שטיק צייט שפעטער האט רבי חיים זאנוויל ערהאלטן א ידיעה אז זיין רבי איז נישט געזונט. ער האט זיך דאן אויפגעהויבן און איז צוריקגעגאנגען קיין שטעפינעשט, וואו ער האט געדינגען א דירה פאר זעקס חדשים. אין יענע צייט האט ער כמעט נישט אפגעטרעטן פון די זייט פון זיין רבי'ן און איז ממש נישט אהיימגעגאנגען.

איינמאל, זייענדיג ארום דעם רבי'ן, האט איינער פון די תלמידים געפרעגט: "צו וועמען זאלן מיר גיין נאכ'ן רבי'נס הסתלקות?" דער שטעפינעשטער האט נישט געענטפערט, נאר געקוקט צום ריבניצער. די חסידים האבן דערין געזען אז דער רבי איז זיי מרמז צו גיין צום ריבניצער נאך זיין פטירה.

ווען דער שטעפינעשטער איז נסתלק געווארן, איז ער דעמאלטס געשטאנען און פלוצלינג אנגעהויבן פאלן. רבי חיים זאנוויל, זיין תלמיד מובהק, איז דארט געשטאנען, און ווי נאר זיין רבי האט אנגעהויבן פאלן, האט אים דער ריבניצער געכאפט מיטביידע הענט. אין יענע סעקונדע האט דער שטעפינעשטער געעפנט די הייליגע אויגן נאך איין מאל און געפרעגט: "ווער איז דאס?" "חיים זאנוויל," האט מען אים געזאגט. "א חידוש!" האט דער צדיק געזאגט, און מיט די ווערטער האט ער צוריקגעגעבן זיין נשמה אין די הענט פונעם ריבניצער רבי'ן.

דער ריבניצער פלעגט זאגן אז דער אופן וויאזוי די פטירה איז צוגעגאנגען,





איז געווען ווי א סמיכה פאר אים פון זיין רבי'ן. אין א געלעגנהייט האט דער ריבניצער זיך אויסגעדרוקט: "מיין רבי האט מיר איבערגעגעבן זיינע כוחות." דער שטעפינעשטער האט געהאט נאך גרויסע תלמידים, צווישן זיי דער טאהשער רבי און דער סקולענער רבי. זיין יארצייט איז י"א תמוז.

## פון וואו קומט צו אייך אזא קושה?

דער ריבניצער איז געקומען פון רוסלאנד, וואו רוב אידן זענען נעבעך פארפאלן געווארן צו די פינסטערע פלענער פון די פארשאלטענע קאמוניסטן. דער הייליגער ריבניצער האט זיך מוסר נפש געווען פאר די אידן אין רוסלאנד (ווי מיר וועלן שפעטער דערציילן). די ארטיגע פשוט'ע אידן האבן אים בכלל נישט באטראכט פאר א צדיק; צו זיי איז ער געווען א חבר וואס קען פועל'ן, נישט מער און נישט ווייניגער. זיי פלעגן אים נישט רופן מיט'ן טיטל רבי, נאר פשוט "חיים זאנוויל."

איינמאל האט איינער פון זיינע אלטע רוסישע חברים, שוין זייענדיג דא אין אמעריקע, געהערט אז זיין חבר פון כתה איז גאר געווארן א גרויסער חסידישער רבי, און אז מען זאגט אויף אים אז ער איז מרגיש אויב איינער גייט אין מקוה, און ער גיט נישט די האנט נאר פאר איינעם וואס איז געווען אין מקוה. ער האט דאס נישט געגלויבט און באשלאסן דאס צו פרובירן. (דער ריבניצער פלעגט כסדר גיין זיך טובל'ן – "גיימיר אין וָואסער..." פלעגט ער זאגן).

איז ער געגאנגען צום בית המדרש וואו דער ריבניצער פלעגט דאווענען און געווארט ער זאל אנקומען. ער האט געווארט א שעה, צוויי און דריי, טראכטנדיג אז ווען דער ריבניצער וועט אריינקומען, וועט ער צוגיין געבן די האנט און דער ריבניצער וועט אים זיכער נישט אפזאגן. אבער ער האט געווארט און געווארט, ביז ער האט געשפירט אז ער האט שוין נישט קיין געדולד און איז ארויס.

א מינוט דערויף איז דער צדיק אריינגעקומען אין שול. ווען דער איד האט דאס געהערט, איז ער דעם קומענדיגן טאג יא געגאנגען אין מקוה און דאן אריינגעקומען אין שול. דער ריבניצער איז דארט געווען און אים געגעבן שלום. "חיים זאנוויל," האט דער רוסישער איד אים געזאגט, "מיר זענען געווען חברים אין איין כתה. איך געדענק דיר, דו ביסט טאקע געווען א וואויל קינד, אבער א פשוט קינד. דיין טאטע איז געווען א וואוילער איד, ער איז געווען א שוחט אבער נישט קיין רבי. פון וואו קומט צו דיר צו זיין א רבי און פראווען מופתים?"

האט אים דער ריבניצער געענטפערט: "עס איז מיר אויסגעקומען צו האבן דעם זכות צו גראבן א מקוה מיט די אייגענע הענט. ווען איך האב געענדיגט בויען די מקוה, איז אראפגעקומען אויף מיר א רוח טהרה וקדושה, און איך בין נהפך געווארן לאיש אחר!"

## יענער איד ביים עק שטאט

ווי שוין געשריבן, האבן נישט אלע געקוקט אויפן ריבניצער מיט א גוט אויג. עס האט זיך אמאל געמאכט אז א איד איז געקומען קיין ריבניץ און געפרעגט וואו מען קען איינשטיין ביי אן ערליכן איד. האט מען אים געזאגט: "עס זענען נישטא קיין ערליכע אידן אין ריבניץ, אויסער ביים עק שטאט וואוינט א פרומער, אבער ער איז אן ערנסטער משוגענער..."

"וואס טוט ער?" האט דער איד זיך געוואונדערט.

"ער ברעכט דאס אייז און 'באדט' זיך אין טייך!" האבן די ארומיגע אידן דערציילט.

"אט אזא איינעם זוך איך!" האט דער ערליכער איד געזאגט, און ער איז געגאנגען צום עק שטאט. דארט האט ער געטראפן א איד וואס זיצט איבער א טיש, איבערגעבויגן איבער א גמרא, און לערנט תורה מיט א זיס קול. ער איז אנגעקומען צום שטוב פון דעם הייליגן ריבניצער רבי'ן.



אשר קדשנו במצותיו וצונו

# לקדש שמו ברבים

## שוין געווען אויף אלע דריי...

דער ריבניצער זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדרוקט: ביי די רוסן זענען געווען דריי הארבע עבירות וואס זענען ביי זיי געווען יהרג ואל יעבור. דאס ערשטע איז געווען צו לערנען מיט קינדער, דאס צווייטע איז געווען צו זיין א שוחט, און דאס דריטע איז געווען צו זיין א מוהל.

"און איך האב 'עובר' געווען אויף אלע דריי!" האט דער ריבניצער אויסגעפירט.

## געפאסט פאר אידישע קינדער

איינמאל איז דער ריבניצער געווען מוהל ביי א ברית וואו דער קלויזענבורגער רב זי"ע איז געווען סנדק. נאכן ברית האט מען זיך געזעצט צו א סעודה, אבער דער ריבניצער האט זיך נישט צוגעזעצט, נאר זיך געיאגט ארויסצוגיין.

ווען דער קלויזענבורגער רב האט דאס געזען, האט ער זיך אויסגעדרוקט: "בלייבט דא מיט אונז, עס איז דאך א סעודת מצוה."

האט זיך דער ריבניצער זי"ע אנגערופן: "איך פאסט שוין פערציג יאר! אין רוסלאנד פלעג איך אויך פאסטן. איין טאג האב איך זיך געלאזט איבעררעדן דורך א שוטה צו גיין עסן און איך האב נישט געפאסט. דעם קומענדיגן טאג האט מען געשאסן זעכציג מענטשן. דאן האב איך איינגעזען אז אין הימל איז חשוב מיין פאסטן, דעריבער פאסט איך ווייטער."

## אייבערשטער נעם

## מיך ארויס פון דא

דער ריבניצער האט איינמאל דערציילט וואס עס האט פאסירט מיט אים: "איינמאל בין איך געגאנגען זיך טובל'ן אין טייך, אבער צוליב די פרעסטן האב איך נישט געטראפן דעם לאך וואו איך האב געהאקט דאס אייז צו קענען ארויסקומען. איך האב זיך געדרייט אין וואסער און געשפירט ווי אט אט גיי איך אויס. האב איך געזאגט: 'אייבערשטער, איך וויל דיר דאך גיין דינען, נעם מיר ארויס פון דאנעט!'"

יענע מינוט האט זיך געעפנט א נייער לאך און איך בין ארויסגעקומען.

אן אנדער מאל איז דער ריבניצער געגאנגען צום טייך זיך טובל'ן. עס זענען דארט געשטאנען עטליכע יונגע שקצים וואס האט זיך פארגליסט צו מאכן שפאט פונעם צדיק. איין שגץ



אשר קדשנו במצותיו וצונו

# לקדש שמו ברבים

האט געווארפן א שטיין וואס האט ליידער געצילט צום צדיק, און ער האט זיך געבויגן פון די גרויסע יסורים.

דער צדיק האט דאן אויפגעהויבן זיין האנט, און דער יונגער שגץ איז געווארן פאראלאזירט. אביסל שפעטער, ווען די מאמע פונעם שגץ האט דאס באמערקט, איז זי געקומען וויינען צום צדיק ער זאל אויסהיילן איר זון און אראפנעמען פון אים די קללה.

האט איר דער ריבניצער געזאגט: "אויב ער וועט צוזאגן אז ער וועט מער קיינמאל נישט טשעפען א איד, וועל איך אראפנעמען פון אים די קללה." וכך הוה.

## קעי דשי בי

די קעי-זשי-בי (KGB) פלעגט לאקערן נאכן צדיק, אבער דער אייבערשטער האט אים שטענדיג אפגעהיטן פון זיי. איינמאל, ווען דער ריבניצער האט געהאלטן אינמיטן דאווענען, זענען די חברה אנגעקומען און אים אוועקגעפירט. אויפן וועג האט דער ריבניצער געזאגט פאר די פאליציי אז ער וויל זיך גיין "באדן" אין טייך. די קעי-זשי-בי האבן געמיינט אז דער איד איז אינגאנצן אראפ פון זינען – ווער גייט זיך באדן אין טייך אינמיטן ווינטער?

"נו, פארוואס נישט? זאל ער דארט שטארבן," האבן זיי געמאכט דעם חשבון. זיי האבן געלאזט דעם ריבניצער זיך באדן. דער צדיק האט זיך געט'טובל'ט זיינע טבילות פאר א שטיק צייט, און ווען ער איז ארויסגעקומען, האט ער געזען אז זיי זענען שוין לאנג נישט דא. זיי זענען געווען זיכער אז דער איד איז שוין נישט בין החיים און זענען אוועקגעפארן.

## געדאטשעוועט פון די דייטשן

ווען די דייטשן האבן איינגענומען ריבניץ, האבן זיי צוזאמגענומען בערך צוויי טויזנט אידן און געפלאנט זיי אלע צו שיקן צום טויט רח"ל.

די שטאט-לייט האבן זיך געבעטן צום ריבניצער: "חיים זאנוויל (ווי זיי האבן אים גערופן), דו ביסט דאך א ג-ט'ס מאן, באוויז אונז עפעס א נס! ראטעווע אונז מיט דיינע תפילות!"

דער ריבניצער האט זיי געזאגט: "אויב איך האב יעצט 'וואסער' (איך קען גיין אין מקוה), ראטעווע איך אייך אלע."

פלוצלונג קומט אן דער הויפט קאמאנדיר און רופט זיך אן: "ווער קען גיין ברענגען וואסער פאר מיין פערד צו טרינקען?"

אלע האבן געוויזן אויפן ריבניצער, און דער צדיק איז געלאפן צום טייך. ער האט זיך גע'טובל'ט און צוריקגעברענגט וואסער פארן גענעראל ימ"ש.

דאן האט זיך דער צדיק אנגערופן: "דער סדר העולם איז, אז איידער מען הרג'עט אויס מענטשן, גיט מען נאך א לעצטע וואונטש. זאל דער גענעראל געבן רשות פאר די אידן צו דאווענען נאך איין תפילה."

דער גענעראל האט אים נאכגעגעבן, און דער ריבניצער האט אנגעהויבן פארזאגן א קאפיטל תהלים, און אלע האבן אים



נאכגעזאגט.

ווען די אידן האבן געענדיגט, האט דער גענעראל צאמגעקלאפט די הענט און זיך אנגערופן: "איך קען אייך שוין גארנישט טון!" און ער איז נעלם געווארן פון דארט אויף אייביג.

## געדאַטשוועט דורך זאָגן ווידוי

א בחור וואס האט אביסל געדרייט מיט געלט און זיך פארהאנקעט מיט דער רעגירונג, איז אנגעקלאגט געווארן און עס האט אים געווארט א שווערער משפט. ער איז געקומען צום ריבניצער און אים געזאגט: "איך האב חרטה אויף מיינע מעשים, אבער וואס זאל איך טון אז אין געריכט העלפט נישט קיין חרטה?"

"זארג נישט," האט אים דער צדיק בארואיגט. "דו גיי און לערן אויס פאר דיין אדוואקאט דעם פונקטליכן טייטש פון 'אשמנו בגדנו', און ווען דער ריכטער וועט דיר פרעגן וואס דו האסט צו זאגן, זאלסטו אנהייבן זאגן מיט אן ערנסטקייט און אמת 'אשמנו בגדנו'... און אלעס וועט זיין גוט."

דער בחור, א קלוגער מיט תמימות און אמונת חכמים, האט געפאלגט בפשיטות.

ווען עס איז געקומען צום געריכט און דער שופט האט אים געפרעגט וואס ער האט צו זאגן, האט ער זיך אנגעהויבן קלאפן אויפן הארץ און זאגן מיט א צעבראכן געמיט: "אשמנו, בגדנו..." דער ריכטער האט נישט פארשטאנען קיין איין ווארט און געבעטן דעם אדוואקאט ער זאל דאס איבערטייטשן פאר אים. דער אדוואקאט האט אים מסביר געווען אז דאס איז דער וועג וויאזוי א איד דרוקט אויס זיין חרטה-געפילן, און ער האט אנגעהויבן איבערטייטשן די ווערטער פארן שופט.

דער גוי'אישער שופט איז אזוי גערירט געווארן פונעם ווידוי, אז ער האט זיך ממש געשטיקט פון טרערן און ארויסגעגעבן דעם פסק אז דער בחור איז באפרייט.

די וואס האבן אנגעקלאגט דעם בחור האבן געהאט טענות: "מיט וואסארא רעכט האט מען אים ריינגעוואשן?" האבן זיי געוואלט וויסן.

"איך בין שוין דרייסיג יאר א ריכטער און איך האב נאך קיינמאל נישט געזען א מענטש זאל האבן אזא אמת'ע חרטה."

"און וויאזוי ווייסטו אז ער האט באמת חרטה?" האבן זיי געפרעגט.

"עס איז זיכער אזוי, ווייל עס איז מיר אריין אין הארץ."

## געוויין ביי זיין פטירה

אינעם טאג וואס דער ריבניצער איז נפטר געווארן, האט א איד געטראפן אן אלט רוסיש פארפאלק שטארק וויינען. "וואס גייט פאר?" האט ער זיך אינטערעסירט.

"דער ריבניצער איז נפטר געווארן?"

"און וואס האט איר געהאט מיט'ן ריבניצער?"

און אט האבן זיי דערציילט:

"יארן צוריק בין איך געווען א בוכהאלטער אין רוסלאנד. די רעגירונג האט אויף מיר געטראפן אן עבירה אז די ביכער שטימען נישט, און מען האט מיר איינגעזעצט אין תפיסה. עס האט אויף מיר געווארט א שווערער משפט.

מיין ווייב איז געלאפן צום ריבניצער און אים דערציילט וואס עס האט פאסירט, זאגנדיג: 'זיי זאגן אז ער וועט דארפן לאנג זיצן אין תפיסה.'

'אפילו אביסל וועט ער אויך נישט זיצן,' האט דער צדיק געזאגט.

דאן האט דער צדיק געגעבן פאר מיין ווייב א פאר שיך און געזאגט: 'געב די שיך פאר דיין מאן און זאג אים אז ער זאל דאס חלילה נישט אויסטון.' עטליכע טעג דערויף בין איך אהיימגעקומען פון תפיסה, און מען האט מיר בכלל נישט גערופן צום משפט.

עס זענען אריבער עטליכע יאר און עס האט אויסגעזען ווי די גאנצע פרשה איז שוין פארגעסן געווארן. איינמאל האט פאסירט אז א צווייטער איד האט אפגעווארט א משפט, און יענער האט געוואוסט צו זאגן פון די הייליגע שיך; ער איז געקומען צו מיר אפנעמען די שיך ביז נאך זיין משפט.

נישט לאנג דערנאך האט זיך די פאליציי דערמאנט אין מיר, און זיי זענען געקומען מיר אפנעמען. מיין ווייב איז ווידער געלאפן צום צדיק, און דאס מאל האט איר דער ריבניצער געגעבן א טאשטיכל און געזאגט: "געב עס פאר דיין מאן און זאג אים אז ער זאל נישט זארגן, ווייל דער פראצעס קומט פאר אין א מקום קדוש, און דעריבער קען דארט נישט חל זיין די טומאה. ער וועט ארויסגיין פריי."

מיין ווייב האט נישט פארשטאנען וואס דער רבי זאגט, אבער ווען עס איז אנגעקומען די הזמנה צום געריכט, האבן מיר געזען אז דער געריכט קומט פאר אין מונקאטש, אינעם געוועזענעם בית המדרש פון דעם הייליגן מנחת אלעזר.

ביים פראצעס האט דער ריכטער זיך איינגעקוקט אין די חשבונות און נומערן, און ער האט אנגעהויבן שווינדלען און שוויצן. דאן האב איך ארויסגענומען דאס טאשטיכל פונעם צדיק און עס דערלאנגט פארן שופט זיך אפצווישן. ווי נאר דער שופט האט זיך אפגעווישט מיט'ן הייליגן טאשטיכל, האט ער אנגעהויבן שרייען: 'איר זענט א באנדע ליגנערס וואס ווילן מאכן א בלבול! קוקט אריין און איר וועט

זען אז אלעס שטימט!

...

דער ריבניצער זי"ע האט אמאל געזאגט: 'דאכט זיך מיר אז איך האב נאך קיינמאל נישט מצער געווען א איד.'

## צדיק גוזר...

א איד האט געשיקט א שליח צום ריבניצער אז זיין קינד איז אין שפיטאל און די דאקטוירים האבן אויפגעגעבן; זיי זאגן אז עס איז שוין דערנאך. מען איז שנעל אריין צום צדיק זיך מזכיר זיין, און דער ריבניצער האט געזאגט אז עס וועט בעז"ה זיין גוט.

אין יענע מינוט האט דער מצב אנגעהויבן גיין צום בעסערונג. די נורס איז געשטוינט געווארן; זי האט נישט געגלייבט וואס זי זעט. דער פאציענט איז לויטן דאקטער שוין געווען א פארגאנגענהייט.

מיט עקסטאז איז זי געלאפן רופן דעם דאקטער, וועלכער האט צווערשט נישט געוואלט הערן וואס זי זאגט, וויל ער האט שוין אפגעזאגט זיין פסק. אבער נאך אפאר מינוט האט זי אים זייער געבעטן, און דער דאקטער איז געקומען זען וואס עס גייט פאר.

מיט שאק האט ער באטראכט די אפענע וואונדן און זיך אנגערופן: "דאס שטימט נישט מיט די כללי הרפואה!"

א דאקטער האט א כח צו היילן, נישט צו געבן קיין גזר דין!

## געפועל'ט מיט אמונה

איין טאג איז געקומען א רוסישער איד וועלכער האט נאך געקענט דעם ריבניצער פון רוסלאנד און געזאגט: "חיים זאנוויל, מיין קינד איז פארמישט געווען אין א שווערע עקסידענט. ער איז אין שפיטאל און די דאקטוירים זאגן אז עס איז דערנאך מיט אים."

"און וואס ווילסטו פון מיר?" האט דער ריבניצער אים געפרעגט.

"חיים זאנוויל, ווען דו ווילסט קענסטו פועל'ן!"

"נו," האט דער צדיק געזאגט, "אז דו זאגסט אזוי, זאל זיין אזוי."

ביינאכט איז דער איד צוריקגעקומען און דערציילט די גוטע בשורה אז אלעס איז גוט מיט זיין זון ב"ה. דער איד האט צוגעלייגט: "איך האב דיר געזאגט, אז דו ווילסט קענסטו!"

ווען ער איז ארויס, האט זיך דער ריבניצער זי"ע אנגערופן: "דער איד האט געפועל'ט מיט זיין אמונת חכמים!"

דאס דערמאנט וואס דער הייליגער רבי האט געזאגט, אז דאס וואס די אונגארישע אידן זעען מער מופתים איז צוליב דעם וואס זיי האבן א שטערקערע אמונת חכמים.

## הללו את ה' כל גוים

איינמאל האט די קעי-זשי-בי געכאפט דעם ריבניצער זי"ע אינמיטן די גרויסע 'עבירה' פון לערנען תורה מיט תלמידים. אלע תלמידים האבן געמאכט א פליטה, אבער דעם ריבניצער האבן זיי געכאפט. דער הויפט איז צוגעקומען צו אים און שטילערהייט געזאגט: "איך ווייס גאנץ גוט וואס דו האסט דא געטון, און דו ווייסט גאנץ גוט די שטראף דערפאר."

"איך וויל אבער מאכן מיט דיר א געשעפט. איך האב א קליינע טאכטער וואס איז בלינד. אויב קענסטו איר מאכן זען, ביסטו באפרייט, און אויב נישט..."



מען האט אריבערגעברענגט דאס קינד, דער צדיק האט אריבערגעפירט א טיכל איבער די אויגן, און דאס קינד האט אנגעהויבן זען.

## ווער איז דיין מסדר קידושין?

די עבודה פון דעם צדיק אין רוסלאנד איז געווען צו מאכן ווי מער אידן פאר בעלי תשובה. ער פלעגט פראווען מופתים פאר זיי צו שטארקן זייער אמונה אינעם אייבערשטן, און זיין עיקר ציל איז געווען אז נאך א איד זאל טון א מצוה.

איינמאל איז געקומען א מיידל און דערציילט פארן ריבניצער אז זי גייט חתונה האבן און וויל א ברכה פון אים. דאס מיידל איז נישט פרום געווען, און דער ריבניצער האט איר געפרעגט: "ווער גייט זיין דער מסדר קידושין?" דאס מיידל האט זיך ארויסגעדרייט פון ענטפערן, ווייל דער ענטפער איז געווען אז עס איז נישטא קיין מסדר קידושין.

האט איר דער צדיק געפרעגט: "א סעודה פאר די חתונה איז שוין דא?"

האט זי געזאגט אז זי האט געקויפט פינף עופות וואס מען וועט קאכן פאר די סעודה.

"לאז די עופות לעבן, איך וועל דיר ברענגען פלייש צו די חתונה."

דאן האט דער ריבניצער זיך אראפגעזעצט און געלערנט די הלכות וויאזוי מען פירט א אידישע שטוב. אינעם יום החתונה איז דער צדיק געווען פארנומען א גאנצן טאג צוגרייטן א כשר'ע סעודה, ער איז אליין געווען דער מסדר קידושין, און ער האט פרייליך געמאכט חתן כלה ביי די חתונה.

און ווי אלטע רוסישע אידן דערציילן, איז דאס געווען א טעגליכע ערשיינונג אז דער רבי האט צוגערעדט מענטשן חתונה צו האבן כדת וכדין.

## אויב דו וועסט היטן שבת

א גאר פשוט'ער איד וואס האט נאך געקענט דעם ריבניצער פון רוסלאנד, איז אמאל געקומען צום ריבניצער ווען ער איז שוין געווען אין ארץ ישראל און אים געבעטן: "רבי, וואונטש מיר אן מיין טראק אז עס זאל גוט פארן און זיך לאנג האלטן."

האט דער ריבניצער זיך אנגערופן צו אים: "איך וועל דיר וואונטשן נאר אויב דו



וועסט נישט פארן דערמיט שבת."

"רבי, דא איז נישט רוסלאנד. דא קען מען נישט היטן שבת (רח"ל)," האט יענער געזאגט.

"אויב אזוי, קען איך נישט אנוואונטשן דיין טראק."

דער איד איז ארויס, אבער איז שפעטער צוריקגעקומען: "רבי, איך וועל נישט צורירן דעם טראק אום שבת."

"אויב אזוי וועל איך וואונטשן."

אגב, ווען דער איד איז נפטר געווארן, האט זיך דער ריבניצער משתתף געווען ביי זיין לוויה, געהאלפן גראבן און געזאגט קדיש. ווען מען האט אים געפרעגט דערויף, האט ער געזאגט: "איך בין אים שולדיג הכרת הטוב. איינמאל אין רוסלאנד, ווען דריי קעי-זשי-בי חברה זענען מיר געקומען נעמען און איך בין געווען אין א גרויסע סכנה, איז דער איד געקומען און דערוואָרגן די דריי חברה, זיי דערנאך ערגעץ באגראבן, און דערמיט געראטעוועט מיין לעבן."

## איך האב צוגעזאגט

איין טאג האט זיך דער ריבניצער צדיק זייער געאיילט, ער האט געדארפט אנקומען ערגעץ וויכטיג. "וואו גייט מען?" האט דער גבאי געפרעגט.

"איך וועל דיר שוין ווייזן," האט דער רבי געענטפערט.

דער ריבניצער האט געגעבן פונקטליכע אנווייזונגען און זיך אפגעשטעלט ביי א געוויסע גאס. יענע מינוט איז א אינגל אריבערגעגאנגען. דער ריבניצער עפנט אויף די טיר און רופט זיך אן צום קינד: "יחזקאל'ע, גיי זאג פאר דיין מאמע אז דער ריבניצער צדיק איז דא."

דאס קינד איז אהיימגעלאפן איבערגעבן פאר די מאמע וואס דער צדיק האט געזאגט. נאכדעם איז די מאמע ארויסגעקומען.

"רבי, רבי, וואס גייט פאר?" האט זי דערשראקן געפרעגט.

"איך האב דיר צוגעזאגט ביי דיין אינגל'ס ברית אז איך וועל אים אנטון תפילין, און היינט איז זיין בר מצוה. איך נעם אים מיט מיר און איך וועל אים לייגן תפילין."

וואס איז געווען די מעשה? די מאמע פונעם קינד, וועלכע איז נישט געווען קיין פרומע, האט זייער מורא געהאט צו מאכן א ברית, טאמער וועט עס זיין א סכנה פארן קינד. בכלל האט זי מורא געהאט פון די קאמיוניסטן אז מען וועט איר פארשיקן קיין סיביר. דער ריבניצער האט איר דאן צוגעזאגט אז אלעס וועט זיין גוט, און ער וועט אים נאך אנטון די תפילין.

דער ריבניצער האט דאן גענומען דעם בחור'ל מיט זיך און אים אנגעטון תפילין. עס איז אין אים אריין א רוח טהרה, און דער בחור פירט היינט א חסידישע שטוב אין בני ברק.



## ריר נישט אן די בארד און פאות

א איד איז געקומען וויינען צום ריבניצער (נאך אין רוסלאנד) אז זיין זון וויל חתונה האבן מיט א נישט-אידיש מיידל רח"ל. דער ריבניצער האט גערופן דעם בחור און גערעדט מיט אים א גאנצע נאכט, פרובירנדיג אויפצוועקן זיין אידישן פינק, אבער דער בחור האט זיך ליידער געהאלטן ביי זיין מיינונג.

דאן האט זיך דער צדיק אנגערופן: "אויב זי לעבט נאך, קענסטו חתונה האבן מיט איר."

ווען דער בחור איז ארויסגעגאנגען, האט ער געהערט אז דאס מיידל איז געשטארבן אין אן עקסידענט. ער האט דאן איינגעזען דעם גרויסן כח הצדיק און האט תשובה געטון.

יארן שפעטער, ווען ער האט געוואלט ארויסגיין פון רוסלאנד, איז ער געקומען צום ריבניצער רבי'ן און אים געבעטן א ברכה אז ער זאל קענען ארויספארן.

"איך וועל דיר העלפן, בתנאי אז דו וועסט קיינמאל נישט צורירן דיין בארד און פאות," האט אים דער צדיק געזאגט.

דער בחור האט עס אויף זיך מקבל געווען.

ווען ער איז טאקע ארויס און געקומען קיין ארץ ישראל, צווישן די פרייע קיבוצים פון די ציוניסטן, האט ער שנעל איינגעזען אז דארט טרעט מען ליידער אויף תורה ומצוות. נאך אפאר טעג האבן די הויפטן אים געמאלדן אז אויב ער וויל דארט בלייבן, מוז ער זיך שניידן די בארד און פאות. דער בחור האט אבער געדענקט זיין צוזאג און זיך געהאלטן פעסט דערמיט.

זעענדיג זיין עקשנות, האבן זיי אים ארויסגעווארפן פונעם קיבוץ. דער בחור איז געפארן קיין בני ברק, וואו ער האט זוכה געווען אויפצושטעלן אן ערליכע חסידישע שטוב.

## פארוואס פארעט זיך דער רבי מיט זיי?

איינער האט אמאל געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס ער פארעט זיך אזויפיל מיט די רוסישע "פראסטאקעס".

"זיי האלטן דאך ביי גארנישט אין אידישקייט..." האט זיך יענער אויסגעדרוקט.

"אויב זיי האלטן ביי גארנישט, פארוואס קומען זיי צו מיר? נאר דאס מיינט אז זיי האבן אמונה, און פאר די אמונה אליין דארף מען זיך מיט זיי אפגעבן."

## טון פאר א צדיק

דער ריבניצער האט געזאגט אז א צדיק וואס ווערט נפטר און לאזט נישט איבער קיין קינדער, וויל אז מען זאל אים געדענקען אויף דער וועלט און טון פאר אים לעילוי נשמתו. ער האט אויך דערציילט אז זיין רבי, דער שטעפאנעשטער רבי, וועלכער האט אויך נישט געהאט קיין קינדער, האט געזאגט אויף זיך אז מען זאל טון פאר זיין נשמה, כדי זיין נאמען זאל נישט פארגעסן ווערן.

## געהאלפן אידן מיט קינדער

ווען אידן פלעגן קומען צום ריבניצער זיך בעטן פאר א זון, פלעגט ער נעמען א ביין און עס געבן, זאגנדיג: "דא האסטו א ביין (בן)."

און אז מען האט געדארפט א טאכטער, האט ער גענומען א ביס, געגעבן א בייס און געזאגט: "דא האסטו א בייס (בת)."

## וילדה זכר... ואם נקבה תלד...

א איד וואס האט יארן געווארט אויף קינדער איז געקומען וויינען צום ריבניצער אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער. דער ריבניצער האט אים געזאגט אז ער זאל קומען מארגן צום דאווענען. דעם קומענדיגן טאג האט מען געליינט אין בית המדרש פרשת תזריע.

דער איד איז אנגעקומען אביסל שפעט און זיך מיטגעכאפט מיטן דאווענען. ביים ליינען האט אים דער ריבניצער געוואלט אויפרופן צום ערשטן עליה (כהן), וואו עס שטייט "ואשה כי תזריע וילדה זכר", אבער דער איד האט נאך געהאלטן אינמיטן דאווענען. דעריבער האט אים דער ריבניצער געגעבן די עליה פון לוי, "ואם נקבה תלד". נאכן דאווענען האט אים דער ריבניצער געזאגט: "איך האב דיר געוואלט געבן די עליה פון 'וילדה זכר', אבער ווייל דו האסט נאך געדאווענט, האב איך דיר געגעבן די עליה פון 'ואם נקבה'."



און דער איד האט טאקע געהאט א מיידל.

## דאס איז דאך מיין קינד

א פארפאלק האט יארן נישט געהאט קיין קינדער, און זיי זענען אריין זיך מזכיר זיין ביים ריבניצער צדיק. דער רבי האט זיי ווארעם געווינטשן און זיי זענען ארויס.

דאס פארפאלק האט דאן באשלאסן צו גיין צו א דאקטער און באשטעלט אן אפוינטמענט ביי א גרויסן דאקטער. זיי האבן געדארפטווארטן א לענגערע צייט אויף דעם אפוינטמענט, אבער נאך איידער זיי זענען אנגעקומען צום דאקטער, איז זייער ישועה שוין געקומען.

ווען דאס פארפאלק האט למזל טוב געהאט א מיידל, איז דער זיידע פונעם קינד אריין צום ריבניצער און געזאגט: "איך בין געקומען 'אפנעמען' מיין מזל טוב."

"אפנעמען?" האט זיך דער צדיק גע'חידוש'ט. "אפגעבן! איך האב אסאך טרערן פארגאסן אז דיין זון זאל זוכה זיין צו א קינד."

א שטיק צייט שפעטער איז דער אינגערמאן, דער טאטע פונעם קינד, געקומען מיט זיין קליינע בעיבי. דער ריבניצער האט דאן נישט אויפגענומען דעם עולם, אבער ווען ער האט געזען דעם איד מיט זיין קינד, האט ער אויפגעעפנט די טיר און געזאגט: "דאס איז דאך מיינס א קינד."

## בעטס פאר מיר

דער ריבניצער אליין האט גע'פועל'ט פאר אלע אידן ישועות, אבער ער האט נישט זוכה געווען צו קיין קינדער. איינמאל האט ער זיך אויסגעדרייט צום ציבור בשעתן דאווענען און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן: "בעטס פאר מיר איך זאל האבן קינדער."

דער עולם איז געשטאנען אזוי געפלעפט און נישט געוואוסט וויאזוי צו רעאגירן. "וואס קוקט איר אזוי?" האט דער צדיק געפרעגט. "איך האב אינזין אלעמען, אבער ווער האט מיר אינזין? ווער מאכט תפילות פאר מיר?"

דאס איז א שטארקע אויפוואכונג אויף די פליכט און אחריות וואס ליגט אויף א איד צו בעטן פאר זיין רבי, זיין מורה דרך וואס גיט זיך אוועק דאס לעבן פאר כלל ישראל צו העלפן און מחזק זיין אזויפיל אידן; מען דארף געדענקען און אינזין האבן מתפלל צו זיין פארן צדיק.

## דריי זאכן פאר הצלחה

דער ריבניצער האט אמאל געזאגט פאר איינעם: "ווילסט עס זאל דיר שטענדיג גוט גיין אין לעבן? זיי מקפיד אויף די דריי זאכן: נישט פארפאסן זמן קריאת שמע, נישט פארפאסן זמן תפילה, און האבן א שיעור אין תורה יעדן טאג."

## זיין שיטה איבער ימות

ווען דער ריבניצער איז ארויסגעקומען פון רוסלאנד, האט ער געוואלט קומען קיין אמעריקע און נישט גיין קיין ארץ ישראל צו די מדינה. ער האט זיך אויסגעדרוקט אויף די מדינה מיט א פסוק וואס מען זאגט אויף דור הפלגה.

## ביים רבי'ן ז"ע פון סאטמאר

איינמאל, זייענדיג ביים ציון פון רבי'ן ז"ע מסאטמאר, האט דער ריבניצער זיך אויסגעדרוקט צו זיין גבאי: "קוק, דו זעסט אים? איך מיט אים זענען איינס!"

ווען מען האט געברענגט פארן ריבניצער דעם ספר ויואל משה, האט ער זיך אנגערופן: "ווי דער דעה



פסק'נט מען אין הימל."

## ביים ציון פון הייליגן רבי'ן אין אומאן

איינמאל שמועסנדיג מיט א איד איבער דאס חשיבות פון אויסזאגן גאנץ תהילים, האט ער צוגעלייגט: "אויב ס'איז נישטא קיין צייט צו אויסזאגן גאנץ תהילים, קען מען זאגן די צען קאפיטלעך פון תיקון הכללי, און דאס האט די סגולה פון אויסזאגן גאנץ תהילים".

אויך איז ער איינמאל געפארן קיין אומאן צום הייליגן רבינ'ס ציון, נאכן ארויסקומען פון דארט האט ער זיך אנגערופן: "איך האב ארייגעכאפט".

## ער האט פאר וועמען צו דינען

א איד איז אריינגעקומען צום ריבניצער צדיק זאגן אז ער האט באקומען א רוף זיך צו שטעלן צום מיליטער.

"נע, ער האט שוין וועמען צו דינען (דעם אייבערשטן)," האט דער צדיק געזאגט.

צום באשטימטן טאג האט זיך דער איד געשטעלט אינעם מיליטער אפיס. ערווארט אוןווארט, און אינצווישן האט דארט אויסגעבראכן א קליינע שריפה פון אן ארבעטער'ס ציגארעטל, וואס האט פארברענט דעם ערשטן פאפיר. דער איד ווארט און ווארט נאך אלץ. ווען אלע זענען שוין ארויס און נאר ער איז פארבליבן, פרעגט אים דער סעקרעטאר: "פארוואס ביסטו דא? מען האט דיר גערופן?"

ווען דער איד האט געזאגט אז יא, האט יענער געזאגט אז ווארשיינליך איז זיין פאפיר פארברענט געווארן, און ער זאל צוריקקומען א צווייטע מאל.

איידער דער צווייטער דאטום איז אנגעקומען, איז יענער שוין געווען אינדרויסן פון רוסלאנד אויפ'ן וועג קיין ארץ ישראל (אן א פאספארט!).

## מיטן טאנצן נעמט מען אוועק דינים

מיר ווייסן פונעם רבי'ן אז פאטשן און טאנצן נעמט אוועק דינים. איינמאל פרייטאג צונאכטס נאך די סעודה האט דער ריבניצער אנגעהויבן טאנצן מיט די געסט לכבוד שבת.

אונטער זיין דירה האט געוואוינט א ערל'טע, א מרשעת. זי איז געקומען צו לויפן אז מען זאל שוין אויפהערן טאנצן.

אבער דער צדיק האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט און געזאגט אז מען זאל ווייטער טאנצן. די פרוי איז צעהיצט געווארן און געזאגט אז אויב מען הערט נישט יעצט אויף טאנצן, גייט זי צו די רעגירונג. ווידער האט דער ריבניצער געזאגט אז מען זאל טאנצן...

איז זי געקומען און געזאגט: "איך גיי יעצט צו די פאליציי." און אזוי ווי זי האט ארויסגעטראטן, איז זי אוועקגעפאלן א טויטע אויפ'ן פלאץ!

## זיך חדש'ן ביי א צדיק

א איד פלעגט זיך דרייען אפט ביים ריבניצער און דאווענען מיט זיין מנין, אויך פלעגט ער האבן שכל און מיטברענגען זיין זון. איינמאל האט דער ריבניצער אויפגעפאסט אז זיין זון איז נישט מיט אים. "וואו איז דיין זון?" האט ער זיך נאכגעפרעגט.

"ער לערנט אין ישיבה," האט דער טאטע געזאגט. האט זיך דער צדיק אנגערופן: "וואס מער מען דרייט זיך ביי מיר, אלץ מער איז די ברכה."

דאס איז וואס דער הייליגער רבי זאגט, אז עס איז גוט מבטל צו זיין רוב צייט כדי צו זיין איין שעה ביים צדיק.

## וואס איז א מופת

דער ריבניצער פלעגט אפט זאגן: "פראווען א מופת איז פון די קלענסטע זאכן ביי צדיקים. יעדער פשוט'ער איד וואס דינט דעם אייבערשטן קען פראווען מופתים, ווייל דאס איז די דרך הטבע אז אויב איינער טוט דעם אייבערשטנ'ס רצון, טוט דער אייבערשטער זיין רצון.

וואס איז יא א קינץ? א קינץ איז צו דינען דעם אייבערשטן באמת! דאס איז א קינץ!"

...

**דער ריבניצער רבי איז נפטר געווארן כ"ד תשרי, א טאג נאך יום טוב סוכות. ער ליגט אין די וויזניצער בית החיים אין מאנסי. ער האט פארשפראכן אז ווער עס וועט קומען צו אים וועט געהאלפן ווערן מיט כל מיני ישועות, און טאקע זיין קבר איז קיינמאל נישט ליידיג. אידן זעען ישועות און רפואות למעלה מדרך הטבע, ווי דער הייליגער רבי זאגט אין ספר המדות (אות צדיק, סימן קעג): "על ידי השתטחות על קברי הצדיקים הקדוש ברוך הוא עושה לו טובות, אף על פי שאינו ראוי לכך".**


HURLEYVILLE
LEASING
AUTO SALES & LEASING
IF IT'S GOT
WHEELS,
WE'VE GOT
YOU COVERED.
Wishing all our
valued customers a
חג כשר ושמח
HURLEYVILLE
LEASING
SALES
FINANCING
LEASING
COMMERCIAL
PRIVATE
CONCIERGE
LUXURY
AFFORDABLE
845-720-0041
sales@hurleyvilleleasing.com

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



דף גמרא אין גן עדן התחתון אין שטעטל - ב׳ נצבים-וילך



מו״ה יעקב משה אינדארסקי הי״ו ביים פארלערנען דעם דף גמרא אין שטעטל - א׳ נצבים-וילך



ביים סקרעיפן די ביהמ״ד אין שטעטל - ב׳ נצבים-וילך



קביעת מזוזה ביים ארייגאנג צום שול אין שטעטל - ה׳ נצבים-וילך





**פרייליכע חתונה פון החתן יוסי ווייס הי"ו - ב' נצבים-וילך**





**וואכנאכט פון הילד נחמן נתן ני"ו בן מו"ה שבתי דוד מארקוס הי"ו אין ישיבה - ג' נצבים-וילך**





**ברית פון הילד נחמן נתן ני"ו בן מו"ה שבתי דוד מארקוס הי"ו אין ביהמ"ד 500 בעדפארד - ד' נצבים-וילך**



שמועסן נאכן דף שיעור - ד' נצבים-וילך



א' סליחות אין היכל הקודש אלעד - מוצש"ק נצבים-וילך





נייע פרוכת אין ביהמ"ד היכל הקודש לאנדאן - עש"ק נצבים-וילך





נייע פרוכת אין ישיבה - עש"ק נצבים-וילך









**א׳ סליחות אין היכל הקודש בני ברק - מוצש״ק נצבים-וילך**





**א׳ סליחות אין ביהמ״ד עצתו אמונה יבנאל - מוצש״ק נצבים-וילך**



**א׳ סליחות אין היכל הקודש צפת - מוצש״ק נצבים-וילך**



**א׳ סליחות אין היכל הקודש קרית יואל - מוצש״ק נצבים-וילך**





**א׳ סליחות אין שטעטל - מוצש״ק נצבים-וילך**





**ווייטערדיגע פארשריט מיט די קאנסטראקציע ביים תלמוד תורה אין שטעטל - א' האזינו-א'**



**א' סליחות אין היכל הקודש רמה ד' בית שמש - מוצש"ק נצבים-וילך**




**נייע גליון 'ראש השנה אצל רבינו' אין לשון הקודש ארויס פון דרוק ביים בית הדפוס בני ברק - ב' האזינו-א'**





**קביעת מזוזה ביים איבערגעפרישטע ביהמ"ד און עזרת נשים אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק דורך מו"ה אבא חייא רייזמאן שליט"א און די גבאי מו"ה משה רעכניצער הי"ו - מוצש"ק נצבים-וילך**





דער ראש ישיבה שליט"א ביים אנקומען אין עירפארט אויפן וועג קיין אומאן - א' האזינו-א'



בייםווארטן אויפן פליגער אין ניו יארק - א' האזינו-א'





ווארטענדיג ביים געיט ארויפצוגיין אויפן פליגער - א' האזינו-א'







אראפשטייגענדיג פונעם ערעפלאן אין אינסטאנבול טערקיי אויפן וועג קיין אומאן - ב' האזינו-א'





שחרית אין אינסטאנבול טערקיי - ב' האזינו-א'



אינעם עירפארט אין אינסטאנבול טערקיי - ב' האזינו-א'



דער ראש ישיבה שליט"א ביים לערנען אינעם בנין אין אומאן - ג' האזינו-א'



אנשי שלומינו כאפן אריין שיעורים כסדרן ווארטענדיג אריין צו טשעקן צום פליגער - ג' האזינו-א'



אנשי שלומינו ביים אריין טשעקן צום טשארטער - ג' האזינו-א'





די חשובע כולל אינגעלייט ביים זיך פארהערן הלכות בשר וחלב ביי הרה"ג ר' אברהם וויינגארטן שליט"א ראש כולל חלקת דוד מאנסי - ה' נצבים-וילך





די חשובע כולל אינגעלייט ביים זיך פארהערן הלכות בשר וחלב ביי הרה"ג ר' יחיאל מיכל שטיינמעץ שליט"א דומ"ץ סקווירא בארא פארק - א' האזינו-א'



לעצטע מנחה מעריב אין שטעטל פון שנת תשפ"ו הארט פארן אפרייזן קיין אומאן - ג' האזינו-א'



די קינדער פארברענגען אויף די וועגן קיין אומאן - ד' האזינו-א'







אנשי שלומינו פון ארץ ישראל ווארטענדיג ביים גרעניץ קיין אוקריינא - ד' האזינו-א'



אנשי שלומינו פארברענגן אויף די וועגן קיין אומאן - ד' האזינו-א'



דער געטרייע משגיח מו"ה ישראל פוקס הי"ו ביים באקוקן די פייגן לכבוד יום טוב אינעם בנין אין אומאן - ד' האזינו-א'









אנשי שלומינו פון ארץ ישראל ביים לערנען שיעורים כסדרן אויף די שטעגן און וועגן קיין אומאן - ד' האזינו-א'






דער געטרייע משגיח מו"ה ישראל פוקס הי"ו ביים באקוקן די רייז לכבוד יום טוב אינעם בנין אין אומאן - ד' האזינו-א'





ברסלב'ע קינדער ביים מתפלל זיין ביים ציון פון רבי ישעיה בן רבי משה זי"ע אין קערעסטיר און ביים ציון פונעם הייליגן תוספות יום טוב זי"ע אויף די וועג קיין אומאן - ד' האזינו-א'



ברסלב'ע ברודער שמועסן אויפן וועג קיין אומאן - ד' האזינו-א'



אנשי שלומינו כאפן אריין שיעורים כסדרן ביים ווארטן פאר די רענצלעך אין ריישא עירפארט - ד' האזינו-א'



מנחה מעריב אין אומאן - ה' האזינו-א'



טעגליכע דף שיעור פון מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו אין אומאן - ה' האזינו-א'





ברסלב'ע קינדער זאגן תיקון הכללי ביים ציון פונעם הייליגן רבין אין אומאן - ה' האזינו-א'





התחלת כתיבת ספר תורה אין אומאן אריינגעבן דורך מו"ה נח לעווין הי"ו פאר ביהמ"ד היכל הקודש אלעד - ה' האזינו-א'



ביים מסדר זיין די זיצן פארן ביהכ"ד אין אומאן - ערב ראש השנה



נץ החמה ביים בנין אין אומאן - ערב ראש השנה























**דער ראש ישיבה שליט"א בײם פארטײלן דעם ספר ארץ אפיים אידיש פאר די נדבנים פונעם ספר אין אומאן - ה' האזינו-א'**









הפצה אין די גאסן אין אומאן - ערב ראש השנה תשפ"ז



טועמיה אינעם בנין אין אומאן - ערב ראש השנה



דער וועד העירוב אין אומאן ביים באקוקן דעם עירוב פארנט פונעם בנין אין אומאן - ערב ראש השנה




ברסלב'ע אינגל ביים זאגן תיקון הכללי ביים ציון אין אומאן - ערב ראש השנה תשפ"ז



אנשי שלומינו אויפן שאטל צום ציון - ערב ראש השנה תשפ"ז






פארשידענע באקוועמליכקייטן צוגעשטעלט דורכ'ן רענט קאמפיין אינעם בנין אין אומאן - ערב ראש השנה



צענדליגע טויזענטער אידן ווערן געזען בשעת'ן תיקון הכללי העולמי ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן - ערב ראש השנה תשפ"ז



אין א שמועס מיטן בעל תפילה מו"ה אברהם הערש וועבערמאן הי"ו פאר סליחות זכור ברית - ערב ראש השנה























**פדיון נפש ביים ראש ישיבה שליט"א אין אומאן - ערב ראש השנה תשפ"ז**









אנשי שלומינו אויפן וועג ארויס פונעם בנין אין אומאן נאך א דערהויבענע ראש השנה האבענדיג געפויעלט אלעס גוטס - מוצאי ראש השנה תשפ"ז



אנ"ש ביים גרעניץ אין טערקיי אויפן וועג אהיים - ב' האזינו-ב'



אנ"ש ביים פארברענגען אויפן וועג אהיים - ב' האזינו-ב'





מו"ה יואל לעווי הי"ו ביים פארלערנען דעם דף גמרא אויפן באס אויפן וועג אהיים פון אומאן - ב' האזינו-ב'



אנ"ש ביים בית הכנסת דרמ"א אין קראקע - צום גדלי'



אנשי שלומינו ביים דאווענען מנחה אין קאלוב אויפן וועג אהיים פון אומאן - צום גדלי' תשפ"ז





אנשי שלומינו ביים פוילישן פאספארט קאנטראל אין פשעמישל נאכן באן רייזע פון אומאן - צום גדלי' תשפ"ז









מנחה אינעם מאלדאווע עירפארט - צום גדלי'





ווארטענדיג פארן פליגער אינעם מאלדאווע עירפארט - צום גדלי'












אויפן וועג ארויף צום פליגער - צום גדלי'






אנ"ש נאכן לאנדן אין ניו יארק - ב' האזינו-ב'





בר מצוה פון הבחור יעקב נ"ו בן מו"ה אהרן קליטניק הי"ו אין ביהמ"ד היכל הקודש בארא פארק - ד' האזינו-ב'






הנהלת המוסדות פון ארץ ישראל ביים חלוקת קרן הצלה אינעם לשכת הבד"ץ עדה החרדית אין ירושלים - ד' האזינו-ב'





אנשי שלומינו ביים בענטשן גומל נאכן נסיעה קיין אומאן אינעם ביהמ"ד אין שטעטל - ה' האזינו-ב'

מנהג כפרות אין שטעטל - ה' האזינו-ב'



די ווייבער שול אין שטעטל שיין אנגעגרייט פאר יום הקדוש - ערב יום הקדוש



דער דיין שליט"א ביים באקוקען אן אתרוג ביים ד' מינים סענטער אין שטעטל - ה' האזינו-ב'



מנחה אין ביהמ"ד היכל הקודש רמה ד' בית שמש - ערב יום הקדוש



ווייטערדיגע פארשריט ביי די נייע בנין אין אומאן - עש"ק האזינו-ב'




דער ראש ישיבה שליט"א ביים שלאגן כפרות - ערב יום הקדוש



דער שמש מו"ה ישראל פוקס הי"ו ביים פארטיילן קעיק - ערב יום הקדוש


ALPHAITIS.COM
AUTHORIZED
RETAILER
ועמך כולם צדיקים
CUSTOM
SHOWROOM

בס"ד

סוכות
אויסגאבע # 34

# אינדערהיים



## עולו אושפיזין

**א נייע פאספארט דורך תפילה**
ת. פינטער

**נעם אראפ דעם שטריק**
ש. טראכטער

**סוכה ברעטער פונעם מלאך המוות**
מ. פעדער

**רעסעפי**
Lemon Italian Ices
Cookies n' Cream
Strawberry Ice Cream

# אינדערהיים



12




7


**בס"ד**
סוכות
תשפ"ז
**נומער 35**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער



**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**
אידישע שטוב:
**212.444.9169**

ALPHAITIS.COM

בעזהשי"ת

בית פיגא ברסלב טוט פארשטעלן:

# חול המועד סוכות תשפ"ז













**דער בן מלך פון דיימאנטן**

מאנטאג ביינאכט
September 28

8:00pm

Admission $30

**דער בן מלך פון דיימאנטן**

דינסטאג בייטאג
September 29

2:00pm

Admission $25

**דער חכם און דער תם**

מיטוואך ביינאכט
September 30

8:00pm

Admission $15

**פארטוישטע קינדער**

דאנערשטאג בייטאג
October 1

2:00pm

Admission $15

## די פלעיס וועלן פארקומען אין:

39 Chestnut Street Liberty NY 12754 In the Basement

פאר מער אינפארמאציע אדער פאר משפחה פרייזן רופט 718-675-6854

ש. טראכטער



# נעם אראפ דעם שטריק

פישל איז א געטרייער פאסטיך. ער זארגט פאר זיינע שעפעלעך נאך מער ווי פאר זיך אליין. יעדע שעפעלע איז ביי אים ווי אן איינציגס; ער ווייסט אירע צרכים, פארשטייט אירע ליידן, און שיצט יעדן איינעם פון זון און רעגן, כאילו ער האט נאר איין שעפעלע אין זיין סטאדע. זיין סטאדע וואקסט און די שעפעלעך מערן זיך מיט יעדן טאג, אונטער זיין געטרייער פלעגע.

איין אינדערפרי קומט פישל אן צו זיינע שעפעלעך אין פעלד, און צו זיין באדויער דערזעט ער אז איין שעפעלע פעלט אים. פישל קוקט זיך אום: וואו איז דאס שעפעלע איבערנאכט פארשוואונדן געווארן? ער זוכט אהער און אהין, אבער ער זעט נישט דאס שעפעלע. עס גייט דורך א טאג און נאך א טאג, אבער דאס שעפעלע איז נישטא.

אין שיינעם טאג שפאצירט פישל אריבער דעם שכן'ס פעלד, און צו זיין שאק און אנטוישונג זעט ער נישט מער און נישט ווייניגער ווי זיין פארלוירענע שעפעלע שטייט ביים שכן'ס צוים, צוגעבונדן מיט א שטריק ארום זיין

האלז.

פישל ווערט צוקאכט. ער קלאפט אריין צום שכן און הייבט אן שרייען: "גנב! גנב! געב מיר צוריק דאס שעפעלע! דאס איז מיין שעפעלע...!"

דער שכן קוקט אים אן מיט א בלעכענעם פנים און זאגט: "דאס שעפעלע איז מיינס."

פישל קען זיינע שעפעלעך, ער קען זיין סטאדע. "דאס איז מיינס! קענסט מיט מיר נישט שפילן..."

אבער דער שכן בלייבט גלייכגילטיג, און מיט א כיטערע שמייכל מורמלט ער: "נו, נו, ווייז מיר אויף..."

פישל פארלירט זיך נישט. "איך וועל דיר אויפווייזן. נעם נאר אראפ דעם שטריק פונעם האלז פונעם שעפעלע און לאמיר זען צו וועמען ער וועט לויפן. א שעפעלע דערקענט זיין בעל הבית."

די משל פארציילן אונז די הייליגע צדיקים. מיר אידישע קינדערלעך זענען די שעפעלעך פונעם באשעפער.

ווי מיר זאגן אין די הייליגע זיסע תפילות פון די ימים נוראים: "אנו צאנך ואתה רוענו" - מיר זענען דיינע שעפעלעך און דו ביסט אונזער פאסטעך.

דער שכן, דער יצר הרע, לאקערט נאך די הייליגע סטאדע, און צומאל קומט ער און פארכאפט א שעפעלע, אדער צוויי, אדער צען, אדער טויזנטער... ליידער... און אזוי דרייען זיך ארום טויזנטער אידישע קינדער - אינגלעך, מיידלעך, ווייבלעך און מענער - מיט א שטריק ארום דעם האלז, געבינדן אין קייטן ביי דעם שלעכטן שכן וואס האט אונז פארכאפט.

זיי זיצן אזוי אפ אין די טונקל, וויסנדיג אז דאס לעבן קען זיין ליכטיג און זיס מיט די הייליגע אמונה. דער שלעכטער שכן האט אונז פארכאפט, פארקנאקט, און ווארפט אונז אריין אין א יאוש און מרה שחורה.

יעצט זענען מיר אין די זיסע טעג פון ימים נוראים; דער קעניג קומט מיט זיין רחמנות און קוקט זיך אום אויף זיינע פארלוירענע שעפעלעך.

דער קעניג דערקענט אונז, אפילו מיר זענען פארשמירט מיט אונזערע עבירות, אפילו מיר האבן פארגעסן פון אים, אפילו מיר זארגן און פארגעסן ווער עס איז אונזער פאסטיך און ווער עס גיט אונז בני, חיי ומזוני פונעם טאג וואס מיר זענען געקומען אויף די וועלט ביז היינט.

און אט דערקענט אונז אונזער גרויסער טאטע, אבער די קליפות און די מזיקים שרייען: "ניין! ער באלאנגט צו אונז!"

דערפאר שרייען מיר צו דיר, טאטע: "נעם אראפ דעם שטריק פון דעם שלעכטן יצר הרע פון אונזער האלז, וועסטו שוין זען, טאטע, אז באמת ווילן מיר זיין גוט, באמת זענען מיר דיינע! מיר זענען קיינמאל נישט געווען פונעם שלעכטן שכן... מיר זענען אלעמאל געווען שעפעלעך און קנעכט נאר פון דיר, אייבערשטער."

מוהרא"ש זי"ע זאגט אונז אין שיחות מוהרא"ש (מועדים, יו"כ) אז איינמאל א יאר בינדט דער אייבערשטער אויף די קניפ פאר אלע אידן. "השטן" איז בגימטריא 364, דאס איז איינס ווייניגער ווי 365 (די טעג פון א זון יאר). חז"ל זאגן אונז אז דאס קומט ווייזן אז איין טאג אין יאר האט דער שטן נישט קיין שליטה אויף די אידישע שעפעלעך.

איין טאג אין יאר קומען אלע צו לויפן, און מען זעט טאקע אז אינעם הייליגסטן טאג יום כיפור קומען אידן וואס אפילו א גאנץ יאר שטייען זיי ווייט פון תורה; יום כיפור איז ביי אלעמען הייליג. יום כיפור קומט ארויס די שיינקייט פון כלל ישראל, אז מיר ווילן נאר גיין צום אייבערשטן, נאר דער שלעכטער יצר הרע בינדט אונז צו און מאכט אונז אליינס זיך איינרעדן אז מיר זענען שוין דערנאך.

דער יצר ארבעט אווערטיים, ער האט איין אגענדע: אונז צו צוקלאפן און איבערצייגן אז מיר טויגן צו גארנישט! אז מיר זאלן שוין אויפגעבן אויף אונזער גוטן ווילן, ווייל עס איז שוין צו שפעט אין לעבן אנצוהייבן פון דאס ניי.

ער רעדט צו אונז מיט א הויך קול: "ביסט א דורכפאל פון א מאמע... דאס הייסט א מאמע? דו צוקלאפסט דיינע קינדער..." און אויב דו פרובירסט זיך אויפצוהייבן, שרייט ער ווידער: "דאס הייסט א ווייב? אזוי טראכסטו פון דיין מאן? פארוואס טוסטו אים נישט צוליב? ביסט דאך סתם א גוטסקייט... פארוואס ביסטו אזוי הארטנעקיג? פארוואס קענסטו נישט מוותר זיין?"

ווידער קומט ער: "דיין הויז פליט, די קינדער האסטו נישט געבאדן, מיט דיין מאמע רעדסטו נישט, דו ספענדסט געלט אויף אומזיסטע זאכן... צו וואס טויגסטו יא? ניטאמאל א גוטע חבר'טע קענסטו זיין... קוק, קיינער איז נישט אינטערעסירט אין דיר... אלע אנטלויפן פון דיר..."

און דאך פרובירסטו זיך אויפצוהייבן און דו זאגסט אים שטיל... "אבער איך פרוביר צו זיין א גוטע איד..."

"אויך מיר..." דערמאנט ער דיר, "ווען האסטו לעצט געזאגט א אידיש ווארט? פאררופסט זיך א ברסלב'ער? ווען איז געווען דאס לעצטע מאל וואס דו ביסט געגאנגען פינף מינוט התבודדות?"

אוי... ער האט געווינען, דער שלעכטער יצר... ער האט איבערצייגט די אידישע מאמע אז זי איז גארנישט ווערט!

פארפאלן, ער איז גערעכט... נישט קיין מאמע, נישט קיין ווייב, נישט קיין טאכטער, נישט קיין גוטע איד... ער איז גערעכט... איך האב שוין נישט וואס צו פרובירן... אבער א קליין קול דערמאנט אונז דארט, "אבער דער ראש ישיבה'ס קול דממה דקה דערמאנט דיר אז עס איז יא דא א וועג צוריק..."

> ער איז גערעכט... נישט קיין מאמע, נישט קיין ווייב, נישט קיין טאכטער, נישט קיין גוטע איד... אבער א קליין קול דערמאנט אונז דארט, "אבער דער ראש ישיבה'ס קול דממה דקה דערמאנט דיר אז עס איז יא דא א וועג צוריק.

"זיכער," שרייט דער יצר, "די שיעורים זענען זייער גוט פאר איינעם וואס שטעלט יעצט אויס דאס לעבן, אבער פאר איינעם וואס האלט וואו דו האלטסט... איז שוין צו שפעט... גיי מאך גראד אלטע יסודות... איך געדענק אז עפעס שטייט אפילו אין פרק... 'הלומד ילד למה הוא דומה?' עפעס געדענק איך אז לערנען מיט אלטע מענטשן איז שוין אזוי... צווייט קלאסיג, אזוי ווי א בלאט וואס מען מעקט שוין אפ... געב אויף! ס'איז דערנאך... לאז עס פאר אנדערע..."

מוטלאז פאלט די אידישע מאמע אריין אויפ'ן קאוטש... עס איז דערנאך... עס איז 'געים אווער'...

אבער דער הייליגער רבי שרייט קעגן דעם יצר מיט א נאך העכערן קול: "אין שום יאוש!" געוואלד!!! קיין יאוש איז נישט פארהאן! שטארק זיך אידעלע, עס איז אלעמאל דא א וועג צוריק. עפן אויף דיין מויל און שריי צום אייבערשטן.

אזוויוי מיר בעטן אין הלל... "אנא ה'!" איך בעט דיר אייבערשטער, "כי אני עבדך בן אמתך", איך בין דאך דיין קנעכט... וויאזוי קענסטו דאס צוקוקן, טאטע? דורך "פתחת למוסרי", עפן אויף די שטריק... און דאן וועט זיין "לך אזבח זבח תודה"... מיר וועלן נאר דיר דאנקען און דינען.

מיט דעם קליינעם סוד און דעם גרויסן יסוד פון עפענען אונזער מויל, וואס איז אונזער שווערד, קענען מיר פארשניידן דעם שטן וואס וויל אונז נאר צוגרונד לייגן, און זיך אויסבעטן ביים אייבערשטן א יאר פון אמונה, אמונת צדיקים, שמחה און שלום... שלום מיט יעדן ארום און שלום מיט זיך אליינס.

אט שטייען מיט נאך דעם הייליגן יום טוב יום כיפור. אין דעם פרייליכן יום טוב סוכות גייען מיר ארויס מיט א נצחון, מיט דעם לולב, וואס איז א סימן פון נצחון. דאס איז א סימן אז מיר זענען אויפגעבינדן און פריי צוריקצוגיין צו אונזער פאסטיך.

מיר זענען יעצט אין די פרייליכע טעג פון סוכות, ווען מיר זיצן אזוי באשיצט אונטער די פליגלען פון די שכינה.

מוהרא"ש זי"ע שרייבט (שיחות מוהרא"ש, מועדים, סוכות) אז יעדעס ווארט וואס א איד זאגט ארויס אין די סוכה ווערט גלייך אנגענומען. עס זענען נישטא קיין מחיצות צווישן דעם איד און אונזער באשעפער, דארט אין די הייליגע סוכה'לע. דאס איז דער אייבערשטער'ס פריוואטע וואוינונג.

לאמיר אויסנוצן די צייט אין די סוכה צו בעטן אויף בני חיי ומזונא, אויף א גוט יאר פאר אונז און פאר אלע אידן. זאלן מיר אלע זוכה זיין צו א גוט קוויטל.

# סוכה ברעטער פונעם מלאך המוות

מ. פעדער




אין א קליין שטעטל האט געוואוינט א איד, ר' אביש חסיד - אזוי האט מען אים גערופן. ר' אביש איז געווען אן ערליכער איד, א איד וואס האט נישט געוואוסט פון קיין שום חכמות, נאר געדינט דעם אייבערשטן בתמימות.

טראצדעם וואס ער איז געווען א ביטערער ארעמאן, האט ער זיך קיינמאל נישט באקלאגט; ער האט זיך פארלאזט אויפן אייבערשטן אז ער וועט אים באזארגן מיט אלע זיינע באדערפענישן, און דערפאר האט ער אלעס אנגענומען מיט צופרידנהייט און איז שטענדיג ארומגעגאנגען מיט א שמייכל.

ביי די איינוואוינער פון שטעטל איז ער געווען באקאנט מיט זיין שטענדיגן שמייכל, וואס האט זיך קיינמאל נישט אוועקגערירט פון זיין פנים.

מען האט שטענדיג געהערט פון אים דיבורי אמונה, און ביי אים אינדערהיים האט פארשטייט זיך געהערשט א פרייליכע און געשמאקע אטמאספער.

אינעם זעלבן שטעטל האט געוואוינט נאך א איד, וועלכער איז אבער געווען פונקט דאס פארקערטע פון ר' אביש. יענעם איד האט מען באטיטלט מיטן נאמען - בערל דער גביר. פון גשמיות האט אים גארנישט געפעלט, דאך איז ער קיינמאל נישט געווען צופרידן.

ערגעץ וואו איז ער אנגעקומען צו לערנען ספרי חקירה, און פון צופיל אריינגראבן דערין איז אים באפאלן א מרה שחורה; ער האט שטענדיג געזען דעם מלאך המוות פאר די אויגן.

טראץ זיין גרויסן רייכטום איז ער קיינמאל נישט געווען רואיג, עס האט אים אלץ אויסגעזען ווי דער מלאך המוות זוכט אים און לאקערט אויף אים. פון די אלע מחשבות, פחדים און מרה שחורה

<

איז ער ממש קראנק געווארן און קוים געקענט אנגיין מיט זיין טאג.

אבער די אלע שוועריגקייטן זענען געווען גארנישט קעגן די שמערצן וואס עס האט אים צוגעברענגט דאס צוקוקן זיך אויף ר' אביש חסיד. אט דער ארימאן, וואס פארמאגט נישט קיין פרוטה צו דער נשמה, איז דאך שטענדיג לעבעדיג און פרייליך; זיין פנים שטראלט ווי די זון און א ברייטער שמייכל איז אויסגעשפרייט פון איין זייט צום צווייטן.

דאס האט אים ממש צוגעטראטן צום געזונט, און האט אים נאך מער אריינגעווארפן אין א דערביטערקייט און מרה שחורה.

וואס מער די שמחה האט זיך געשטארקט ביים חסיד, אלס מער איז דער כעס און טרויער געווארן שטערקער ביים גביר.

במשך דער וואך, ווען בערל איז געווען פארנומען מיט זיינע געשעפטן, איז ער געווען רואיגער ווייל ער האט נישט געזען ר' אביש'ן פאר די אויגן. אבער שבת און יום טוב, ווען זיי פלעגן זיך טרעפן אין בית המדרש, פלעגט בערל פלאצן פאר קנאה זעענדיג דעם קאנטראסט צווישן זיי: ווי ער - דער גביר - שפאצירט מיט שווערע טריט און אן אראפגעלאזטער נאז, בשעת ר' אביש'ס פנים שיינט פון גליק און ער שפאצירט מיט אזעלכע לייכטע טריט ווי ער וואלט זיך אונטערגעטאנצן. דאס האט אוועקגערויבט פונעם גביר דאס ביסל רוה.

די קנאה צו ר' אביש האט אים צוגעברענגט אים פיינט צו האבן שנאת מוות, און ער האט שטענדיג געזוכט א וועג אים שלעכטס צו טאן אדער אים אינגאנצן פארטרייבן פונעם שטעטל, כדי ער זאל אים מער נישט שטיין ווי א דארן אין אויג.

איין יאר האט דער גביר געלאזט מעלדן פאר די אידן אין שטעטל, אז דאס יאר זאל קיינער נישט ארויסהעלפן ר' אביש'ן צו שאפן ברעטער פאר זיין סוכה.

אזוי ווי דער גביר האט געהאט די אויבערהאנט אינעם שטעטל און יעדער האט צוגעמוזט צוקומען צו אים, האבן אלע געציטערט פון זיין ווארט און מורא געהאט זיך אנטקעגן צו שטעלן; אזוי אויך זענען געווען אזעלכע וואס האבן געזוכט צו געפינען חן אין די אויגן פונעם גביר.

עס ווערט שוין נענטער צו סוכות, ר' אביש דרייט זיך ארום זוכנדיג ברעטער צו בויען א סוכה, אבער אויף א וואונדערליכן אופן זענען אלע ברעטער פונעם שטעטל פארשוואונדן געווארן. צו וועמען ער האט זיך נאר געוואנדן פאר ברעטער, האט אים יענער אפגעזאגט מיטן תירוץ אז ער האט נישט. ר' אביש האט פארשטאנען אז דא שטעקט זיכער די האנט פונעם גביר וואס וויל אים צושטערן זיין יום טוב.

> ר' אביש דרייט זיך ארום זוכנדיג ברעטער צו בויען א סוכה, אבער אויף א וואונדערליכן אופן זענען אלע ברעטער פונעם שטעטל פארשוואונדן געווארן.

ער האט זיך אבער נישט דערשראקן, נאר אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און זיך אנגערופן: "איך געב זיך איבער צו דיר אייבערשטער! אויב ווילסטו נישט אז אביש זאל האבן אן אייגענע סוכה, וועל איך נישט ווערן צובראכן פון דעם, און דאס וועט מיר נישט צושטערן מיין שמחת יום טוב. זאל זיין אזוי, וועל איך זיך באגענוגען מיט זיצן אין א פרעמדע סוכה; גוטע אידן וועלן מיר זיכער אריינגעמען צו זיך אין סוכה."

דער גביר האט אבער געהאט אנדערע פלענער. ער האט אויך דאס גענומען אין חשבון און אנגעווארנט אלע אידן אין שטעטל, אז קיינער זאל נישט צושטימען אריינצונעמען דעם חסיד אויף יום טוב, און אך און ווי וועט זיין פאר דעם וואס וועט אריינגעמען ר' אביש'ן אין זיין סוכה. פאר ר' אביש'ן אליין האט ער געלאזט וויסן, אז אויב ער וויל נישט כאפן קיין בזיונות, זאל ער שוין אפטראגן פונעם שטעטל.

ר' אביש האט זיך נישט פארלוירן; ער האט זיך פארלאזט אויפן אייבערשטן אז ער וועט אים זיכער נישט פארלאזן.

ער גייט זיך אזוי איבערן גאס, פארזונקען אין זיינע געדאנקען, נישט באמערקנדיג ווי ער דערווייטערט זיך שוין פון די לעצטע הייזער פונעם שטעטל און דערנענטערט זיך צום בית החיים.

דער קברן פונעם בית החיים איז נישט געווען קיין גוטער פריינד פונעם גביר; אים איז ווייט נישט געפאלן די שרעק וואס דער גבירווארפט אויף אלע ארום אים.

דערזעענדיג ר' אביש'ן

פונדערוווייטנס, האט ער זיך דערמאנט אינעם שרעקליכן רשעות פונעם גביר, וואס וויל צושטערן דעם יום טוב פונעם טייערן און געהויבענעם איד. און וואס איז זיין זינד? נאר דערפאר וואס ער איז שטענדיג פרייליך.

דער קברן גייט צו צו ר' אביש'ן, דערלאנגט אים די האנט און רופט זיך ווארעם אן צו אים: "זייט נישט באזארגט ר' אביש, איר וועט האבן ברעטער פאר דער סוכה, און איר וועט נאך מקיים זיין די מצוה פון סוכה ביז די הונדערט און צוואנציג יאר."

דער קברן האט אים באזארגט מיט ברעטער פון זיין סטארידזש וואס ער נוצט פאר די ארונות פון די נפטרים, וואס דערויף זענען געווען אויסגעקריצט די אותיות פ. נ. (פה נטמן), און ווען מען האט געדארפט באגראבן א נפטר, האט מען דערויף צוגעלייגט דעם נאמען.

ר' אביש האט גענומען די ברעטער און מיט גרויס פרייד זיך גענומען בויען זיין סוכה, ווען ער לאזט איבער די אותיות פ"נ צום דרויסנדיגן טייל.

דער גביר, זייענדיג זיכער אז ער האט צושטערט ר' אביש'ס שמחת יום טוב, לאזט זיך ארויס אויף א שפאציר אביסל הנאה צו האבן פון זיין נקמה אינעם חסיד און זעטיגן זיין שנאה צו אים.

ווי ערווארטעט ערשטוינט ער, ווען פון איינע פון די סוכות הערט ער ארויס ר' אביש'ס שטימע הויך און קלאר, ווי עס קלינגט אפ מיט א פרייליכן "ושמחת בחגך..."

דער כעס פונעם גביר האט אנגעהויבן ברענען; ער האט נישט געקענט אויסהאלטן פארוואס דער קבצן און שלעפער זאל זיין אזוי פרייליך, בשעת ער, דער גביר און שיינער בעל הבית, זאל שטענדיג זיין דערביטערט.

נאך מער האט אים פארדראסן אז איינער פון די שטעטל איינוואוינער האט געוויס נישט געפאלגט און באזארגט דעם חסיד מיט ברעטער פאר זיין סוכה. דער גביר, אן צו טראכטן צוויי מאל, עפנט האסטיג אויף די טיר פונעם סוכה און שרייט אויס מיט צארן: "פון וואו האסטו גענומען די ברעטער?!"

ר' אביש פארלירט זיך נישט; ער נעמט אויף דעם גאסט מיט א שמייכל און א לוסטיגן "א גוט יום טוב". דערנאך פירט ער אים ארויס אינדרויסן און ווייזט אים אן מיטן פינגער אויף די אותיות פ"נ. "זעט איר ר' בערל, פון וואו איך האב גענומען די ברעטער!" זאגט ער צו אים.

ווי נאר דער גביר האט באמערקט די אותיות און פארשטאנען זייער באדייט, האט אים אנגעכאפט א ציטער. א טויט-שרעק איז אים באפאלן, זיינע אלע גלידער האבן אנגעהויבן צו טרייסלען; עס האט אים אויסגעזען ווי אט שטייט דא קעגן אים דער מלאך המוות און איז גרייט צו נעמען זיין נשמה.



ר' אביש בארואיגט אים און הייבט אים אן צו דערציילן:

„איך גיי מיר אזוי שפאצירן אין גאס, פארפלאגט מיט די קשיא פון וואו איך גיי שאפן ברעטער פאר מיין סוכה, פלוצלונג זע איך דעם מלאך המות קומען מיר אנטקעגן.

'וואס טוסטו דא ביי אונז אין שטעטל?' האב איך אים געפרעגט.

'איך גיי יעצט צום גביר בערל אוועקנעמען זיין נשמה און זיך נוקם זיין פאר דיר,' האט ער געענטפערט. 'א חוצפה פון א גביר! וויאזוי קען מען אזוי

**בערל ווערט דערציטערט הערנדיג די מעשה, זיינע ציינער נעמען זיך קלאפן איינע אין די אנדערע. 'א-א-אב-אבער, אבער איך לעב דאך נאך!' שטאמלט ער.**

דערגיין די יארן פון א איד וועמענס גאנצע עבירה באשטייט נאר פון דעם וואס ער איז שטענדיג פרייליך און פארלאזט זיך אויפן אייבערשטן? איז דען א וואונדער אז דער גביר איז אזוי פארביטערט, ווען ער גלייבט נישט אינעם באשעפער? ביי מיר זענען אלע גלייך, סיי דער גביר און סיי דער ארעמאן, פאר אלעמען האב איך דעם זעלבן וועג.'

בערל ווערט דערציטערט הערנדיג די מעשה, זיינע ציינער נעמען זיך קלאפן איינע אין די אנדערע. 'א-א-אב-אבער, אבער איך לעב דאך נאך!' שטאמלט ער.

'געוויס לעבסטו, ווייל איך האב נישט געלאזט דעם מלאך המות קומען צו דיר; איך האב נישט געוואלט אז דורך מיר זאל א איד באשטראפט ווערן. אפילו איך לייד טאקע פון יענעם, ווייס איך אבער אז אלעס קומט נאר פונעם אייבערשטן, און דער גביר איז נאר דער שליח. איך האב ערקלערט פארן מלאך המות אז אויב ער רופט דיר א "רשע", איז דאך ידוע אז "רשעים בחייהם קרויים מתים", אלזא לעבסטו דאך שוין נישט.'

דער מלאך המות האט מיר אויסגעהערט און צוגעשטימט. איך האב אים געזאגט אז אויב ער וויל מיר העלפן, קען ער מיר שאפן ברעטער פאר די סוכה. דעם מלאך המות איז איינגעפאלן א גוטער געדאנק: 'איך האב א גוטן חבר דא אין שטעטל צו וועלכן איך קום זייער אפט, דאס איז דאך דער קברן. ער האט א גרויסן סטארידזש מיט ברעטער וואס ער נוצט פאר די ארונות; איך וועל אים צורעדן ער זאל דיר געבן עטליכע ברעטער כדי דו זאלסט קענען בויען א כשר'ע סוכה.'

און אזוי איז טאקע געווען," ענדיגט ר' אביש צו, "איך האב באקומען די ברעטער פונעם קברן, און יעצט זיץ איך ב"ה אין א כשר'ע סוכה און איך פריי מיך מיט דעם יום טוב."

נאך א ווײלע שווייגן רופט זיך ר' אביש אן: "ר' בערל, הער מיר אויס, לאמיר דא באגראבן די שנאה און אוועקטרייבן די מרה שחורה וואס באהערשט אייך. וואס דארף מען זיין באזארגט ווען איר זעט דאך אליין אז מיר האבן אזא באשעפער וואס פארלאזט אונז קיינמאל נישט! לאמיר זיך צוזאמען פרייען און מקיים זיין די מצווה פון 'ושמחת בחגך והיית אך שמח'."

אזוי רעדנדיג האט ער אנגעכאפט דעם גביר ביי די הענט און זיך ארויסגעלאזט אין א פייערדיגן טאנץ, זינגענדיג "ושמחת בחגך..."

בערל דער גביר האט אנגעהויבן פילן א נייע סארט געפיל; ער האט געפילט ווי די מרה שחורה לאזט אים אפ און ער ווערט אנגעפילט מיט שמחה. אנשטאט זיין שרעק, איז ער געווארן אנגעפילט מיט א פשוט'ע אמונה אינעם אייבערשטן.

***

דער הייליגער רבי זאגט אונז אז שמחה איז די עצה פאר אלע פראבלעמען. יעדע פראבלעם וואס א מענטש האט נאר, סיי בגוף און סיי בנפש, קען מען דורך שמחה אלעס אויסהיילן.

דער רבי ערקלערט עס מיט א משל: ווען עס איז דא א רינג פון מענטשן וואס טאנצן, און אין די זייט שטייען מענטשן און קוקן צו, שלעפט מען זיי אלע אריין אין דעם רינג און זיי נעמען זיך טאנצן; זיי ווערן אלע א חלק פונעם רינג.

אזוי איז אויך מיט שמחה: ווען א מענטש איז בשמחה, קלעבט עס אן אין יעדן ארום אים. אלע פראבלעמען, עצבות און מרה שחורה ווערן אריינגעשלעפט אין זיין שמחה, זיי ווערן אלע איין שטיק שמחה, און דעמאלט באדערט אים שוין גארנישט - עס איז אים גוט און פרייליך.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין זיך צו פרייען א גאנצן יום טוב.

ש. ל. פליישמאן

# איפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## איך האב נעבן מיין הויז

דער ראש ישיבה לערנט אונז אויס אז אונזער מויל גייט אלעמאל מיט מיט אונז. מיר קענען איבעראל מאכן התבודדות, ביים וואש מאשין, מיט די בעזעם אין האנט, ביים טאפ וכו'. מיר דארפן נישט א דעזיגנירטע פלאץ.

סוכות, די הייליגע יום טוב, ווען מיר גייען ארויס פון הויז, לאמיר מאכן א שפאציר אינדרויסן פון אונזער שטוב, און טרעפן אויך דארט געלעגנהייטן זיך צו פארבינדן מיט'ן אייבערשטן.

*איך האב נעבן מיין הויז* א סווינג,

א פלאץ וואו איך דאנק דעם אייבערשטן און צו אים איך זינג,

עס ווערט מיר אויפ'ן הארץ גרינג.

*איך האב נעבן מיין הויז* א פשוט'ע פלעסטיק (לעדערנע טעראפי) בענקל,

אן א פיש טאנק מיט א furniture piece שענקל,

דארט רעד איך אלעס ארויס צום אייבערשטן אן א קווענקל.

*איך האב נעבן מיין הויז* א וועג וואס איז אויסגעטרעטן,

וואו איך טו דעם אייבערשטן ווי א קליין קינד בעטן,

אין אפענערהייט קאמיוניקייטן.

*איך האב נעבן מיין הויז* א סחורה'נע hammock,

ס'איז א זארגלאזע זאק,

כגמל עלי אמו, אזוי געשמאק.

*איך האב נעבן מיין הויז* א פריוואטע פלאץ צו טשילן,

וואו איך זאג פאר מיין טאטע מיינע געפילן,

אז עכט גוט זיין איז מיין ווילן.

*איך האב נעבן מיין הויז*ביימער און גראזן,

דארט גיי איך זיך אויסבלאזן,

מיט מיין באשעפער shmoozen.

*איך האב נעבן מיין הויז* אפגעבראכענע צווייגן,

וואו איך גיי ווען איך ווער choked פון דאגה'ן,

פרעג פונם אייבערשטן מיינע "וואס וועט זיין פראגן".

*איך האב נעבן מיין הויז* דערנער פוסטע,

ווען איך וויל ווערן אין א גוטע גוסטע,

חזר איך דארט מיין דאנקען ליסטע.

*איך האב נעבן מיין הויז* שיינע געלע בלומען,

דארט קען איך אן אן אפוינטמענט קומען,

רעדן צו א טעראפיסט וואס איז קיינמאל נישט פארנומען.

*איך האב נעבן מיין הויז* און אויך איבעראל,

איין באשעפער וואס באגלייט מיר אלעמאל,

ווען ס'איז מיר ברייט און ווען ס'איז מיר שמאל.

*איך האב נעבן מיין הויז* א קליינע פארק,

וואו איך לאדן אראפ אן אומזעבארע בארג,

און איך בעט "הייליגער באשעפער, העלף מיר זיין שטארק".

*איך האב נעבן מיין הויז* שטיינער און בלעטער,

צווישן זיי איך קלעטער,

און איך זאג "באשעפער באשעפער",

ווען איך האב נישט קיין ווערטער.

."

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

# Lemon Italian Ices

S. LEVY

## INGREDIENTS

6 cups water
1 cup sugar
2 clear jello
1/2 cup lemon juice
2 tsp lemon extract
1/4 cup coffee creamer

## DIRECTIONS

Place water, sugar, jello, lemon juice and lemon extract into a pot and bring to boil. Mix well and freeze. Thaw slightly and re-blend with coffee creamer. Fill individual cups with Italian ices. Freeze until ready to serve.



**מדה טובה מרובה!**

אונזערע חכמים זאגן אונז אין אבות: "כל המבזה את המועדות אין לו חלק לעולם הבא", ווער עס פארשעמט די ימים טובים האט נישט קיין חלק אין עולם הבא. איז זיכער פארקערט, אויב מען איז מכבד דעם יום טוב, באקומט מען זייער א גרויסן חלק אין עולם הבא!

און נישט נאר מ'באקומט א גרויסן חלק אין עולם הבא, נאר מ'באקומט 500 מאל מער (סוטה דף ל"א).

(למשל אויב מ'באקומט א שטראף אז מען פארלירט $1, איז פארן מכבד זיין וועסטו פארדינען $500).

טייערע פרויען עס לוינט זיך צו מכבד זיין דעם יום טוב.

# Cookies n' Cream Strawberry Ice Cream

S. LEVY

רעסעפי פונ׳עגרהיים

## INGREDIENTS

2 16 oz. whipped topping
16 oz. coffee creamer
1 instant vanilla pudding 4 tbsp strawberry jam
15 Oreo cookies crushed

## DIRECTIONS

Beat topping until stiff, add coffee creamer, pudding and jam and mix gently. Spoon cookie crumbs into ice cream mixture and freeze.




**מדה טובה מרובה!**

אונזערע חכמים זאגן אונז אין אבות: "כל המבזה את המועדות אין לו חלק לעולם הבא", ווער עס פארשעמט די ימים טובים האט נישט קיין חלק אין עולם הבא. איז זיכער פארקערט, אויב מען איז מכבד דעם יום טוב, באקומט מען זייער א גרויסן חלק אין עולם הבא!

און נישט נאר מ'באקומט א גרויסן חלק אין עולם הבא, נאר מ'באקומט 500 מאל מער (סוטה דף ל"א).

(למשל אויב מ'באקומט א שטראף אז מען פארלירט $1, איז פארן מכבד זיין וועסטו פארדינען $500).

טייערע פרויען עס לוינט זיך צו מכבד זיין דעם יום טוב.

# הער א מעשה

13 איבערגעבן צו מעשה פון תפילה רופא ל. וואסערמאן 845-662-4083

## ת. פינטער

קרית ברסלב

1. ברוך השם, מיר האבן געמאכט פלענער ארויסצופארן קיין ארץ ישראל צו באזוכן מיינע עלטערן.

אזוי ווי איך בין אן ארץ ישראל'דיגער בירגער, מוז איך האבן א ישראלי פאספארט כדי ארויסצופארן פון לאנד. מיר ווייסן שוין פון אנדערע אז ס'קען ווערן גאנץ קאמפליצירט.

האבן מיר געבעטן פון איינער וואס קען זיך אויס מיט די ענינים, ער זאל אונז ארויסהעלפן מיט דעם.

למעשה זעען מיר אז די טעג רוקן זיך שנעל פאראויס. עס ווערט שוין נאנט צו די באשטימטע טאג פון די טיקעטס, אבער מיט די פאספארט האט זיך גארנישט געריקט. מיר ווייסן אז אויף א מענטש קען מען זיך נישט פארלאזן, און זיכער נישט האבן קיין טענות.

מוזן מיר אליין שנעל בעטן דעם אייבערשטן אז אונזערע פלענער זאלן נישט ווערן צושטערט.

באין ברירה האב איך געמאכט די וועג קיין מאנהעטן, בעטנדיג דעם אייבערשטן די גאנצע וועג אז די קאנסוליי זאל מסכים זיין מיר צו מאכן א געהעריגע פאספארט און פארטיג. אסאך מאל ווערן זיי געבן א צעטל ארויסצופארן, אבער דאס מיינט אז זייענדיג אין ארץ ישראל דארף איך דארטן זיין פארנומען צו מאכן די פאספארט כדי צו קענען צוריק אהיימקומען. איך וויל באמת אויסמיידן די גאנצע קאפווייי וואס דאס ברענגט מיט זיך.

איך קום אן אין די גרויסע שרעקעדיגע בילדינג, אונטן ביים פראנט דעסק איז מיר איינער מקבל פנים און מעלדט מיר אז איך קען ארויפגיין צום אפיס צו באקומען א רשות צעטל ארויסצוגיין פון לאנד, אזוי ווי איך האב זיך פארגעשטעלט. אבער איך מאך ווייטער תפילות אז איך וויל יא א געהעריגע פאספארט.

אנקומענדיג אויבן, מעלדט מיר די סעקרעטאר אז אפילו א רשות צעטל קען איך נישט באקומען. ווייל איך האב נישט א פטור פארן מיליטער. ס'איז מיר גוט געווארן, וויפיל שוועריגקייטן קען שוין די מדינה מאכן. די פטור האב איך נישט מיט מיר, ווייל אלעס איז ארויף אין פלאמען ווען מיין הויז האט זיך פארברענט. אבער דאס האב איך שוין אריינגעגעבן לעצטע מאל ביים מאכן א פאספארט. זיי דארפן עס צו האבן אין די קאמפיוטערס.

באשעפער, באשעפער, באשעפער, וואס טוט מען דא? די סעקרעטאר איז פארנומען, זי קומט און גייט און דרייט א קאפ, אבער עס זעט אויס ווי עס געשעט גארנישט. וואס טו איך דא? ס'איז מיר שוין הייס און קאלט, איך פרוביר נאך צו מאכן תפילות, אבער איך מוז זיך צוזאמנעמען, איך זאל זיך אראפזעצן אין א זייט און אנהייבן שרייבן א בריוו צו באקומען א פטור.

אזוי אינמיטן שרייבן, ווען איך האלט שוין כמעט ביים זיך מייאש זיין פון די גאנצע זאך, רופט מיר די סעקרעטאר און זאגט אז זי האט געטראפן אין קאמפיוטער א בילד פון מיין פטור. עפעס כאפט זי נישט וואס גייט דא פאר.

האב איך איר אנגעהויבן פארציילן מיין גאנצע מעשה, אז מיין הויז איז ארויף אין פלאמען און האט זיך פארברענט מיט אלע פאפירן, און פארדעם בין איך יעצט דא, ווייל אלעס דארף איך איבערמאכן פון פריש. צו אויפברענגען די גאנצע נושא האט געקאסט א טרער אדער צוויי, אבער עס איז געווען באשערט איך זאל עס אויפברענגען, ווייל דאס האט אויפגעלאזט איר שטייפקייט.

זי פרעגט מיר צו איך האב א בילד פאר א פאספארט. ברוך השם, די איין זאך האב איך געהאט מיט מיר. זי גייט

אריין און איך רייס תפלות און מיט א צובראכן הארץ זאג איך צו צו מפרסם זיין די מעשה פון תפילה אין די בלעטל.

ברוך השם, די נס איז געשען. די סעקרעטאר קומט צוריק מיט א גרייטע פאספארט אין די האנט. וואס נאך איז געבליבן אויסער זאגן שכח אייבערשטער?

**2.** ס'איז פאר ראש השנה, אלע זענען פארנומען זיך גרייטן אויף א גרויסע נסיעה. אזוי ווי מיינע אלע זאכן זענען פארברענט געווארן אלס כפרה אין די פייער, האב איך געדארפט באשטעלן נייע רענצלעך. למעשה איז געווארן גאנץ טייט די צייט. די רענצלעך וואס מיר האבן באשטעלט, האבן זיי געזאגט אז עס דארף אנקומען דינסטאג, און דינסטאג איז די טאג וואס מיר דארפן שוין ארויספארן. מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן אלעס זאל זיך גוט אויסשטעלן.

דינסטאג צופרי, מ'מאכט אלעס גרייט, אבער די רענצל איז נאך נישטא. וואו לייגט מען אלעס אריין? עס גייט אריבער א שעה און נאך א שעה, ס'ווערט שוין אנגעצויגן די צייט. מ'בעט דעם אייבערשטן, יעדער צוזאמען, און איך זאג ארויס אז אויב די רענצלעך קומען אן אין צייט, וועל איך עס מפרסם זיין אין די בלעטל.

שכח אייבערשטער, פיר אזייגער קומט א גרויסע טראק, ער שטעלט זיך אפ און ברענגט אונז די אויסגעווארטע רענצלעך, פונקט אין צייט צו קענען געבן אלעס א פאק אריין און גיין. ויסעו.

## ב. אייזנער

קרית ברסלב

מ'קען נישט גענוג דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האבן א רבי וואס זארגט זיך פאר אונז. אז דער רבי האט געזאגט מ'זאל קומען צו אים אויף ראש השנה, וועלן מיר עס אויספירן אפילו ס'קומען אלעמאל אונטער אנדערע מניעות.

מיין מאן איז שוין ברוך השם געווען אין די עירפארט, שטייענדיג אין די לאנגע שורה פון מענטשן.

ווען ס'איז געקומען זיין רייע צו געבן די פאספארט, קוקט מען אים גוט אן, אבער אנשטאט צו זאגן "קענסט גיין ווייטער", שטעלט מען אים אין א זייט. פארוואס? פארוואן?

ביז מ'האט אים ענדליך געלאזט וויסן אז עפעס איז נישט גוט מיט זיין טיקעט.

ער שטייט דארט פארקנאקט, נישט זעענדיג א וועג ארויס. וואס טוט מען דא ערשט? נישט מער און נישט ווייניגער, ער ווארט דארט ביז... ביז ער זעט ווי דער עראפלאן מיט אלע גרייטע פאסאזשירן הייבן אן פארן שנעל אויפ'ן ראנוועי, ביז עס הייבט זיך אין די לופטן, און ווערט קלענער, קלענער, ביז מ'זעט שוין גארנישט.

אבער ער איז אליין אונטן ביים פענסטער פון עירפארט, אליין מיטן אייבערשטן.

ביים ציון וועט מען שוין ארויסגעבן די צעבראכענע הארץ פון אלע מניעות, אבער דא דארף מען ארבעטן שנעל צו זען וואס מ'קען טון ווייטער.

זיצנדיג אינדערהיים הער איך זיך צו צו די דראמאטישע מעשה וואס קומט פאר מיט מיין מאן. איין זאך וואס איך קען טון איז תפילות. "באשעפער, העלף מיין מאן זאל נישט בלייבן אויסגעשפילט, ער מוז אנקומען קיין אומאן." אזוי מאך איך תפילות איינס נאך די אנדערע.

שנעל האט אן עידזשענט אים געהאלפן פארשאפן א נייע טיקעט אויף אן אנדערע פלייט, אבער עס איז אן אנדערע עירפארט. ווי שנעל ער קען נאר, לויפט ער כאפן א וועג צו זיין געפארקטע קאר. די הויט ברענט, אבער אלעס נעמט צייט. מיט די נשמה אין די הענט קומט ער אן צו די אנדערע עירפארט, און ברוך השם ער איז שוין אין די שורה מיט אלע פאסאזשירן פון זיין פלייט.

ברוך השם, מ'קען שוין אפאטעמען. אבער די מניעות זענען נישט געענדיגט. אויך דא מאכן זיי פראבלעמען און טענה'ן אז עפעס אין זיין טיקעט איז נישט גוט.

ווען איך האב געהערט אז נאכאמאל ווערט ער אפגעשטעלט צוקוקנדיג צו די עראפלאן וואס ווערט קלענער און קלענער פאר זיינע אויגן, האב איך געזען אז איך מוז זיך נעמען אין די הענט אריין און אנהויבן רייסן תפלות. איך האב געבעטן און געבעטן דעם אייבערשטן, און איך האב אויך אויסגעשמועסט מיט'ן אייבערשטן ווי שטארק איך וויל ער זאל קענען זיין ביים רבי'ן ראש השנה.

למעשה האט ער געמוזט גיין ערגעץ איבערשלאפן ביינאכט. דערוויל האב איך געמאכט די נאכט פאר א תפלה נאכט.

די קומענדיגע טאג איז די נס געשען. ער האט באקומען א נייע טיקעט. און ברוך השם ער האט געקענט ארויספליען.

אבער יעצט האב איך שוין גוט געוואוסט צו דאנקען אויף דעם. שכח אייבערשטער פאר ראש השנה אין אומאן.



# עולו אושפי

ג. פרקטר



מעשה אבות סימן לבנים. מעשי אבות, ווען די עלטערן פארציילן מעשיות, סימן לבנים, לערנט עס א וועג פאר די קינדער, ספעציעל ווען מ'רעדט פון מעשיות פון צדיקים, אונזערע אבות הקדושים, אונזערע רועים נאמנים.

יעצט לכבוד סוכות, ווען מיר זיצן בצילא דמהימנותא אין אונזער סוכה, ארומגענומען מיט א ווארימע געפיל פון שכינה, ברענגען מיר אייך דא אראפ גאר שיינע מעשיות פון אונזערע הייליגע זיבן אושפיזין, אהערגעשטעלט דורך אונזערע געוואלדיגע טאלאנטפולע שרייבערינס פון "אינדערהיים".

מיר האפן אז עס וועט לאזן א שטארקע סימן אויף אונז בנים.

# די געסט האבן געראטעוועט



אברהם אבינו, דער טאטע פון כלל ישראל... אברהם אבינו, אונזער לייכטטורעם פון אמונה וואס באגלייט אונז אלע טעג אין גלות... אברהם אבינו, דער איש החסד, דער וואס האט אונז אויסגעטרעטן די וועג פון הכנסת אורחים, חסד אן קיין גבולות... אברהם אבינו, דער ערשטער מפיץ אויף דער וועלט... אברהם אבינו... עשרה נסיונות האט אים דער אייבערשטער געפרואווט, ועמד בכולם, ער איז אלע בייגעשטאנען... עס איז דאך דא אזויפיל צו שרייבן און באשרייבן, לערנען און שעפן חיזוק... וואס כאפט מען אן?

ליינט איבער א שטוינענדע געשיכטע פון היינטיגע צייטן איבער די חשיבות פון הכנסת אורחים; ליינט איבער א איד וואס גייט אין די מידות פון אברהם אבינו, ביז אברהם אבינו אליין גיט אים צוריק זיין לעבן. צוליב די האקלקייט פון די מעשה זענען געוויסע פרטים געטוישט געווארן לויט די פארלאנג פון די בני המשפחה. זיי האבן געגעבן רשות דאס צו שרייבן, אבער געבעטן צו טוישן א פאר מינדערוויכטיגע פרטים.

...

## ליעזל אברהם רחימא

ש. טראפטער

יעקב איז געווען א יונגערמאן, פריש נאך די חתונה. ער איז געקומען פון ארץ ישראל קיין אמעריקע צו די חתונה. בגשמיות איז ער געווען זייער ארים; ער האט נישט געהאט קיין איבעריגע פרוטה צו זיך, אבער גייסטיש איז ער געווען זייער רייך. ער האט נישט געהאט קיין גרויסע השגות און רצונות בגשמיות, אבער ברוחניות האט ער געוואלט גאר אסאך.

דאס יונג פארפאלק האט זיך באזעצט אין א באשיידענע קליינע דירה אין בארא פארק. גלייך נאך די שבע ברכות האט זיך יעקב ארומגעקוקט און געזאגט פאר זיין פריש ווייבל: "איך דינג אפ די דירה נעבן אונז אויך. מיר וועלן האבן צוויי דירות."

"פארוואס?" האט זיך דאס יונג ווייבל געוואונדערט.

"פאר הכנסת אורחים."

און ממש ווי אברהם און שרה, זענען ביידע געווען איינשטימיג צו צאלן געלט וואס זיי האבן נישט פאר אידן וואס זיי קענען נישט. אין יענע יארן, און אויך היינט, איז דאס געווען א חידוש גדול. און אזוי האט דאס יונג פארפאלק געצאלט דאפעלט רענט אויסצוהאלטן א דירה פאר הכנסת אורחים. אבער ביי זיי האט הכנסת אורחים באדייט פיל מער ווי בלויז געבן א בעט.

אברהם און שרה פון אונזער דור האבן געפלעגט זייערע געסט נאך מער ווי אייגענע קינדער. זיי האבן געקאכט, געוואשן די וועש, באדינט, געזארגט, אויסגעהערט און מחזק געווען די אורחים, וועלכע זענען געקומען פון יעדע סארט שטוב און עבר, צומאל מיט שווערע פעקלעך צרות. אין די צייט וואס אנדערע פרויען זענען געזעצן אונטער די בוים און געשמועסט, האט די פרוי פון ר' יעקב געוואשן די פלארס פון די הכנסת אורחים און ווידער איבערגעצויגן פרישע בעט געוואנט. צווישן די קליינע און די קלענערע האט זי ארייגעכאפו אוצרות פון מצוות. אזוי איז עס אנגעגאנגען עטליכע יאר.

אין א טאג טאג וועקט זיך יעקב אויף פון שלאף און דערציילט פאר זיין ווייב איבער א מאדנעם חלום וואס ער האט געהאט. זיין רבי, דער סאטמארער רבי זי"ע, האט זיך באוויזן צו אים אין חלום און אים געזאגט: "יעקב, גיי קויף א הויז."

דער חלום איז אים געווען מאדנע. ער האט נישט געהאט קיין דאלער צו די נשמה, און ער האט געטראכט צו זיך אז דאס איז פשוט געווען... א חלום. אבער ווען דער חלום איז געקומען איבער און איבער, האט ער באשלאסן אז מען ווייזט אים עפעס פון הימל, און ער האט זיך ארויסגעלאזט איבער די גאסן פון בארא פארק זוכן א הויז וואס ער קען אפקויפן (אן געלט!). אזוי פארנדיג זעט ער פלוצלינג א הויז וואס שטייט צום פארקויפן דורך די באנק (פארקלאוזשער), און די פרייז איז געווען נישטיג, ממש נישט צום גלייבן. יעקב האט געשפירט א מורא'דיגע סייעתא דשמיא, ער האט געשאפט געלט און אפגעקויפט די דירה.

דאס איז געווען גלייך נאך ראש השנה. און אויף סוכות זענען זיי שוין געווען אין די נייע דירה. יענע יאר סוכות איז יעקב נאך צוריקגעגאנגען דאווענען אין זיין בית המדרש קביעה, וועלכע איז געווען אינעם בנין פון זיין אלטער דירה וואס איז יעצט געשטאנען ליידיג. אינמיטן דאווענען הערט מען פלוצלינג קולות: "עס ברענט! עס ברענט! ראטעוועט!" אלע זענען ארויסגעלאפן פון שול און געזען ווי דער בנין מיט אלע הייזער זענען פארכאפט אין העלישע פלאמען.

אינצווישן הערן זיך שרעקליכע געשרייען פון א פרוי: "מיין קינד! מיין קינד! ראטעוועט! ער איז פארכאפט אין די דירה. איינער זאל רחמנות האבן!"

דער עולם איז אריין אין א פאניק, אבער ליידער האט קיינער נישט געקענט אריינגיין, ווייל דער הויפט אריינגאנג איז שוין געווען פארשטעלט מיט העלישע פלאמען, און אריינגיין וואלט געקאסט צוויי קרבנות. יעקב איז געשטאנען אין די זייט; זיין ווארעם הארץ האט אים זייער געקלאפט, ער האט נישט געקענט צוקוקן וואס דא גייט פאר. פלוצלינג האט אים אויפגעבליצט אין גדאנק: "די הכנסת אורחים!" בליץ-שנעל האט ער זיך געכאפט אז די הכנסת אורחים הויז האט געהאט א זייטיגע אריינגאנג, און פון דארט קען ער ארײנלויפן, אדורכגיין די פענסטער און פרובירן ראטעווען דאס פארלוירן קינד. אזוי האט ער טאקע געטון, און מיט א פלינקייט איז ער אריינגעקראכן, און דורך די הכנסת אורחים דירה האט ער טאקע געקענט ראטעווען דאס קינד. (וואס איז געווען די מעשה מיט'ן קינד? ער האט געהערט ווי אלע שרייען קולות, האט ער זיך זייער דערשראקן און איז געלאפן זיך באהאלטן אונטערן בעט...)

אגב, ביזן היינטיגן טאג, ווען יעקב גייט אמאל צום דאקטער און זיי קוקן אן די לונגען, פרעגן זיי אים: "דו רייכערסט? דו האסט שווארצע לונגען." יעקב האט קיינמאל נישט גערייכערט, אבער זיינע לונגען זענען שווארץ געווארן פון ראטעווען יענע קינד פונעם פייער. דאס איז ממש ווי עס שטייט אין שיר השירים: "שְׁחוֹרָה אֲנִי וְנָאוָה בְּנוֹת יְרוּשָׁלָם..." די שווארצקייט פון זיינע לונגען איז די שיינקייט פאר'ן אייבערשטן. עס איז שווארץ געווארן פון ראטעווען א צווייטע איד!

רבי יעקב שטייט אזוי אינדערויסן און זעט די נסים פאר די אויגן. ער שפירט די סייעתא דשמיא אז ער האט ממש געציילטע טעג צוריק זיך אריבערגעצויגן צו א נייע דירה. ער האט קלאר געוואוסט אז דאס איז בזכות די הכנסת אורחים וואס זיי האבן זוכה געווען צו מקיים זיין.

ווי אלץ אן הסכמה דערצו האבן זיי געזען נאכ'ן אויסלעשן דאס פייער: דער גאנצער בנין איז געווארן איין שטיק אש, חוץ איין חלק... די שטוב פון הכנסת אורחים. די הייליגע פיר ווענט וואס האבן איינגעזאפט אזויפיל מצוות זענען געבליבן אומבארירט. דאס פייער האט אויף דעם קיין שליטה נישט געהאט.

יעקב מיט זיין חשוב'ע אשת חיל האבן גענומען אסאך חיזוק פון די מעשה און ווייטער אנגעגאנגען מיט זייער הכנסת אורחים. אין די צייט וואס זיי האבן געהאדעוועט די קינדער, האבן זיי עס געטון אויף א פארנעם וואס איז דאן געווען שייך. די קינדער דערציילן אז זיי געדענקען ממש נישט א סעודה אן געסט, אבער פון די צווייטע זייט האבן זיי געוואוסט וויאזוי צו שטעלן א גבול אז די שטוב זאל בלייבן הייליג און ריין.

מיט די יארן האבן אלע געוואוסט אז אויב מען זוכט א ווארעם טעלער זופ אדער אן אפענע אויער, קען מען אריינקומען סיי ווען צו יעקב. אסאך אידן פון ארץ ישראל האבן געקענט זיין

אדרעס און זענען געקומען קלאפן אויף זיין טיר.

די ביזנעס איז געווארן גרעסער און שטערקער, און יעקב האט זיך דערזען אז זיינע אורחים האבן שוין אויסגעוואקסן זיין דירה און זיין קליינע עקסטערע דירה. דעריבער האט ער זיך ארייננעלאזט אין א גרעסערן פראיעקט און אפגעדינגען א דירה פון צוויי שטאק און געגרינדעט א שטיקל "האטעל" פאר אורחים, אידן וואס זענען דא פאר א לענגערע צייט און האבן נישט וואו צו זיין. דאס אלעס איז געווען צוגעשטעלט דורך יעקב מיט זיין ווייב אליין. מיט די יארן, ווען די קינדער זענען שוין געווען חתונה געהאט, זענען זיי אויך אריינגעקומען אין די "משפחה ביזנעס". פארשטייט זיך אז מצוה גוררת מצוה, און איין מצוה האט געצויגן די צווייטע, און חוץ הכנסת אורחים האט יעקב אויך אסאך געהאלפן גרים זיך איינגלידערן, און אויך געהאלפן יתומים חתונה האבן און זיך שטעלן אויף די פיס.

פאר בערך פופצן יאר צוריק האט יעקב זיך אונטערגענומען חתונה צו מאכן א יתום וואס איז געווען איינזאם און אליין, אן קיין משפחה פון ביידע זייטן. יעקב איז ארומגעלאפן איבער די שטאט און פרובירט צו שאפן געלט. זיין ווייב האט אויסשטאפירט דעם חתן און יעקב איז געווען זיין פיזישער און גייסטישער טאטע און אים געפירט אונטער די חופה ווי אן אייגן קינד, אדער נאך מער ווי אן אייגן קינד.

ווען מען האט געהאלטן אינמיטן די ריקודים ביי די חתונה, איז יעקב אריין אין רינג פרייליך מאכן דעם חתן. אזוי אינמיטן טאנצן האט דער חתן פלוצלינג געשפירט ווי ר' יעקב ווערט שווער. ער האט אים פרובירט אנצוכאפן, אבער פאר וואס און ווען איז ר' יעקב צוזאמגעפאלן דארט אינמיטן רינג און אראפגעפאלן באוואוסטלאז.

ביז אפאר סעקונדעס זענען די געטרייע חברה הצלה מעמבערס שוין געווען אינדערמיט, פרובירנדיג צו שאקן ר' יעקב און אים צוריקברענגען א פולס. אבער זייער שנעל האבן זיי איינגעזען אז ליידער זעט עס אויס ווי עס איז שוין נאך אלעם; זיין קערפער האט אנגעהויבן ווערן קאלט און קיין פולס איז מער נישט געווען. איינציגווייז זענען זיי זיך צוגאנגען שטיל און טרויעריג, שאקלנדיג מיט'ן קאפ אז עס איז ליידער דערנאך.

איין הצלה מעמבער האט אבער נישט מסכים געווען צום פסק. גאנצע צוויי און צוואנציג מינוט האט ער געשאקט און געארבעט צוריקצוברענגען ר' יעקב צום לעבן. די אנדערע האבן אים געוואלט אוועקשלעפן זאגנדיג "כבוד המת...", אבער יענער האט נישט געוואלט הערן. עס האט באמת נישט אויסגעזען צו האבן קיין זין, ווייל ר' יעקב האט נישט געהאט קיין שום פולס. מען איז שוין געגאנגען רופן חברה קדישא זיך צו גרייטן צו די לוי', ווען פלוצלינג, פאר די אויגן פון אלע ארומיגע, האבן זיך די אויגן-לעפלעך פון ר' יעקב געעפנט אויף א רגע. דער הצלה מאן האט אנגעהויבן שרייען: "ער לעבט! ער לעבט! ער האט א פולס! ער לעבט!!!"

דאס אומגלויבליכע האט פאסירט: ר' יעקב איז צוריקגעקומען לחיים. מען האט אים שנעל אפגעפירט אין שפיטאל, וואו ער איז געלעגן אין א קאמע פאר עטליכע טעג. אסאך תפילות האט מען מתפלל געווען פאר אים, ביז דער אייבערשטער האט געהאלפן און ר' יעקב האט זיך ערהוילט. ביז א קורצע צייט איז ער ברוך השם ארויסגעקומען פון שפיטאל. ווי נאר ער איז געווארן א טראפ שטערקער, און שוין געקענט רעדן, האט ער גערופן די קינדער און גערעדט "ביזנעס": "וואס טוט זיך מיט די הכנסת אורחים? וואס טוט זיך מיט די נייע לאט וואס מען וויל בויען?"

די קינדער האבן אים געבעטן: "טאטע, דו האסט נישט קיין כח. אפשר זאלסטו אביסל נאכלאזן? דו האסט דאך נישט אזא שטארקע הארץ."

"קומט, איך וועל אייך דערציילן פארוואס איך לעב," האט ער געזאגט פאר זיינע קינדער, און אט דאס האט ער דערציילט:

"איך בין צוזאמגעפאלן ביי די חתונה. עס איז שוין געווען מיין צייט צו גיין, און איך בין שוין נפטר געווארן. איך האב זיך פלוצלינג געזען שוועבן העכער און העכער, ביז איך האב זיך דערזען שטיין פאר'ן בית דין של מעלה. א מורא'דיגע לעכטיגקייט האט פארבלענדט מיין זע-קראפט, און איך האב גארנישט געזען נאר לעכטיגקייט.

איך האב אנגעהויבן הערן און זען ווי די מלאכים גרייטן אן דעם משפט, און איך האב אנגעהויבן ציטערן: 'הנה יום הדין...' אט קומט מיין יום הדין, ווען איך וועל שטיין פאר'ן אייבערשטן און אפגעבן א דין וחשבון. די הייליגע תפילות פון די ימים נוראים, פון 'ונתנה תוקף', זענען געווען לעבעדיג אויפגעשפילט פאר מיר.

פלוצלינג הער איך א קול פון א דין תורה: 'זאל מען אים לאזן לעבן אדער נישט?' איך האב פארשטאנען אז מען רעדט פון מיר. איך הער ווי מלאכים קומען און בעטן פאר מיר, אז איך בין נאך א יונגער מענטש און קען נאך שרייבן חידושים. אבער דער בית דין של מעלה האט געזאגט: 'נע... שרייבן חידושים קענען אנדערע אויך.' האב איך ווידער געהערט: 'אבער ער איז נאך יונג, די משפחה דארף אים נאך.' האט דער בית דין געזאגט: 'דאס איז נישט קיין טענה.' פלוצלינג זענען געקומען צוויי צדיקים און געטענה'ט פאר מיר. דער ערשטער איז געווען דער הייליגער חפץ חיים, וועלכער איז געקומען טענה'ן: 'ער היט זייער דעם דיבור. מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב – ווער עס היט דעם דיבור, קומט אים א גוט לאנג לעבן.' (ווי די בעלת המשפחה האט מיר דערציילט, איז ר' יעקב טאקע אזוי אפגעהיטן מיט'ן דיבור; כסדר הערט מען אים זאגן: 'קינדערלעך, רעדט נישט פון אנדערע.' אויך זאגט ער כסדר: 'רעד נישט שארף, רעד ווייעך...' און ווער עס קען דעם מענטש און האט אמאל

געהאנדלט מיט אים ווייסט צו זאגן אז ר' יעקב קען קיין הויך ווארט אויף א איד נישט רעדן.)

"איך האב נישט זוכה געווען צו זען זייער פנים צוליב די ליכטיגקייט וואס האט געשיינט פון זייער געזיכט, אבער איך האב געוואוסט ווער דאס איז.

"דאן איז געקומען א צווייטער סניגור, דאס איז געווען אברהם אבינו אליינס. ער איז געקומען טענה'ן: 'איך דארף אים האבן דא אויף די וועלט. זיין הכנסת אורחים וואס ער טוט קען מען נישט ערזעצן, מען דארף אים נאך האבן.' אויך האט ער דערציילט פאר'ן בית דין איבער'ן האטעל וואס מיר פלאנען צו בויען פאר די אורחים, וואס דאס איז דאך ממש ווי אברהם אבינו'ס געצעלט.

"דאס אלעס האט איבערגעוואויגן דעם דין, און מען האט מיר גע'פסק'נט: 'לחיים!' אין יענע מינוט איז מיין נשמת חיים צוריקגעקומען צו מיר און איך האב זיך דערוועקט.

"זאגט מיר קינדער, מיט וואס דען זאל איך זיין פארנומען?!"

**עפילאג:**

פון יענעם טאג ביז'ן היינטיגן טאג גייט די הכנסת אורחים אן אין פולן שוואנג. די ביזנעס האט שוין נייע סערוויסעס, וואו מען וואשט און ביגלט די וועש פון די אורחים. ר' יעקב פארגינט אויך פאר אנדערע די מצוה, און טייערע נשים צדקניות געבן אוועק פון זייער צייט, כח און געלט, קאכנדיג, באקנדיג, וואשנדיג און ביגלנדיג פאר זייערע אידישע ברידער. (א שנור דערציילט מיר אז מען האט אריינגעלייגט א מעלדונג אין א צעטל אז ווער עס וויל העלפן צו וואשן וועש פאר אורחים זאל זיך מעלדן. זי זאגט אז אינעם ערשטן טאג איז אריינגעקומען איבער פערציג פאון קאלס! מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ!)

רוב פון די אורחים זענען עטוואס פאר'יתומ'ט און אליינס, ווייט פון זייערע נאנטע און משפחה, און ר' יעקב – שוין נישט קיין יונגערמאן – זארגט פאר זיי צוזאמען מיט זיין ווייב, און זיי זוכן וויאזוי זיי צו מאכן וואס מער באקוועם.

א שנור האט מיר דערציילט, אז איין נאכט נאנט צו חצות הלילה איז זי געווען ביי איר שווער און שוויגער אין שטוב, און זי זעט ווי די שוויגער, מיט רויטע מידע אויגן, שלעפט זיך מיט זייף, שמאטעס און שיסלעך. זי גרייט זיך ערגעץ צו גיין מיט'ן שווער.

"וואו גייט די שוויגער?" האט זי זיך געוואונדערט.

די שוויגער האט איר דערציילט אז דער גוי וואס רייניגט די הכנסת אורחים איז נישט אנגעקומען, ממילא גייט זי יעצט אריבער רייניגן די בית הכסא'ס, די קאך און די האלוועיס.

"שוויגער," האט די שנור געבעטן, "איך וועל גיין, זאל די שוויגער זיך לייגן שלאפן." איר שוויגער איז דאך שוין ווייט נישט קיין יונגע פרוי און האט שוין נישט די כוחות.

"ניין," האט זיך די שוויגער גע'עקשנ'ט. "דו ביסט א מאמע פון קליינע קינדער, גיי אהיים שלאפן צו דיינע קינדער. לאז מיר ביטע האבן די מצוה, דאס איז מיין זאך. איך וויל זכותים ווען איך קום אהיים."

ווי איינער פון די בני המשפחה דערציילט: "מיינע עלטערן גייען אן מיט זייער הכנסת אורחים אין אלע אומשטענדן, אין פריידן און אין ליידן. אפילו ווען דער אייבערשטער האט זיי געפרואווט מיט א קינד וואס איז ליידער נישט געבוירן געזונט און איז נפטר געווארן, האבן די אורחים דאס נישט געשפירט; די הכנסת אורחים איז אנגעגאנגען אין אלע זמנים."

דער אייבערשטער זאל זיי העלפן אז זיי זאלן קענען ווייטער גיין אין די הייליגע וועגן פון אברהם אבינו.

**צום שלוס:**

טייערע שוועסטער, עס איז זייער אינספירירנד צו הערן אזעלכע מעשיות וואס פאסירן היינט, אבער צומאל שפירט מען א טראפ אנטוישט: "וואו קום איך אן צו אזעלכע הויכע מדריגות?" מיר דארפן אבער געדענקען וואס מוהרא"ש טייטשט אזוי שיין אויף די משנה "קנאת סופרים תרבה חכמה" – דאס מיינט נישט נאכמאכן יענעם'ס נקודה, נאר קוקן וויאזוי יענער שטארקט זיך אין זיין נקודה טובה, און דאס נאכמאכן דורך זאגן: "לאמיר זיך שטארקן אין מיין שטארקע זאך." און וואס איז דען שטערקער ווי זיין א מאמע פאר די קינדער? טון הכנסת אורחים, הפצה, און פארשפרייטן דעם אייבערשטן פאר די אייגענע קינדער. לאמיר זיך מחזק זיין מיט תפילה און בעטן דעם אייבערשטן צו טון חסד איינער מיט'ן צווייטן, אמאל ארויסגיין פון וועג פאר א שכן אדער א שוועסטער אפילו ווען איך האב א חשבון מיט יענעם, און אזוי וועלן מיר אויך זוכה זיין נאכצוגיין די וועגן פון אברהם אבינו.

(די משפחה האט געבעטן אז די דעטאלן זאלן בלייבן געהיטן ביי די מערכת צוליב געוויסע סיבות... אבער אויב איינער וויל אנטיילנעמען אין דעם זכות און ארויסהעלפן מיט געלט אז זיי זאלן קענען ווייטער אנגיין מיט זייערע מדות החסד, קען מען זיך פארבינדן מיט די רעדאקציע פאר די קאנטאקט אינפארמאציע.)

# וואו איז ער?



שכח אייבישטער, די קארטאפל זעט אויס גוט. איך דריי אראפ דעם פלאם, און איך גיי זען וואס עס טוט זיך מיט די וועש, איך שטעל אן דעם וואש מאשין און איך נעם ארויס דעם הויפן טרוקענע וועש פונעם דרייער.

אין הויז איז רוהיג און שטיל, איך האב גענוג צייט צו אלעס צאמלייגן מיט געדולד, און אפשר אויך אויסנוצן די מינוטן און זיך אביסל אויס רעדן צום אייבערשטן?

די בעבי פלאפלט מיט אירע שפילצייג, די וועש פארמערט זיך אין שיינע צאמגלייגטע שטויס, אבער איך? איך פיל זיך פארמאכט, פארשלאסן, עס גייט נישט ארויס קיין אפגעהאקט ווארט פון מיין מויל.

איך ווייס נישט וואס ס'איז געשען לעצטנס, איך האב שוין פראבירט דעם זיסן טעם, איך ווייס שוין ווי גוט מען פילט נאכן אפלאדענען די שווערע שטיינער פון הארץ, און... און... און איך ווייס אויך אז יעדער האט אזעלכע צייטן... אבער... אבער... אבער דאך פיל איך אזוי ווייט...

און איך ווייס אויך אז די עצה צו דעם איז צו בעטן דעם אייבערשטן טאקע פאר דעם, אים צו בעטן אז ער, דער גרויסער און גוטער באשעפער זאל עפענען מיין מויל,און... און... און איך בעט און איך זע נישט קיין וועג ארויס...

די טעג לויפן... עס ווערט שבת... זונטאג, מאנטאג, דינסטאג... און ווידער קומט שוין שבת... פון אויבן אויף פארט אלעס גלאטיג...און אויף טאג טעגליכע זאכן האב איך צו פארציילן הויפנ'ס מעשיות פון תפילה, אבער איך וויל עפעס טיפער, איך וויל דערציילן פארן אייבערשטן וואס איך פיל, וואס איך וויל, וואס איך טראכט... איך וויל ווערן בעסער, איך וויל פאררעכטן וואס איך האב אמאל נישט געטון גוט... איך וויל ווערן נענטער און נענטער... איך וויל טון וואס דער אייבערשטער וויל פון מיר...

# לייעל יצחק עקידה

מ. פיצפערהיים

באשעפער! עס גייט מיר נישט! באשעפער נאר דו קענסט מיר העלפן! דו האסט מיר באשאפן, מיין נאטור, מיין יוגנט... מיין משפחה, באשעפער! דו ווייסט באמת וואס איך וויל!.

איך דערמאן זיך אזוי אינמיטן אז מיין מאמע מאכט מארגן חתונה, לאמיר מאכן א פלאן ווי אזוי צו אויסשטעלן דעם מארגנדיגן טאג, איך וויל רופן מיין מאן פרעגן צו ער האט נישט מארגן עפעס א אסיפה אדער ווייס איך וואס, ער הייבט אויף ביים ערשטן קלונג, פון אונטער הער איך א טומל א גערודער, קינדער? מלמדים? אלעס צוזאמען? איך קען נישט כאפן.

"העלא? וואס מאכסטו?" ער הערט זיך אביסל איילנדיג, "איך האלט דא אינמיטן זיצן מיט די מלמדים, א חיזוק שמועס, דארפסט עפעס וויכטיג?".

"ניין, ניין, ס'איז ממש נישט וויכטיג" -ענטפער איך- "מען קען רוהיגערהייטווארטן אויף ביינאכט!".

די פלענער קענען ווארטן אפילו ביז מארגן, קוק איך אויפן שטילן טעלעפאן, ווי דער אייבערשטער וועט פירן דעם טאג, וועט במילא אזוי זיין...

איך בלייב זיצן פארטראכט, מיין בעבי ליגט אויפן פלאר און האלט אין די הענטעלעך א זיסע בערעלע און שמייכלט צופרידן, זי געבט עפעס א אמבאלופערטן דריי און די בערעלע פאלט ארויס, זי וויל עס כאפן, אבער אנשטאט צו אנקומען נענטער קריכט זי אויף צוריק, זי פראבירט נאכאמאל, אבער זי ווערט נאר ווייטער און ווייטער... זי הייבט אן צו וויינען, און איך פיל איר אזוי מיט, איך ווייס אבער אז זי גייט דאך אזוי קענען צום סוף קריכן, צו גיי איך אויך אבער אמאל קענען דערגרייכן מיין ציל?

א גוטן טאג! די קינדער זענען דא!

"מאמי?" -פרעגט מיר מיין גרויסער אינגל- "אוואו איז טאטי?" "וואס הייסט" -פרעג איך צוריק- "איך פרעג דיר. טאטי האט אייך נישט אהיים געברענגט?".

"ניין. מיר זענען אהיים צופיס, טאטי איז נישט געווען אין אפיס."

איך פראביר זיך צו דערמאנען, ער האט מיר געזאגט אז ער גייט היינט שפעטיגן? געווענדליך קומט ער אהיים מיט די קינדער אויסער... אויסער למשל היינט...

אה... ער האט מיר געזאגט אז אפשר גייט היינט די הנהלה זיצן צוזאמען... אויף וואס נאך? אדער געדענק איך נישט און ער האט גערעדט פון עפעס אנדערש?

די קינדער לויפן צו זייערע שפילצייג, איך גיי ענדיגן דעם נאכטמאל. ווען די קינדער האלטן שוין אינמיטן עסן קומט טאטי ענדליך אהיים.

א גוטן טאג! די קינדער לויפן אים אנטקעגן, אברהמי ברענגט צו שלעפן א צעטל פון זיין טעשל, טאטי! מיין רבי האט געזאגט אז דער מנהל האט געהייסן עס געבן פאר טאטי!

טאטי נעמט איבער דעם צעטל מיט א ערנסקייט, וואו עס שטייט די זמנים פונעם חדר אויפן נעקסטן יאר. און ער ליינט עס איבער ווי ער וואלט עס געזען צום ערשטן מאל, די גרעסערע שמייכלען זיך אונטער.

"צו ווייסטו מאמי?" -דרייט ער זיך אויס צו מיר- "היינט האב איך געטראפן אברהמי'ס רבי און ער האט מיר געזאגט אז אברהמי איז דער בעסטער אינגל פונעם גאנצן חדר!!"

"באמת? איך פריי זיך אזוי שטארק צו הערן!"

איך האף נאר אז ער האט נישט איבערגעדרייט דעם חדר היינט...

ווען די קינדער זענען פארשפילט און עס דרייען זיך נישט איבעריגע אויערן אונטער די פיס, דערציילט ער אז די הנהלה איז געגאנגען זען א שטח, וואס מען האפט צו קענען אפקויפן, און בויען א גרויסע פלאץ פאר די מוסדות וואס וואקסט אויף א טעמפא וואס מען קען נישט נאכלויפן...

א טעלעפאן רוף קומט אריין, ס'איז פון בית פיגא... ער מוז אויפהייבן, מען דארף אוועק שטעלן א גוטער דרך ארץ אין איינע פון די כיתות...

איך דערמאן זיך פון די ערשטע באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין דעם נייעם חדר, צוויי חדשים נאכן עס עפענען, ס'איז געווען נאך פורים תשפ"ב ווען דער ראש ישיבה שליט"א איז אנגעקומען צו דעם ערשטן יארצייט פון זיין גרויסער זיידן דער קארלסבורגער רב זצ"ל, דער חדר איז דעמאלט'ס באשטאנען פון דריי קינדער! מרדכי פערל, מרדכי און רפאל פפנהיים.

דער געטרייער מלמד מו"ה יושע ראבינאוויטש הי"ו איז געזעצן געטריי מיט זיי יעדן טאג, ביים געסט צימער פון מו"ה שמעון עוזר פערל'ס הויז, און געלערנט מיט זיי תורה מידות טובות און יראת שמים,

איך בין אראפגעקומען מיטהאלטן דעם באזוך פון אונטערן טיר, צוזאמען מיט מרת פערל, די עלטערן פון אלע קינדער פון חדר... אינמיטן האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן צו די ארומיגע, "עטס זעען אויך די גרויסע בנינים וואס איך זעה דא?"

איך געדענק די שמייכל וואס איז דעמאלטס ארויפגעקומען אויף די פנימ'ער... יעצט קען מען שוין טאקע לאכן, ס'זעט אויס אז ביז מען וועט ענדיגן בויען דעם ערשטן בנין, וועט עס שוין אויך זיין צו קליין...

איך גיי אנגרייטן פיזאמעס פאר די קליינע, און איך זע אז ווי נאר מיין מאן לייגט אראפ דעם טעלעפאן, צוקלינגט זיך עס ווידער, יעצט הערט זיך עס א שמועס פון איינעם פון די עלטערן וואס קען נישט

פארשטיין פארוואס דער מוסד וויל נישט געבן מעדעצין פאר זיין קינד...

די קליינע דארפן שוין גיין שלאפן, ער פארענדיגט דעם שמועס, און גייט ליינען קריאת שמע מיט זיי, ווען ער קומט ארויס פונעם קינדער צימער, זעט ער אויפן טעלעפאן, דריי נישט געענטפערטע רופן, דער מגיד שיעור, א מלמד פון טברי', און עפעס א אומבאקאנטער נומער, וועמען רופט מען צוריק פריער?

נאכן עסן נאכטמאל, גייט ער דאווענען מעריב, ווען ער שטייט שוין ביים טיר, זאגט ער מיר, אז ער וויל אויך צוגיין אין אפיס זען צו דער ראש ישיבה האט שוין געענטפערט אויף א וויכטיגע שאלה וואס ער האט געפרעגט ביים היינטיגן באריכט, איך האף ס'וועט נישט נעמען צו לאנג.

איך האף אויך...

איך רוים אוועק דעם נאכטמאל, איך גרייט אן וועש אויף מארגן, די בעיבי איז שוין אויף און איך האב איר שוין צוריק איינגעשלעפט, און ער איז נאכנישט דא... מסתמא האט דער ראש ישיבה געענטפערט, אדער איז אריינגעקומען עפעס א אנדערע שאלה, אדערביידע צוזאמען...

ווען ס'מאכט זיך פארנומענע טעג, קומט מיר ארויף די ערשטע צייטן פונעם חדר. ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געפרעגט מיין מאן אויב ער קען זיין מנהל, דעמאלט איז דער חדר געווען פון גאנצע פינף קינדער...

מיין מאן האט דעמאלט געארבעט אין א אנדערע מוסד, ער האט געוואלט אוועקגיין פון דארט און ווערן א גרעפיק דעזיינער, ער האט אריינגעלייגט אסאך צייט, געלד און כח, זיך צו גוט דערלערנען די פאך, און ער האט געטראכט אז ער גייט האבן צייט פאר ביידע, וואס דארף שוין א מנהל טון מיט פינף קינדער? איינמאל א חודש קומען אוועקשטעלן דרך ארץ? צוגרייטן א פרשה צעטל? און אזוי איז טאקע געווען די ערשטע פאר חדשים.

גאנץ שנעל איז די גרעפיקס געבליבן אין זייט, און לויט די הוראה פונעם ראש ישיבה שליט"א איז ער פארנומען ברוך השם טאג און נאכט מיט די מוסדות.

איך ווייס אז אויב נישט מיט די מוסדות וואלט ער געווען פארנומען מיט אנדערע זאכן, פריי איך זיך אז אונזערע יארן ווערן אנגעפילט מיט גוטע זאכן.

איך ווייס אבער אויך, אז איך ווייס נישט אלעס, אין אונזערע מוסדות ארבעטן טייערע מלמדים, לערערינס, און חברי הנהלה, און וואס זיי טוען האלט איך נישט מיט, איך ווייס אז יעדער איינער אן אויסנאם געבט אוועק אן א שיעור כח און צייט און מען באקומט נישט צוריק קיין כבוד אדער געלד.

איך שטיי און איך וואונדער זיך צומאל, ווי אזוי קענען פשוטע מענטשן עס באווייזן? פון וואו נעמט מען די איבערמענטשליכע כוחות?

אונזערע גרויסע אבות האבן אונז איבערגעלאזט טייערע ירושות, ווען יצחק אבינו האט אויסגעווארט אויף זיין ישועה אויף זיין שידוך איז ער ארויס אין פעלד זיך אויסגיסן די הארץ פארן באשעפער.

ויצא יצחק לשוח בשדה. דער הייליגער רבי האט אונז אויסגעלערנט אז אויך אונז פשוטע מענטשן קענען נעמען די פשוטע עצה, און עס טון, און ווען מען נעמט אריין דעם אייבערשטן אין בילד, באקומט מען ספעציעלע כוחות און סייעתא דשמיא.

די גאנצע מוסדות שטייט אויף תפילות, תפילות פון די עלטערן, תפילות פון די תינוקות של בית רבן, תפילות פון מלמדים, תפילות פון די לערערינס, און תפילות פון די הנהלה, נאר אזוי קען מען אנגיין, און נאר אזוי קען מען ארבעטן צוזאמען, און אויפברענגען דעם קומענדיגן דור פארן באשעפער.

און אויך איך אליין, צווישן מיר אין דעם באשעפער, ווייס איך אז דאס איז די איינציגסטע עצה פאר יעדע פראבלעם, און אז ס'גייט מיר נישט זיך צו אויסרעדן צום באשעפער וועל איך פראבירן איינמאל און נאכאמאל, ביז איך וועל אויך זוכה זיין צו זען א שטראל פון ליכטיגקייט.

# טייערע פערל

"צוברעך דיר דיינע ציינער, זשידאק! נעם, דא האסטו!" סטעפאן ווארפט מיט אויפברויז א געוועבטע סחורה'נע זעקל צו זיין אידישן שכן.

יעקב קוקט אים אן מיט בייז וואונדער. א שאלה אויף א גוי, וואס האט אים געברענגט צו כעס? אבער פארט, וואס איז די זעקל, א מתנה אין זיין פנים אריין? און וואס האט עס מיט די ציינער?

סטעפאן נעמט זיך זעצן זיין פויסט אויפ'ן זעקל. "פאר'עקשנ'טע ארבעס! זיי לאזן זיך נישט קאכן, יאקאבי!" געבט ער ארויס זיין גאנצע אנטוישונג פון די לעצטע פאר שעה. "איך שטיי שוין שעות ביים פייער, איך לייג צו נאך א שפענדל און נאך איינס, און איך גיס צו וואסער, אבער די ארבעס בלייבן הארט ווי א שטיין!"

סטעפאן שטייט קעגן יעקב ווי א גרויסע פינף-פיסיגע קאך-קעסל. פון זיין מויל גייט א פארע, און ער לאזט ארויס די גאנצע שום פון זיינע לונגען מיט א הויכע קול. זיינע אויגן פינקלען צו יעקב, ווען זיין שטימע טוישט זיך פלוצלינג צו אזא האניג שטעכיג בינען קול: "קוק יאקאבי, דו ביסט א אידישע עקשן, וועסטו וויסן וואס צו טאן מיט פאר'עקשנ'טע ארבעס." סטעפאן לאכט צו זיך הויך פון זיין אייגענע וויץ, און גייט אוועק פון זיין שכנ'ס טיר מיט א שמייכל פול מיט נצחון. הא הא, קלוג האב איך געטאן.

מיט שנעלע באוועגונגען עפנט יעקב אויף דעם זאק. עפעס הערט זיך דא אינטערעסאנט. דער פויער זאל נישט קענען פשוט אפקאכן א זעקל בונדלעך? די שיינקייט פון די בונדלעך האבן אים אלעס פארענטפערט.

יעקב זעט זיך האלטן אין זיין האנט א זעקל פערל. אך, דער פויער, האט נאך קיינמאל נישט געזען קיין טייערע פערל פאר די אויגן, האט ער עס געשאצט פאר ארבעס.

יעקב מאכט צו דעם זעקל און לייגט עס אוועק



## לייזער יעקב שלימא

ש. ל. פליישמאן

צווישן זיינע טייערסטע זאכן. ער איז יעצט געווארן א פארמעגליכער איד. "אה!" שפרייט ער אויס זיינעביידע הענט אויף ארויף, "שכח אייבערשטער, דו האסט מיך דאך אויפגעראכטן אין איין מינוט, מאשפות ירים אביון. איך דאנק דיר טאטע פאר די פלוצלונגדיגע איבערראשונג".

איך שפיר מיר ממש ווי א בונדל. וואס האב איך שוין היינט געטאן? אביסל נעבעכדיגע מצוות, אפילו צו זאגן ברכות בין איך נישט אנגעקומען, ניטאמאל אויפגערוימט מיין שטוב. מיין פיצל האט א גאנצן טאג געוויינט און אויפגענומען נישט נאר מיין גאנצע צייט, נאר די גאנצע פלאץ אין מיין מח. אבער פארוואס זאל איך אזוי שפירן? פארוואס זאל איך לאזן דעם פויער'ס מבינות אריינקריכן אין מיין געוויסן.

די ריכטיגע מבינים, די הייליגע צדיקים, דער הייליגער זוהר הקדוש, דער הייליגער רבי, מוהרא"ש זי"ע, און אויך דער ראש ישיבה שליט"א היינט, רעדן פון מיינע פשוט'ע, נעבעכדיגע, האלבע, פארשלאפענע מצוות ווי פון פערל און דיאמאנטן. יא, **פון מיין זיין א אידישע מאמע און פון מיין בארואיגן מיין בעיבי.** זיי פארשטייען ריכטיג אפצושאצן די ווערט. איך מוז צוהערן צו די קול פון די עקספערטן. מיינע מצוות, נישט קיין חילוק וועלכע קאליר, לעבעדיג אראנדזש צו פארשלאפן גרוי, זענען טייערע פערל.

רבי נפתלי, א פרישע מקורב צום הייליגן רבי'ן, חלומ'ט זיך א וואונדערליכע חלום. א מאן פון יענע וועלט קומט צו אים און פרעגט אים, "צו וועלכע צדיק בוסטו מקורב?" ווען רבי נפתלי ענטפערט אים אז ער איז מקורב צום הייליגן רבי'ן פון ברסלב, בעהט יענע נשמה ער זאל אים נאכזאגן א תורה פון זיין רבי'ן.

רבי נפתלי אין זיין חלום זאגט אים נאך די שבת שירה תורה וואס ער האט נישט צו לאנג צוריק געהערט פונעם הייליגן רבי'ן. ער זאגט פארן נשמה די תורה "עיקר החיות מקבלין מהתפלה", ווי דער רבי ברענגט ארויס אז דאס גאנצע חיות פון א מענטש באקומט מען דורך תפלה. די נשמה פון יענע וועלט הערט זיך צו מיט א מורא'דיגע בענקשאפט צו יעדע ווארט, און פון גרויס זיסקייט נעמט זיך די נשמה ארויפגיין און זיך דערהייבן העכער און העכער, ביז ר' נפתלי זעט איר מער נישט. איבערגענומען מיט הרגשים פון זיין חלום, גייט ר' נפתלי צום הייליגן רבי'ן. דער הייליגער רבי הערט אים אויס און זאגט: "איר מיינט אז אין עולם העליון הערט מען מיין תורה ווי מען הערט עס דא? דארט, אז מען הערט א דיבור פון מיין נאמען וועגן, איז עס גאר עפעס אנדערש..."

יא, ר' נפתלי האט איבערגעזאגט פאר די נשמה טאקע די זעלבע תורה וואס ער האט אליינס געהערט פון הייליגן רבי'ן, אבער די התלהבות וואס די נשמה האט געהאט איז געווען ענדלאז, נישט צו פארגלייכן צו וואס די חסידים האבן געהאט פיל ווייניגער עקסטאז בשעת'ן עס הערן פון דעם הייליגן רבי'נ'ס מויל אליינס. די נשמה פון יענע וועלט האט געהאט אזא התלהבות ווי איינער וואס שאצט די תורה ווי די לעכטיגסטע לעכטיגקייט.

ס'איז נישט נאר א מעשה, עס קען אויך דינען ווי א משל פאר אונז מיט א לעכטיגע מוסר השכל. אונזערע מצוות דא אונטן, נישט קיין חילוק ווי אזוי מיר קוקן עס אן, זענען אויבן אין הימל בענקעדיגע לעכטיגקייטן.

אזוי אויך איז יעדע תפילה, וואס מיר בעטן, אפילו פשוטע אייגענע מאמע לשון תפילות, און אפילו תפילות וואס קענען נאכנישט ווערן גערופן א תפילה מעשה, זענען אויך לעכטיגע טייערע אוצרות.

"וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וכו' וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וכו'". הימל, ערד, און שטיינער, קיין נפש חיה, שטאק טונקל. קוקט עפעס אויס ווי פארלוירנקייט, ייאוש. דוקא דעמאלטס שטעלט זיך יעקב אבינו פארפאסן די הייליגע דריטע תפילה, תפילת ערבית. יעקב אבינו וויל אונז לערנען אז אויך אין די טונקל, אין די אויסגעלאשנקייט (ניין, עס זענען נישט געווען דעמאלטס קיין סטריט לייטס) – זאל מען נישט אויפגעבן, נאר דאווענען פאר'ן אייבערשטן. און וועלכע סארט דאווענען? **ווי א פגע**, "ויפגע במקום", מוטשענען און מוטשענען דעם אייבערשטן. דער אייבערשטער האט ליב א נודזש און א קוועטש וואס בעט און געבט נישט אויף. מיט הכנעה. פליז. נאכאמאל און נאכאמאל.

"באשעפער, איך וויל א קינד, א געזונט קינד. באשעפער, איך וויל נחת. העלף מיר, באשעפער, אויסארבעטן מיינע מדות. באשעפער... באשעפער... געב אונז ברייט פרנסה. העלף אונז, אייבערשטער, באגלייט אונז מיט סייעתא דשמיא.

"והנה סלם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה". יעקב אבינו זעט א לייטער וואס איז אויף דער ערד און איר שפיץ גרייכט צום הימל. יא, ס'איז אויף דער ערד, אבער ס'גרייכט די הימל. או/הא! א חילוק פון הימל און ערד! כמעט אזוי ווי אונזערע מצוות. דא אונטן קוקן מיר אויף אונזערע מצוות ווי פשוט'ע קלייניקייטן. מיר קוקן אויף זיי מיט אן ערדישע, פויערישע בליק. ס'איז א זעקל פול מיט ארבעס. וואס איז עס שוין? טוישן א קינד? געבן צו עסן פאר א קינד? איין קאפיטל תהילים איז זיכער זייער נעבעכדיג. אבער אין הימל קוקט מען פון אן אנדערע פערספעקטיוו. מיט אן אויג פון מבינות, א הימלישע בליק. אין הימל זענען אונזערע מצוות, אונזערע תפילות, אונזער פראבירן, דורכפאלן און נאכאמאל פראבירן, הימלישע דיימאנטן און פערל.

ווען דער יצר הרע מאכט דיר שפירן ווי א בונדל, נעם נישט זיין אפשאצונג. ער איז א פויער וואס פארשטייט נאר צו ערד ארבעט, פלאנצונגען און בונדלעך. הער וואס די צדיקים, די גרויסע מומחים אויף בריליאנטן און פערל, האבן צו זאגן: כאפ אריין איין קאפיטל תהלים, מאך א שמייכל, א ברכה, א משנה, א פסוק, איין קריאת שמע, א גוט ווארט וכו'. א פערל, און נאך א פערל, און דו פילסט דיר אן א זאק מיט ווערדפולע אוצרות.

# איינעם שליסל לאך



# ליעזל משה רעיא מהימנא

מ. פרזדר

נחום איז געווען א געלונגענער בחור, שוין פון א גאר יונגן עלטער האבן זיינע טאלאנטן און שארפן מח ארויסגעשטארצט פון צווישן אלע קינדער אין זיין יארגאנג.

ער איז אויפגעוואקסן אלע בן יחיד, אן איינציג קינד פאר זיינע עלטערן נאך יארן לאנג ווארטן אויף קינדער, ער איז געווען זייער שווארצאפל פון אויג.

אין חדר איז ער געווען באליבט אויף זיינע מלמדים און שטארק ארויפגעקוקט צווישן זיינע חברים

ווען דער רבי פלעגט פרעגן א קאמפליצירטע קושיא איז נחום געווען דער ערשטער דאס צו קענען פארענטפערן, ביי די בחינות פלעגט ער אלץ באקומען א הונדערט אן דאס מינדעסטע אנשטרענגונג פון זיין זייט

ווען עס איז געקומען צו ישיבה האט ער זיך פארהערט ביי איינע פון די בעסטע ישיבות און פארשטייט זיך אז ער איז גרינגערהייט אנגענומען געווארן, די מגידי שיעור האבן געקוואלן פון זיין שארפקייט, די חברים זענען אים אלע נאכגעלאפן און געזוכט צו געפעלן אין זיינע אויגן, יעדער האט זיך געקריגט אויף די זכיה צו קענען לערנען מיט אים בחברותא, און פארשטייט זיך אז די עלטערן האבן געקוואלן פון נחת צו הערן די אלע גוטע גריסן אויף זייער אויסגעוואוקסענער בן יחיד'ל.

ווען עס איז געקומען צו די עלטער פון שידוכים האט דער טעלעפאן אינדערהיים נישט אויפגעהערט צו קלונגען, די שדכנים זענען זיי נאכגעלאפן מיט די בעסטע און חשוב'סטע משפחות, ביז נחום איז שוין אין א גוטע שעה א חתן געווארן צו א געלונגענע מיידל פון א באלעבאטישע מכובדיגע משפחה, די שמחה איז געווען גרויס, יעדער איז געקומען זיך באטייליגן אין די גרויסע חתונה.

די שבע ברכות זענען אריבער און דאס פרישע קאפל האבן אנגעהויבן זייער לעבן מיט די רעכטע פיס, נחומ'ס וייב איז געווען א געלונגענע טיטשער און איז גלייך צוריקגעגאנגען צו איר ארבעט.

נחום האט זיך ארייגעזעצט אין כולל א האלבע טאג – אזוי ווי אפגעשמועסט און די צווייטע האלב טאג האט ער געזוכט צו ברענגען פרנסה.

ער האט זיך גלייך ארייגעלייגט אין ביזנעס און אין וואס ער האט נאר ארייגעלייגט זיינע גאלדענע הענט האט ער געזען הצלחה.

ערשט האט ער אנגעהויבן מיט קליינע געשעפטן און זעענדיג ווי זיין

הצלחה וואקסט איז ער אלץ ארויף גרעסער און גרעסער.

מיט די צייט האט ער באשלאסן זיך אריינצולייגן אינעם געביט פון זייגער'ס, אנהייב האט ער אויפגעמאכט א קליינע סטאר, און זעענדיג אז ער איז שטארק מצליח האט ער עס נאר פארגרעסערט און פארגרעסערט.

נחום האט נישט אויפגעגעבן אויף דאס זיצן אין כולל, אבער ווי מער ער האט מצליח געווען און געמאכט געלד איז זיין גאווה געוואקסן, ער האט געזעהן די שעצנדע בליקן פון די מענטשן ארום, די שטאלץ פון זיינע עלטערן און פון זיין געטרייע ווייב, די שטראלנדע אויגן פון זיינע חברותות ווען ער האט זיי אויסגעקלארט א קאמפליצירטע תוספות.

עפעס האט זיך געטוישט אין אים, ער האט זיך אנגעהויבן איינרעדן אז ער איז עפעס ווערד, ווי כאילו זיינע טאלאנטן און שארפן מח זענען עפעס וואס ער האט זיך אליינס געמאכט.

זיין שטאלץ איז געוואקסן, זיין רוקן האט זיך אויסגעגליכן מיט אפאר סענטימעטער, און זיין נאז האט זיך געהויבן, ער האט אנגעהויבן מאכן פון זיך א זאך, א מציאות, ער האט אנגעהויבן פילן אז ער טויג, ער ווייסט, ער קען, און ער איז געלונגען, און ער האט אינגאנצן פארגעסן צו דערמאנען דעם אייבערשטן וועלכער האט אים געשאנקען די אלע מתנות.

מען האט שוין מער נישט געהערט פון אים די ווערטער 'ברוך ה' אדער 'בעזרת השם', נאר מען האט אלץ געהערט פון אים דאס ווארט 'איך', און פארשטייט זיך אז ווען מען פארגעסט ח"ו פונעם אייבערשטן פארלירט מען די גאנצע הצלחה.

געווען איז עס ווען נחום האט אפגעמאכט צו פארברייטערן זיין ביזנעס אויף א גרויסן פארנעם, ער האט אפגעקויפט א שטח און דארט אויפגעשטעלט א הערליכע געביידע פון צוויי שטאק, וועלכע ער האט צוטיילט אין אפאר פראקטיגע צימערן. זיין פלאן איז געווען צו פארקויפן אין די אונטערשטע שטאק צירונגען און זייגערס און אין די אויבערשטע שטאק זילבערנע און גאלדענע כלים.

און דאס אלעס פונעם שענסטן און בעסטן קוואליטעט.

דאס געביידע האט אויסגעזען הערליך, אלעס איז געווען אזוי פראכטפול דעזיינט, נחום האט שוין קוים געקענט ווארטן אויפן ערשטן טאג, פאר די בליקן פון זיינע באקאנטע און פאר די שטאלץ וואס ער גייט שאפן פאר זיינע עלטערן.

געווען איז עס פארנאכט, אזוי ווי נחום ארבעט אין די צופרי שעות האט ער אויפגעטוישט דאס כולל פאר די ביינאכט שעות. זיצט ער מיט זיין חברותא נאכן ענדיגן לערנען און זיי פארשמועסן זיך, דער חברותא אינטערעסירט זיך אביסל אינעם נייעם ביזנעס, נחום שלעפט אראפ פון זיין פאסיק א שיינעם באצירטן שליסל און דרייט עס שטאלצערהייט מיט זיינע פינגערס "מארגן איז דער ערשטער טאג אויפצומאכן דאס פלאץ" זאגט ער מיט שטראלנדע אויגן. זיינע פינגערס גלעטן דעם שיין באצירטן שליסל, ער קען שוין קוים ווארטן

"מארגן וועל איך מיט דעם שליסל אויפמאכן דעם הויפט טויער, מאסן מענטשן וועלן קומען באטראכטן דעם פראכטפולן זילבער און צירונגען געשעפט, עס וועט זיין א גרויסער סוקסעס". ענדיגט ער צו מיט ערווארטונג.

"מיטן אייבערשטנ'ס הילף" לייגט זיין חברותא צו.

נחום עפנט אויף אים אפאר אויגן "וואס האסטו געזאגט?"

"מיטן אייבערשטנ'ס הילף" חזר'ט זיין חברותא איבער.

פאר נחום זענען שוין די ווערטער געווען אביסל פרעמד, "וויאזוי קומט עס דא אריין?" פרעגט ער "איך האב סך הכל געזאגט אז איך גיי מיט דעם שליסל אויפמאכן די טיר, ווי קומט דא אריין די הילף פונעם אייבערשטן? ווי שווער איז אויפצומאכן א טיר?"

זיין חברותא באטראכט אים מיט וואונדער "זיכער דארף מען הילף פונעם אייבערשטן, גארנישט פאסירט נישט אן דעם אייבערשטן, א מענטש קען נישט רירן זיין פינגער אן דעם וואס מען זאל אזוי אויסרופן אויבן אין הימל".

נחום לייגט צוריק די גמרא אין שאפע "איך האב נישט געוואוסט אז דו ביסט אויך פון די 'אייבערשטער' מענטשן" מורמלט ער זיך אונטער, זיי געזעגענען זיך און גייען אהיים.

נחום שטייט אויף צופרי מיט איבערראשונג, היינט וועט יעדער זען ווי געלונגען איך בין, ער ענדיגט דאווענען, גייט אריין אין זיין שיינעם קאר און פארט אפ צו זיין נייע זילבער און צירונגען געשעפט.

די גרויסע סיין שמייכלט צו אים – "נחום - זילבער און צירונגען"

ער פארקט די קאר אינעם פריוואטן פארקינג וואס איז געאייגנט פאר אים, ער נעמט ארויס דעם שליסל שטאלצערהייט און מיט טאנצעדיגע טריט גייט ער צו צום הויפט טויער, א שטילע קול אין זיין מח דערמאנט אים אין די ווערטער פון זיין חברותא אז אן דעם אייבערשטן קען מען גארנישט, ער צושמייכלט זיך, ווי שווער דארף דאך זיין אריינצושטעקן א שליסל אין לאך און עס דרייען?

ער שטעקט אריין די שליסל אינעם

לאך אבער – אופס! עס דרייט זיך נישט.

ער פראבירט רעכט'ס ער פראבירט לינק'ס, דאס שליסל דרייט זיך נישט!

נחום הייבט אן צו שוויצן, ער שלעפט ארויס דעם שליסל און פראבירט נאכאמאל, ער דרייט אהער און דרייט אהין אבער גארנישט.

נאך אפאר מינוט פון פראבירן טרעפט ער זיך מיט א האלבע שליסל אין זיין האנט ווען די צווייטע האלב שליסל ליגט פארשטעקט אינעם שליסל לאך...

יא, אזוי קוקט מען אויס ווען מען פארלאזט זיך אויף די אייגענע חכמה און מען פארגעסט פונעם אייבערשטן...

***

דער ראש ישיבה ערקלערט אז ווען א מענטש האט גאווה, ער האלט זיך פאר א 'יש', דאס אלעס קומט ווען מען פארגעסט פונעם אייבערשטן, מען פארגעסט אז אלע הצלחות, טאלאנטן, און געלד, דאס אלעס קומט נאר פונעם אייבערשטן, דאס איז נישט עפעס וואס געהערט צו אונז, דאס איז אלעס מתנות פונעם אייבערשטן

אויב אזוי ווי קען מען זיך גרויסן מיט עפעס וואס נישט איך האב באוויזן? מיט עפעס וואס געהערט אפילו נישט צו מיר?

אויף משה רבינו שטייט אין די תורה "והאיש משה עניו מאוד" משה רבינו איז געווען אן עניו, כאטש זיינע אלע מדריגות האט ער זיך קיינמאל נישט געגרויסט אויף א צווייטן, ער האט קיינמאל נישט געהאלטן פון זיך און געווען גרייט זיך אפילו צו דערנידערן צו באדינען זיין שווער יתרו.

דאס איז א צדיק, ער לעבט מיטן אייבערשטן, ער ווייסט אז אלעס קומט פונעם אייבערשטן און דערפאר האלט ער זיך נישט גרויס, ער האלט אז ער איז גארנישט, אלעס איז ביי אים אייבערשטער.

משה רבינו האט קיינמאל נישט געזאגט פאר די אידן: איך וועל ענק זאגן, אדער – אזוי האב איך געזאגט, אלץ האט ער זיי דערמאנט פונעם אייבערשטן, אויב האבן זיי געהאט א שאלה האט ער געזאגט – איך וועל פרעגן דעם אייבערשטן, און אפילו ביים אויסלערנען תורה פאר די אידן האט ער נישט גענומען קיין כבוד פאר זיך, נאר אלץ גערעדט מיטן לשון - איך וועל ענק איבערגעבן דעם אייבערשטנ'ס רייד.

אפילו ווען עס איז געקומען צו די מחלוקת פון קרח האט ער נישט געטראכט פון זיין אייגענע כבוד, ער האט נאר געטראכט פונעם אייבערשטנ'ס כבוד אז עס זאל נישט זיין קיין לשון הרע און מחלוקת.

ער איז אליינס אריבער צו דתן ואבירם און פראבירט מאכן שלום מיט זיי, ער איז דאך געווען דער פירער פון כלל ישראל, ער האט דאך געזעהן דעם אייבערשטן און גערעדט צו אים פנים אל פנים, און דאך האט ער נישט געזאגט אז עס פאסט נישט און עס איז נישט קיין כבוד, ער האט נישט געטראכט אז עס פאסט נישט א צדיק זאל זיך דערנידערן און גיין צו זיי,

א צדיק מאכט נישט אזעלכע חשבונות, ער קוקט נישט אויף זיך וואס עס פאסט יא אדער נישט פאר אים, ווייל ער ווייסט אז אלעס וואס ער האט און אלעס וואס ער איז איז, צו ברוחניות, צו בגשמיות, איז עס אלעס נאר פונעם אייבערשטן.

ער איז נישט פארנומען מיטן 'איך' ווייל ער ווייסט אז אנעם אייבערשטן קען מען גארנישט.

לאמיר זיך אויך אריינלייגן אין די ביינער די פשוטע אמונה וואס דער ראש ישיבה באקט אריין אין אונז, אז אלעס איז אייבערשטער, גארנישט פאסירט נישט אנעם אייבערשטן, אויב איז מיר געלונגען אנצוגרייטן א זייער קאמפליצירטע קעיק איז עס נישט ווייל איך בין געלונגען, נאר ווייל דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן.

אויב שלאפן די קינדער שיין וועל איך מיך נישט קלאפן אויף די פלייצע אז איך טויג, און אז איך ווייס וויאזוי צו זיין א מאמע, איך וועל זאגן 'שכח אייבערשטער! דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן, עכט קען איך גארנישט און איך ווייס גארנישט, נאר דער אייבערשטער קען און ער לייגט אריין הצלחה אין מיינע פעולות.

פון עקספיריענס: אויב פארגעס איך צו בעטן דעם אייבערשטן די חלות זאלן אויסקומען גוט פלאפט עס.

און אזוי איז מיט יעדע זאך אין לעבן, אז מען לייגט אריין דעם אייבערשטן אין יעדע זאך און מען לאזט אפ דעם 'איך' זעט מען אסאך הצלחה.

דער ראש ישיבה זאגט אז דאס איז אויך א סגולה קעגן עין הרע, אז מען זאל מיר נישט מקנא זיין מיט מיין הצלחה אדער מיט מיינע קינדער וכדומה, אויב יעדעס מאל מען רעדט וועגן די נושאים וועל איך אלץ דערמאנען אז דער אייבערשטער האט מיר געהאלפן, און – שכח אייבערשטער, באראויגט עס די קנאה פון די ארומיגע, ווייל דאס איז דאך נישט מיין קרעדיט, אלעס איז דאך פונעם אייבערשטן, איז וואס איז דען דא צו מקנא זיין?

און אזוי אויך פארקערט, ווען מיר זעען א גוטע זאך אין א צווייטן, איינמאל מיר ווייסן אז אלעס איז פונעם אייבערשטן קען מען דאך קיינעם נישט מקנא זיין.

יא, אז מען לעבט מיטן אייבערשטן האט מען א גן עדן לעבן!

א פרייליכן יו"ט.

# מעלות און מעלות

די זון, גענייגט אויף מערב, האט באלאכטן די הערליכעביימער, פארבנדיג די גאנצע הויף מיט א מיסטעריעזע גאלדענע ליכט.

"נאך אפאר מינוט און מיר גייען אריין," האט בלימי אויסגערופן. אירע קינדער האבן ארייגעכאפט צו טאנצן און גליטשן אין די אראפגעפאלענע בלעטער. "איך ווייס נישט וויפיל ווארימע טעג ס'איז נאך פארבליבן ביז עס ווערט ווינטער," האט בלימי זיך פארענטפערט צו זיך אליין וויאזוי זי האט צוגעלאזט אז ס'זאל ווערן אזוי שפעט.

"ס'איז שוין שפעט, פארוואס לייגסטו זיי נישט שלאפן?" האט זי געהערט די קול פון איר נייע שכינה, מרת וואלטער, ווי א באשטעטיגונג צו איר שולד געפילן.

בלימי האט פארשלינגען א קרעכץ. אין א בנין מיט נאר צוויי משפחות איז א גוטע שכינה זייער וויכטיג. א גאנץ זומער איז די אויבערשטע דירה געווען ליידיג, און די וואך, צוזאמען מיט די פאלנדע קאלירפולע בלעטלעך, איז אראפגעפאלן אויף איר קאפ א גאר קאלירפולע שכינה.

"איך וויל נישט צוריקענטפערן בייסיג," האט בלימי געטראכט. זי האט לייכט באגריסט איר שכינה און שנעל צוזאמגענומען איר מידע משפחה.

"בכלל, וואס מיינט עס אז איך באגריס מיין נייע שכינה און איך מאך איר פילן היימיש? איך זאג איר אז איך הייס בלימי, און זי זאגט מיר, קוקנדיג אזוי פון איר שפיץ גלעזער, אז זי הייסט מרת וואלטער," האט בלימי זיך אויסגערעדט צו איר שוועסטער אויפ'ן פאון שפעטער יענע נאכט. "זי האט נישט אן ערשטע נאמען? יא, איך ווייס אז איר עלטסטער איז שוין עלף און מיין חני איז נאר זיבן. אבער מרת וואלטער? ערנסט גערעדט."

"אפשר זאלסטו איר זאגן מארגן אז מ'רופט דיך רעבעצין גרינבלאט," האט איר שוועסטער



## לייעל אהרן כהנא

י. גאטליב

געוויצלט. "איך האב נאך א ווייטע וועג צו גיין ביז איך ווער א צדקת, אבער איך פרוביר זייער שטארק צו האלטן שלום אין בנין. איך ענטפער נישט צוריק און איך גריס איר שיין, אבער אינעווייניג שוים איך פאר כעס. אבער וואס טוט מען נישט פאר שלום?"

בלימי האט אראפגעלייגט די טעלעפאן, זיך פילנדיג גוט מיט איר נייע טיטל: א רביצין, א צדקת וואס וויל נאר שלום.

"וועמענ'ס ליידיגע פלייש באקס איז דאס?" האט מרת וואלטער איר אנטפאנגען די נעקסטע צופרי.

"איך מיין אז די מורישקעס האבן גענומען די דירה אונטער די ערד. אפשר איז עס זייערס?" האט בלימי געענטפערט אין איר מח. "איך קען אסאך בעסער פארשעמען ווי דיר," האט זי ווייטער געפירט די געשפרעך צווישן זיך און זיך, "אבער איך בין א צדקת, רביצין גרינבלאט, און איך גיי זיך נישט קריגן מיט דיר."

זי האט געכאפט די באקס, און מיט די קאפ אין די הייעך עס געלייגט ביי די מיסט, אן רעדן א ווארט. מרת וואלטער האט אויסגעזען צומישט, אבער זי האט זיך שנעל אריענטירט און ווייטער געפרעגט. "די האל איז זייער שמוציג," האט זי זיך אפגערעדט. "ווען האסטו עס לעצט געוואשן?"

"איך בין פשוט אוועקגעלאפן פון איר," האט בלימי דערציילט פאר איר מאן איבער א געשמאקע נאכטמאל יענע אוונט. "זי קוקט מיר אן ווי אזא אומבאלאבאסטע."

"איך מיין אז זי וויל נאר..." האט איר מאן פרובירט צו בארואיגן.

"וואס זאל איך איר זאגן? אז איך האב געוואשן דאנערשטאג צופרי, און יענע נאכמיטאג איז אנגעקומען אירע חברה און געמאכט א חורבן און א שמוץ מיט זייערע ראסטיגע שיך? אפשר האט זי..."

"ס'איז גוט," האט בלימי געווייטאגט, נישט לאזנדיג איר מאן קומען צום ווארט. איך וועל מארגן וואשן די האל, און אפילו אירע סטעפס ארויף, און איך וועל זיי אזוי מאכן גלאנצן אז זי וועט מיר מער נישט קענען אפשטעמפלען ווי אן אומבאפארעטע אידענע.

"די נייע שכנה איז זייער סענסיטיוו," האט מרת וואלטער זיך אויסגערעדט צו איר מאן. "וואס איך זאג ווערט זי באליידיגט. איך האב איר געפרעגט וויאזוי מ'זאל איינטיילן די וואשן די האל, און זי האט עס אנגענומען זייער פערזענליך, און יעצט וואשט זי אפילו אונזער טרעפ. און ווען איך האב איר געזאגט אז איך קען עס טון, איז זי ווידער געווארן באליידיגט. עפעס איז געגאנגען זויער פון די ערשטע מאל וואס מיר האבן זיך באגעגנט. איך וועל דארפן זען וואס איך קען טון."

האק, האק, האק. בלימי האט אוועקגעפאקט די קינדער וועש אין די איבערגעפילטע שאפלס.

שכח אייבערשטער ס'איז דא קינדער און ס'איז דא וועש. ס'איז נאכאמאל די צייט אין יאר, און זי הערט שוין די ערשטע האמער האקן פון די געשיקטע שכנים וואס בויען שוין די סוכה.

דער פירהאנג איז געווען פארמאכט, בלויז אריינלאזנדיג די ליכטיגקייט פון די זון. אבער זי האט געדענקט פון לעצטע יאר אז די אייניקלעך פון לעבאוויטש, פון די נעקסטע הויז, קומען יעדע יאר העלפן בויען זייער זיידע'ס סוכה. און געווענליך איז עס די ערשטע סוכה אויף די גאס, וואס דערמאנט אלע שכנים אז סוכות איז שוין אט-דא, און ס'איז צייט אראפצונעמען די ברעטעלעך.

פלוצלינג איז די שטוב געווארן טונקל. "די זון מאכט אזוי לעכטיג, איך האב אפילו נישט געכאפט אז די לעקטער איז פארלאשן," האט בלימי געטראכט צו זיך. זי האט געעפנט די לעקטער און צוגעגאנגען צום פענסטער צו פארמאכן די פירהאנג אינגאנצן.

וואס גייט דא פאר? ס'איז איר געווארן שווארץ פאר די אויגן אין פולן זין פון ווארט, די הויפן צוזאמגעלייגטע העמדער איז אנידערגעפאלן פון אירע הענט. דער הימל איז געווען קלאר. און קיין איין וואלקן האט נישט באדעקט די זון. זי האט זיך געטראפן פנים אל פנים מיט א וואנט פון וואלטער'ס סוכה.

"האסט איר געזאגט אז מיר מאכן די סוכה יעדע יאר דא?" האט איר מאן געפרעגט, פרובירנדיג זיך צו האלטן רואיג אין די רוישיגע שטורעם.

"ס'איז י"ד אלול, איך האב נאך נישט אנגעהויבן צו פאקן פאר אומאן. ווער טראכט שוין פון סוכות?" האט בלימי פראטעסטירט. "און זי האט כמעט פארשטעלט אונזער הינטערשטע טיר. יעצט וועלן מיר זיך דארפן דורכקוועטשן איר סוכה צו קענען אנקומען צו די קליינע סוכה-קאך וואס מיר האבן אויפגעשטעלט אין די צימער גלייך ביים ארויסגאנג. זי וואלט געדארפט מאכן די סוכה אויף די גראז דערנעבן, אזוי ווי ניימאן האט געטון אלע יארן."

"מיט שכנים קריגט מען זיך נישט," האט בלימי'ס מאן געזאגט. "איך וועל בעטן דעם אייבערשטן אז ביז נעקסטע יאר זאלן מיר האבן א מהלך וויאזוי עס צו מסדר זיין מיט שלום."

און וואלטער'ס סוכה האט פארשטעלט איר פענסטער ווי א חודש-לאנגע ליקוי חמה. יעדע מאל זי האט צוזאמגעלייגט וועש אין די טונקעלע שטוב האט זי געשימפט, און יעדע מאל זי האט געטראפן איר שכנה האט זי געשמייכלט און געקלעבט נאך א סטיקער אויף איר אומזעבארע רודף שלום טשארט.

"די דעזערטס לכבוד די אושפיזין פון אברהם, יצחק, יעקב און משה זענען שוין געמאכט," האט בלימי דערציילט פאר איר שוועסטער רייזי.

"פלייש פאר יום טוב האסטו אויך?" האט איר קלוגע שוועסטער געפרעגט.

"זארג זיך נישט, איך האב א מסודר'דיגע שוועסטער וואס האט שוין פיר סארט פליישן, זופן און קוגלען גרייט אין איר פריזער, און אין א נויטפאל וועל איך נעמען פון איר. וואס מאכסטו פאר אהרן הכהן'ס אושפיזין?"

"איך וויל מאכן חושן קוכן, מיט א קליינע שאקאלאד אין די פלאץ פון יעדע שטיין." רייזי האט שוין געדארפט אראפלייגן, און בלימי איז געבליבן פארטיפט אין די ארבעט פון באקן און דעקארירן די קוכן. סוכות איז אזא הערליכע יום טוב, די סוכה...

בלימי האט פארשלונגען א זיפץ, טראכטנדיג פון איר סוכה פארשטופט אויף די גראז. אוהב שלום ורודף שלום, האט זי זיך אליין אפלאדירט, ממש ווי אהרן הכהן.

א שטילע קול וואס ווערט העכער און העכער לעצטנס, האט זיך ממש צעשריגן אין איר. האב איך טאקע אזוי ליב שלום? אדער עס פאסט מיר פשוט נישט זיך צו קריגן מיט איר, און איך האלט זיך נאך גרויס מיט דעם וואס איך איגנאריר איר? אפשר דארף איך נאכלויפן שלום, זיין מער אפן מיט איר, אנשטאט איר ווייזן א שמייכל בפנים און זיך אויפעסן פאר כעס פון אינעווייניג?

אפשר, האט בלימי ענדליך דערהערט איר מאנ'ס קול, איז זי גאר באליידיגט פון מיר?

זי האט זיך אפגעוואשן פון טייג און ארויס...

אפשר איז זי גאר באליידיגט פון מיר? באשעפער, איך וויל נאר שלום. ווייז מיר די ריכטיגע וועג וויאזוי צו קענען לעבן בשלום מיט איר. איך וויל זיך נישט קריגן, נישט אפענערהייט, און אויך נישט אין מיין הארץ. באשעפער, העלף מיר, איך זאל זיין א ריכטיגע אוהב שלום ורודף שלום.

בלימי האט זיך אפגעוואשן פון טייג און ארויסגעגאנגען פון די הינטערשטע טיר. זי האט זיך דורכגעשטופט... וואלד צו סוכה, און געקלאפט אויף די טיר.

בלימי האט אויסגעוועלט די שענסטע קוכן און זיי געלייגט אויף א טעלער, און זי איז ארויס פון די אונטערשטע טיר. זי האט זיך דורכגעשטופט צווישן די וואנט פון די הויז און וואלד צו סוכה, און זי האט געקלאפט אויף זייער טיר.

ווען מרת וואלטער האט איר געזען, האט זי אראפגעלאזט די עפל וואס זי האט געהאלטן אינמיטן אויפהענגען. "יא?" האט זי געפרעגט.

"איך האב דיר נאר געוואלט זאגן אז איך האב א קאך גלייך ביי די טיר, ספעציעל פאר סוכות. מיר קענען עס נוצן צוזאמען צו סערווירן."

"יישר כח, בלימי," האט מרת וואלטער זיך באדאנקט פאר די אומגעראכטענע איינלאדענונג. "איך האב דיר טאקע געוואלט פרעגן וויאזוי איך דארף זיך צושלעפן מיט מיין אלע עסן פון אויבן ביז דא אונטן," האט מרת וואלטער ווייטער גערעדט.

בלימי האט זיך צוגעהערט מיט נייע אויערן, אויערן וואס זוכן באמת שלום. "זי האט אן אנדערע וועג פון רעדן," האט בלימי געטראכט צו זיך, "אנדערש איז נישט שלעכט. זי רעדט אפן, און זי זאגט אלעס וואס זי טראכט, אבער זי מיינט נישט קיין שלעכטס."

בלימי האט אויסגעשטרעקט איר האנט צו געבן די טאץ קוכן. "דו האסט עס אליין געמאכט? ס'איז עכט שיין!"

"איך מאך נישט אזעלכע פענסי זאכן," האט מרת וואלטער געזאגט, "אבער יעדער האט זיך זיינע מעלות."

בלימי האט געהאט א האלבע סעקונדע צו אפמאכן אויב זי וויל ווערן באליידיגט אדער עס גאר אננעמען אלס א קאמפלימענט. זי האט אויסדערוועלט דעם דרך השלום. "מעלות און מעלות," האט זי געענטפערט.

די לופט אין די סוכה האט זיך אויסגעקלארט, אוןביידע פרויען האבן געשפירט ווי זיי האבן אריבערגעמישט א נייע בלאט.

"איך האב שוין א לאנגע צייט געזוכט א פאסיגע מינוט דיר צו זאגן," האט מרת וואלטער געזאגט. בלימי האט איינגעהאלטן איר אטעם, בשעת איר שכנה האט גערעדט מיט איר געווענליכע אפנקייט. "רוף מיך נישט מרת וואלטער. איך הייס ניסי, ניסי וואלטער."

# מיין אעסיס



די ערשטע זאך וואס האט געכאפט יוטי'ס אויג איז געווען די קעקטוס-פלאנטס אין ווינקל פונעם ווינדאוי סיל. עס איז פאר איר געווען א דארן אין אויג, א שטאך פון וואס זי האט אזוי געוואלט אנטלויפן, פארגעסן און איבערלאזן – און דאס איז איר גלייך אקעגנגעקומען.

זי זעצט זיך אוועק אויפן באקוועמען סעידזש-גרינעם סאפע, אבער זי האט געשפירט ווי זי זעצט זיך אויף א בענקל פון נאדלען.

"העלאו!" רינט ארויס פון ערגעצווי א צוקערדיגע שטימע.

יוטי כאפט זיך אז זי האט אפילו נישט באמערקט איר טעראפיסט.

זי הייבט אויף אירע אויגן זיך צו באגעגענען און באגריסן מיט שושאנא, LCSW.

אלע האבן איר אויסגערימט, אלע האבן איר צוגעזאגט אז זי איז דער שליסל פאר איר געהיילטע צוקונפט.

יוטי בייגט זיך פאראויס און באמערקט נאך עטליכע זאכן אין דער ספעציעלע דיזיינטע שטוב. זי זעט ווי פון שושאנא'ס האלדז הענגט א געשלענגעלטע קייטל געזעצט מיט פערל און גרינע בלעטעלעך. עס האט איר אנגעהויבן רייבן אויפן לינקע זייט.

וואס איז מיט שושאנא? פונקט די קאלירן האט זי געדארפט וועלן? אלעס כדי צוריק ארויפברענגען מיינע שווערסטע מאמענטן?

יוטי קוקט אוועק; זי קוקט ארויף אויפן דאך און האפט צו טרעפן א באקוועמען ארט אנצוהייבן די סעסיע.

שושאנא געבט א קליינעם היס אוןווארט אויף

## ליעול יוסף צדיקא

ג. פרקטר

יוטי'ס אויפמערקזאמקייט. יוטי געבט א שאקל מיטן קאפ, ווי צו ווייזן אז זי איז גרייט אנצופאנגען, און שושאנא שפרינגט אריין.

"סאו, זאג מיר יוטי, וואס ליגט דיר אויפן הארצן? דא איז א זיכערע ארט. אלעס וואס מיר וועלן רעדן אין דעם צימער בלייבט צווישן פיר אויגן און פיר ווענט, עס וועט קיינמאל ווערן מיטגעטיילט מיט א צווייטן. ווען דו שפירסט זיך באקוועם, קענסטו אנהייבן."

יוטי'ס בליק איז נאך אלץ אויפן דאך – א בייזש-זאמדיגער דאך.

'וואס איז מיט שושאנא?- איז די איינציגסטע מחשבה וואס קומט איר אונטער- פארוואס האט זי געדארפט אויסוועלן דייקא דעם דיזיין פאר איר אפיס? איך קען נישט טרעפן קיין איין באקוועמען פלאץ זיך צו עפענען. די גאנצע אפיס שטעכט; אלעס ברענגט מיר ארויף מיינע זכרונות פון יענע תקופה.'

יוטי באשליסט אנצוהייבן טאקע מיט דעם וואס דריקט און שטעכט איר דאס מערסטע אין דעם מאמענט.

"איין טאג," הייבט זי אן מיט שטילע געמאסטענע ווערטער, "קום איך אהיים נאך שולע. אין מיין שטוב זע איך דריי רענצלעך איבערגעפילט מיט מיינע זאכן. די שאפעס, די לעדלעך, און אלעס אין דער הויז איז געווען אויסגעליידיגט פון מיינע פערזענליכע חפצים: מיינע קליידער, מיינע שיך, מיינע ביכער, און וואס נישט?

עס האט נישט געדויערט צו לאנג, און מיין עלטסטע שוועסטער האט דורכגעוואקט מיין שטוב –די שטוב וואס טאטי האט אזוי שיין דעקארירט ספעציעל פאר מיר; מיין אייגענע שטוב, מיט הערליכע מעבל, בעט-געוואנט, א שטייגער וואס אלע האבן גע'חלומ'ט דערפון, אבער נאר איך האב עס טאקע באקומען- און זי רופט זיך אן אונטערן נאז: "אה! ענדליך קומט דער טאג וואס יוטי וועט געוואויר ווערן ווער זי איז."

איך האב נישט געקענט מאכן קיין קאפ-און-פיס פון וואס זי האט זיך אונטערגעמורמלט. איך לויף ארויס, אבער פארשטייט זיך מיין טאטע איז נישט געווען אינדערהיים אינמיטן טאג. מיין שטיף-מאמע האט זיך באשעפטיגט אין קאך און מיר ניטאמאל געגעבן א בליק.

עטלעכע מינוט דערויף איז געקומען א קלאפ אויף דער טיר. אן אומבאקאנטן פנים האט דארט געווארט. מיין צווייטע און דריטע שוועסטער זענען פלוצלינג אויפגעשפרונגען פון א זייטיגן צימער און מיר אנגעהויבן באזינגען: "ביי ביי יוטי, מיר וועלן זיך נישט בענקען!" איך האב באמת נישט פארשטאנען וואס דא גייט פאר.

זיי האבן געהאלפן שלעפן מיינע רענצלעך פון מיין שטוב און עס איבערגעגעבן פארן אומבאקאנטן ביים טיר.

מיט קורצע, קאלטע ווערטער איז איינע פון מיינע שטיף-שוועסטער צוגעקומען און מיר מסביר געווען אז עס וועט מער נישט ארבעטן אז איך זאל וואוינען מיט זייער משפחה אין מיין טאטנ'ס הויז.

הערסט, שושאנא?

מיין טאטע, מיין הויז, מיין שטוב; און דא קומט א שטיף-משפחה, שטיף-שוועסטערס, און זייווארפן מיר ארויס אינמיטן טאג! עפעס א מעשה האבן זיי געזאגט וועגן א בעסערער עתיד, א בעסערע צוקונפט, אין א סביבה וואס וועט מיר מאכן פילן מער באקוועם.

איך האב עס אבער נישט אפגעקויפט.

דאך האבן זיי מיר שיין ארויסבאגלייט, מיט צינישע שמייכלען. זיי שיקן מיר, ווייזט אויס, וואוינען מיט א ווייטע קרובה אין א צווייטע ווייטע ווייטע שטאט. דארט האב איך געדארפט זיין אן אפהעלפערין אין הויז.

ס'איז געווען א שווערע רייזע. ס'איז נישט אז די קאר האט עפעס געפעלט דווקא; ס'איז גראדע געווען א געשמאקע קאר מיט באקוועמע זיצן, פיינע לופט האט אריינגעבלאזן פון די ווענט וואו מיר זענען דורכגעפארן טעג נאכאנאנד, אינדרויסן פון שטאט. מיר זענען אזוי געפארן דורך ווארימע, טריקענע, זאמדיגע און זיניגע שטיקער לאנד. איך האב באמערקט אויפן וועג קעקטוס וואקסן, א שלאנג וואס וויגלט זיך שנעל ארויס פון אונטער א זאמדיגע ראוד, טיפע בערג, טאלן און גרובער...

אזוי האט מען מיך אריינגעזעצט אין דעם קאר, פארן די ווייטע וועג ביז צום אנדערע זייט לאנד, פארשיקט צו א קרובה, פשוט פאר קנאה. מיינע שטיף-שוועסטער האבן מיר אלעמאל מקנא געווען.

ס'איז דאך פארשטענדליך אז מיין טאטע האט זיך אפגעגעבן מיט מיר מער ווי מיט זיי – איך בין דאך געווען זיין קינד פון זיין ערשטע ווייב.

אזוי רייזנדיג די לאנגע, איינזאמע, דערשראקענע, וועג זענען מיר אריינגעקומען זכרונות פון מיין יוגנט.

"דאס וועט זיין גענוג פאר די וואך," האקט שושאנא איבער.

איך האב זיך אויפגעכאפט ווי פון א טיפן שלאף- און ווידער גלייך באמערקט די קעקטוס-פלאנטס אויפן ווינדאוי סיל אונטער שושאנא'ס רוקן.

אוי, איך האב זיך אזוי פארטאן אין מיין פיין; איך האב ממש פארגעסן אז איך זיץ דא פאר שושאנא.

"קומענדיגע וואך, יוטי, וועלן מיר אריינגיין אין די פרשה פארוואס זיי האבן דיר אזוי מקנא געווען. אקעי?

יעצט, א קארטל צו באצאלן פאר די וואך?"

מיין האנט האט געשפירט געביסן ביי

א שלאנג; איך האב עס נישט געקענט רירן. איך בין געווען אזוי טיף פארטין אין מיין מעשה, אבער שושאנא'ס זיסע שטימע האט אנגעהויבן זיך הערן וויניגער זיס, און מער פעפערדיג.

"דיין צייט איז פארביי, יוטי; יעצט דארפסטו זיך אויפשטעלן און אנגיין אין לעבן. געדענק דיינע געפילן, געדענק וויאזוי דו שפירסט, און נעקסטע וואך וועלן מיר ווייטער רעדן פון וואו מיר לאזן יעצט אפ."

מיין האנט ציט ארויס ראבאטיש דאס קארטל און געבט עס איבער. מיינע אויגן קוקן צו ווי זי סווייפט עס אפ, און דאן פאלט עס צוריק אריין אין מיין נאך-אויסגעשטערקטער ווי-געביסענער האנט.

די גאנצע וואך האב איך געפילט ווי מען האט געעפענט אין מיר א קאנסערווע פון ווארימס. קוים וואס איך האב געעפנט דעם פעסט-פארמאכטן דעקל און אנגעהויבן צוריקצוגיין צו יענע דארנ'דיגע, ווייטאגליכער צייט, און נאך איידער איך בין צום ווארט געקומען, האט מיר שושאנא ארויסגעווארפן פון איר שטעכעדיגע צימער.

איך האב זיך געראנגלט מיט מיינע אפענע, רויע, פארוואונדעטע זכרונות א גאנצע וואך.

דינסטאג, עלף אזייגער, האט נישט געקענט קומען גענוג שנעל.

*

איך ווענד מיינע פיסטריט צו שושאנא'ס באפוצטן אפיס, דאסמאל שוין וויסנדיג וואס איך וועל דארט טרעפן.

שושאנא קומט מיר נעמען פון ווארט-צימער. צו מיין מזל האט זי ווידער אן דאס געשלענגעלטע קייטל. איר שטימע רינט ווידער האניג, "יוטי?", מיט א קליינעם שאקל מיטן קאפ ברענגט זי מיר אריין אין איר צימער.

"לאמיר ווייטער גיין," הייבט שושאנא אן מיט איר זיסע שטימע וואס האט מיר באלד געמאכט ערגער שפירן.

"דו האסט גערעדט וועגן דיין שטיף-שוועסטער'ס קנאה. אפשר ווילסטו אביסל מער אריינגיין דערין? ווען האט זיך עס אנגעהויבן, און פארצייל מיר וויאזוי עס האט זיך אויסגעשפילט."

די פאר ווערטער האבן מיר אריינגעווארפן אין א טיפן לאך.

איך האב געשפירט ווי זי באגראבט מיר לעבעדיגערהייט; איך האב זיך דערמאנט אין דער לויה פון מיין מוטער. עס איז געווען א שווערע, טונקעלע צייט.

יעצט אז איך טראכט דערוועגן, קען איך זיך פארשטעלן ווי איך זע מיין מאמע'ס ווארימע אויגן קוקן אויף מיר מיט ליבשאפט און שטאלץ. זי האט אלעמאל געהאלטן פון מיר, מיין מאמע, טראכט איך יעצט. כאטש עס איז נישט געווען קיין צייט פאר אונז זיך צו גוט צו באקענען, אדער פאר איר מיר צו האדעווען און אויפציען ווי זי האט אזוי גע'חלומ'ט...

"עס מוז זיין איך בין געווען א קליין קינד, גאר קליין, ווען זי איז נפטר געווארן," האב איך ארויסגעשטאמעלט.

שושאנא קוקט מיר אן און עפנט אירע אויגן ברייט: "זאג מיר מער דערוועגן."

יוטי פארמאכט אירע אויגן.

"איך געדענק נישט פונקטליך וואס די מעשה איז געווען, אבער ערגעץ זענען מיר געווען אונטערוועגנס, און ווען מיר זענען אנגעקומען אהיים, איז מיין מאמע שוין נישט געווען מיט אונז. איך בין געבליבן א קליין יתומה'לע. מיין טאטע האט געוואקסט אויף מיר און מיין בעיבי-ברודער ווי דאס שווארץ אפל פון אויג.

עס איז געווען שווערע צייטן. אבער דאן איז געקומען די שטיף-מאמע מיט אירע קינדער, און די משפחה האט זיך עטוואס געשטעלט אויפן פוס. מען האט געוואוינט אין איין הויז ווי איין משפחה, אבער די שפאלט איז געווען שטארק. עס איז נישט געווען ארויסגערעדט, אבער עס איז געווען א שטארקער צווישענשייד צווישן מיינע שטיף-שוועסטער און אונז. אפילו יונגערהייט האב איך עס געקענט שפירן.

איך פלעג עס צומאל אויסשמועסן מיט מיין טאטן, אבער עס איז געווען שווער פאר אים; ער האט געהאט נאך א גאנצע משפחה וואס ער האט זיך געדארפט אפגעבן מיט, א ווייב און קינדער, אויסער מיך, זיין פארוויינטע יתומה'לע, יוטי.

ווען ער האט נאר געקענט, האט ער מיר געקויפט שפילצייג און קליידער, פרובירנדיג מיך פרייליך צו מאכן, אבער עס האט געטון פונקט פארקערט. מיינע שטיף-שוועסטער האבן דאס באמערקט און מיר זייער מקנא געווען דערוועגן.

זיי וואלטן אויך געוואלט באקומען די אלע טייערע מתנות. איך וואלט אבער ענדערש געוואלט האבן מיין אייגענע מאמע- און זיי געבן אלע מתנות- וואס קען קיינמאל אנפילן דאס לאך אין א הארץ, וואס ווערט צעריסן ביים פארלירן א מאמע יונגערהייט און אויפוואקסן אין א שטוב מיט א שטיף-פאמיליע.

מיין טאטע האט דאס אבער נישט געזען. ער האט מיך ווייטער געצערטלט און פרובירט פרייליך צו מאכן. ביינאכט ווען ער איז אהיימגעקומען, האבן אלע אנגעשטעלט א שיינע שפיל ווי מיר לעבן צוזאמען בשלום ווי איין גרויסע, ליבליכע משפחה. אבער דורכן טאג, בשעת ער איז נישט געווען אינדערהיים, האבן זיי מיר אלעמאל געזידלט און געזוכט אונטערצושטעלן פיסעלעך מיר צו זען ארויס פון דארט.

דינג, דינג, דינג...

אה, טאטי קומט שוין ענדליך אהיים, טראכט איך צו זיך.

דינג, דינג, דינג...

יעצט וועל איך אים פארציילן ווי די שוועסטערס האבן מיר היינט נישט געלאזט מיטשפילן מיט זיי.

דינג, דינג, דינג...

וואס איז די גערודער?

איך זע נישט קיין טיר, איך זע נישט טאטן.

אקעגן מיר זיצט שושאנא מיט איר שמייכל וואס רינט פאלשקייט, און קלאפט מיט איר פעדער אויפן טישל.

"יוטי, עס האט געמוזט פילן זייער ווייטאגליך צו שפירן אזוי אויסגעשלאסן און נישט אנגענומען ביי דיינע שטיף-געשוויסטער," זאגט זי.

"מיר וועלן דארפן ווייטער אריינגיין אין דיין inner child און רעדן וועגן דיינע געפילן, אבער..." זי נעמט די פעדער וואס קלאפט קעגן דעם טישל מיט אן אייזערנעם, בלעכענעם דינג-דינג-דינג, און זי ווייזט עס צום זייגער אויף דער לינקער וואנט, "אונזער צייט איז שוין פארביי, יוטי. קומענדיגע וואך, די זעלבע צייט, די זעלבע טאג, וועלן מיר דאס אויסשמועסן. יא, יוטי?"

איך האב שוין געוואוסט וואס איך האב צו טון. איידער עס כאפט זיך אריין אייז אין איר שטימע, נעם איך ראבאטיש ארויס מיין קארטל פון מיין טאשקע, איך לייג עס אויפן טיש בשעת מיינע אויגן ליגן נאך אויפן זייגער: 11:45.

וואו זענען די פינף און פערציג מינוט געלאפן? איך האב קוים געעפנט דאס גרוב'ל אין וואס איך בין אריינגעפאלן אין יענער טונקעלער צייט, ווען מיינע שטיף-שוועסטער האבן מיר אזוי געפייניגט. ווען איך האב זיך געפילט אזוי עלנד, אזוי אליין, ווי איך וואלט שוין געווען באגראבן זעקס פיס אונטער דער ערד... און יעצט- ווארפט זי מיר ארויס?!

איך האב דאך נאך נישט אנגעהויבן זאגן ווי מיין לעבן האט זיך געפילט ערגער ווי טויט. ווי איך האב געהאפט ענדערש טאקע צו זיין באגראבן אין א לאך נעבן מיין מאמע'ס מצבה. אבער דאס לעבן האט מיר דאס אויך נישט פארגינט. נאר איך האב געמוזט אויפשטיין יעדן טאג, ארויפלייגן א שמייכל, און אנגיין ווי עס וואלט גארנישט געווען.

איך האב נאכנישט אנגעהויבן רעדן פון די פיין וואס האט מיר באגלייט טאג און נאכט; איך האב נאכנישט אנגעהויבן רעדן ווי איך האב זיך ניטאמאל געקענט אויסוויינען צו מיין טאטן, ווי איך האב געליטן פון מיין שטיף-געשוויסטער, און יעצט?

דינג-דינג-דינג, שושאנא ווארפט מיר שוין ארויס.

*

שושאנא'ס צימער איז שוין געווען באקאנט פאר מיר.

איך האב זיך ניטאמאל אומגעקוקט פארן זיך אריינזעצן אינעם סאפע- כאטש איך האב שוין מער נישט געשפירט די דארנשטאך ביים זיך אנלייענען. שושאנא'ס זיסע שטימע האט מיר ווידער נישט געגרידזשעט.

איך בין צוריק אריינגעשפרונגען אין מיין עבר, צו די צייט ווען איך האב זיך געטראפן אין א וויסטן פרעמדע הויז.

"זיי, די שטוף-משפחה, האבן מיר געוואלט איינרעדן אז דאס איז א קרובה פון מיין מאמע'ס זייט, אבער איך האב בעסער געוואוסט- מען האט מיר פשוט ארויסגעווארפן פון מיין אייגענע היים.

איך האב פרובירט רופן מיין טאטן צענדליגע מאל דורכאויס די ערשטע פאר טעג און וואכן, אבער זיין נומער איז געווארן אפגעשטעלט. וויפיל מאל איך האב פרובירט צו רופן, האב איך באקומען די זעלבע מעסעדזש:

"I'm sorry, your call cannot be completed as dialed. Please check the number and call again later, goodbye"

דער טעלעפאן האט זיך אפגעהאקט.

די הויז פון מיין קוזינע, וואס זיי האבן מיר איינגערעדט, האט זיך אויסגעלאזט צו זיין א טייערע פאלאץ, א פריוואטע עסטעיט, וואס האט געזוכט א מיידל צו רוימען די צימערן.

פונעם ערשטן טאג האט מען מיר געגעבן דעם בעזעם, די מאפ, שמאטעס און זייף, און מיר געשטעלט צו דער ארבעט- רייניגן צימערן.

איך האב נישט געהאט קיין צוויי ברירות. ס'נישט געווען ווי אדער צו וואו צו אנטלויפן. א היימישע מיידל האט נישט וואס צו זוכן אין די פרייע גאסן אינעם פארווארפענעם אפרי שטאט. ביי דער ארבעט האב איך כאטש באקומען א בעט צו שלאפן, און איך האב זיך פרובירט מסדר צו זיין מיט עסן נאר פירות און ירקות, אדער זאכן וואס איך האב געוואוסט אויף זיכער אז עס איז כשר.

איך האב זיך געהאלטן צו זיך, און פרובירט זיך נישט צו באפריינדן מיט די אנדערע דינסטן וואס האבן געטון די זעלבע ארבעט ווי מיר. איך האב נישט געוואלט ווערן ווי זיי; איך האב פרובירט זיך האלטן שטארק מיט אלעס אין וואס איך גלייב.

דארט איז געווען א ספעציעל שלעכטער בעל הבית. ער פלעגט קומען יעדן טאג קוקן וויאזוי די מיידלעך ארבעטן. ער האט געהאט א באזונדערן

פארגעניגן מיר אנצושרייען און בעטן איבערצוטאן די ארבעט. איך פלעג עס אראפשלינגען און איבערטאן, גלייבנדיג אז אלעס קומט פון דעם אייבערשטן.

אבער דאן האט ער געטוישט טאקטיק.

ער פלעגט מיר קומען ברענגען ספעציעלע מאכלים און געטראנקען, וויין און טשאקאלאד. איך האב זיך מער דערשראקן פון דער פלוצלינגדיגער ברייטהארציגקייט: וואס וויל ער פון מיר? זאל ער גיין צו די אנדערע דינסטן וואס וועלן דאס אננעמען מיט פרייד, עסן און זיך מחיה זיין דערמיט! איך בין נישט אינטערעסירט געווען- נישט אין זיין האניג און נישט אין זיין ביס- אבער ער האט יא געוויזן עפעס א ספעציעלע ווייכקייט צו מיר, און פרובירט אלע וועגן מיר ארייננצושלעפן אין א שמועס.

ער האט פרובירט מיר צו געבן איין טאג אין דער וואך וואס איך דארף נישט ארבעטן, און מיר פארגעשלאגן מיר זאלן ארויסגיין פארברענגען צוזאמען.

איך האב זיך געהאלטן שטארק און ניטאמאל געענטפערט. טאג נאך טאג איז ער מיר נאכגעגאנגען בשעת מיין ארבעט פון רייניגן די צימערן.

שטילערהייט האב איך זיך געבעטן ביים אייבערשטן מיר ארויס צו נעמען פון דא, איך זאל שפירן אז ער איז מיט מיר שטענדיג, און איך זאל זיך קענען האלטן פעסט קעגן דעם קליפה.

איין טאג, ביים ענדיגן רייניגן א צימער, וואקט ער אריין מיט צוויי גלעזלעך אנגעפילט מיט וויין און אייז וואס שפריצט נאך באבלס פון די שאמפעין געז.

"דא, יוטי," שטרעקט ער אויס א גלאז, א גרויסע שמייכל אויסגעשפרייט אויפן פנים.

פארשטייט זיך, איך האב עס נישט געוואלט איבערנעמען.

דאן נעמט ער ארויס פון טאש א געדרייטע, קאלירפולע זאך, און קוועטשט. די גאנצע שטוב האט עקספלאדירט מיט קאלירפולע קאנפעטי.

"קאנגרעטס!" שרייט ער אויס מיט נאך א גרעסערן שמייכל פון פריער, און שטרעקט אויס א האנט וואס בליטשקעט.

אין זיין האנט האט ער געהאלטן א דיימאנט-רינג. א דיימאנט די סייז פון אן איילבירט! דער גלאנץ דערפון האט באלאכטן די שטוב מיט אבנארמאלע קאלירן שפריצעס, און עס האט מיר בלינד געמאכט אויפן מאמענט, און דאן איז די גאנצע שטוב פינסטער געווארן!!

"באשעפער אין הימל! האב איך ארויסגעמורמעלט "וויאזוי דריי איך זיך ארויס פון דעם צרה?" איך האב פרובירט פאלשן א שמייכל, וואקן נענטער צום טיר, וואו ער איז געשטאנען.

איך האב אזוי זיך געוואלט זען אויף דער אנדערער זייט!

פארשטייט זיך אבער, ער האט שוין געוואוסט אז איך וועל נישט גיין דערפאר, און האט פארשטעלט דעם טיר. פליצלינג איז דער רינגל געפאלן צו דער ערד, און ער האט זיך געבויגן עס צו הייבן. איך האב אים געגעבן אזא שטופ אין די זייט, געעפנט די טיר, און אנגעהויבן לויפן פאר מיין לעבן! מיט קולי קולות בין איך אנטלאפן פון דעם פאלאץ און ארויסגעלאפן אין די גאס.

איך בין נישט אנגעקומען צו ווייט.

ער איז דאך אן אנגעזעענער עושר און בעל הבית פון פול פראפערטי אינעם געגנט, יא? ער האט וויפיל סעקיוריטי-גארדס דו ווילסט איבערן עסטעיט.

מען האט מיר נאכגעיאגט און שנעל געכאפט, אריינגעזעצט אין א סעקיורד קאר, און געפירט צו אן איזאלירטן צימער.

וואס האט נאכגעפאלגט? איר קענט זיך אליינס פארשטעלן.

וויפיל איך זאל זיך נאר ווילן ארויסדרייען, פארענטפערן, אדער מסביר זיין די רשעות וואס ער האט מיר יעדן טאג דורך געלייגט, מיר נאכגעגאנגען, געפייניגט און גערייצט, האט נישט געהאלפן; ווייל ביים אריינקומען אינעם איזאלירטן צימער האט נאך געבליטשקעט אויף מיר די שטיקלעך פון קאנפעטי-גליטער מיט וואס ער האט מיר באשפריצט.

פארשטייט זיך, דער בעל הבית האט פארקויפט א פארקערטע מעשה- אז איך בין אים נאכגעלויפן.

שושאנא האקט מיר איבער מיט א געשטיקטע היס.

איך האב שוין אליין פארשטאנען אז די צייט איז פארביי.

איך האב אויך פארשטאנען אז נישט שושאנא וועט זיין דער וואס קען מיר העלפן, כאטש זי טראגט א געביגעלטן בלעזער, איינגעקריצט מיט גרויסע אותיות LSCW. דאך, וויאזוי קען זי מיר העלפן? זי איז דאך נאר פלייש און ביין.

איך האב דאן געשפירט מיט אן אמת אז איך האב נאר דעם אייבערשטן.

איך האב זיך אויפגעשטעלט און ארויסגעוואקט פון שושאנא'ס צימער.

מיין גאנצע זאק טראומע האב איך דארט איבערגעלאזט פאר איר. זאל זי נעמען יעדע שטיקל פון מיין עבר, עס צופיצלען, צוקייען, אראפשלינגען, אויסשפייען, ווידער צוקייען, און דאן אויסברעכן. זאל זי זיך אריינטאן אין דעם ענין צי עס איז יא גערעכט וואס מען האט געטאן צו מיר, צי עס איז נישט גערעכט וואס מען האט געטאן צו מיר, צי איך דארף אפהאקן מיט מיין משפחה, אדער ווען איך דארף בלעמען, און ווי לאנג איך וועל יעצט דארפן בלייבן א וויקטים און גיין אויף טעראפי צו מאכן שפאט פון מענטשהייט און אויסצוגיסן הונדערטער טויזנטער דאלארן.

איך האב אלעס איבערגעלאזט אין שושאנא'ס צימער, וואו איך האב פריער אריינגעוואקט, האפענדיג צו טרעפן אן "אואזיס", א פלאץ צו בארואיגן מיין רוח און נשמה.

ביים ארויסוואקן האט מיר אנגעכאפט א שטארקייט, א פרישקייט.

איך האב געטאן א געוואגטע זאך. א זאך וואס איז נישט ערלויבט אין די וועלט פון "טעראפי", פון "קרבנות", און פון "פיין"- איך האב געשמייכלט!

איך האב געשמייכלט צו די אלע זיצענדיגע מענטשן איןווארט-צימער וואס האבן זיך שוין אנגעזאמעלט, ווייל היינט איז שושאנא געווען צו פארטין אין מיין מעשה. זי האט אליין נישט באמערקט ווי דער זייגער האט זיך פאראויסגערוקט, און עס האבן זיך אנגעזאמלט עטלעכע קליענטן נאך מיר, וואס האבן אויך געוואלט אויסגיסן זייער קאנסערוווע פון ווארימס אין שושאנא'ס קרעציגע צימער.

היינט אבער, האב איך שוין געוואוסט אז זי קען מיר נישט העלפן, און קיינער קען מיר נישט העלפן.

איך האב נישט מורא געהאט צו שמייכלען צו די ווארטענדיגע אינדרויסן. איך האב זיי געזאגט: "שטארקט איך אין אייער מצב און גלויבט אז דער אייבערשטער טוט אלעס מיט א פונקטליכן חשבון, מיט א פונקטליכן פלאן."

איך האב שוין געוואוסט אז נאר מיט שמועסן מיטן אייבערשטן שטענדיג און זיך שטארקן מיט שמחה קען מען ארויסגיין פון יעדע פראבלעם. איך האב שוין געוואוסט אז דורך בעטן דעם אייבערשטן, שטענדיג געדענקען פונעם אייבערשטן, האבן שם שמים שגור בפיו, קומט מען אן צו געוועלטיגן – איבער אלעמען; נישט נאר איבער מענטשן, נאר אויך איבער טראומע, פיין, געפילן און ווייטאגן.

מען קען אפילו צוקומען מוחל צו זיין די וואס האבן דיר געטשעפעט, און צוקומען צו ווערן אן אמת'ער העלד; געוועלטיגן איבער די געפילן וואס ווילן דיר באגראבן א גאנץ לעבן צו בלייבן זיצן אין דיין גרוב.

אבער מיט שמחה, תפילה און אמונה קען מען ארויסגיין דערפון.

אנגיין אין לעבן.

דורכטראגן אלע שוועריגקייטן - ווערן משנה למלך.

*

**יוטי** האט זיך אביסל פארטוישט.

עס דארף ווען זיין **יוסי** - א **ס** אין די פלאץ פון די **ט**.

אני יוסף. אחיכם.

איך בין יוסף. מיין טייערע שוועסטערס.

העוד אבי חי - אונזער טאטע ווארט נאך אויף אונז.

שמע ישראל - דער אייבערשטער הערט אויס יעדעס ווארט וואס א איד רעדט צו אים, און אזוי ווערט מען פארייניגט מיטן טאטן און הימל אויף אייביג!

# דוד המלך מיטן פידעלע



## ליעול דוד מלכא משיחא

ל. ווזבערמאן

דוד המלך, אן איידעלע סטרונע...

א ריינע, א דינע...

פונעם פאסטוך'ס פידעלע...

זינג איך די לידעלע...

איך וויל פארציילן שטילע...

די סודות פילע...

אנגעהויבן האט זיך עס אינעם גרויסן פעלד צווישן סטאדעס שעפעלעך, ווייסע שעפעלעך כמעט אן א סוף, דרייען זיך ארום און עסן זיך רואיג פון די פרישע גרינע גראזן.

איך זיץ מיר מיט נעימות אין די איידעלע הענט פונעם פאסטוך וואס זינגט צום אייבערשטן. די נאנטשאפט און בענקשאפט צום אייבערשטן קען זיך דערקענען דורך די תנועות'לעך וואס דער פאסטוך פארשאפט דורך מיר ציען אהער און אהין.

איך שפיר זיך גאנץ גוט צו באקומען די פריוואטע אויפמערקזאמקייט פונעם פאסטוך, וואס דער פאסטוך אליין אינטערעסירט אויך נישט צופיל פון דעם ארום וואס מ'האלט פון אים. אויב זיין בכבוד'יגע משפחה האט אים פארשיקט צו היטן אויף די שעפעלעך, וועט ער זיך דא מחיה זיין און פון דא אויסנוצן די צייט זיך צו צוקלעבן צום אייבערשטן.

פארציילט ווייטער די סטרונע; איך האב מיטגעהאלטן די זאלבונג די שטילע, ווען דער אייבערשטנ'ס רצון איז געקומען דורך שמואל הנביא, איז פון די פארשטופטע דוד הפאסטוך געווארן דוד המלך.

שטילערהייט, אן קיין פרסום, ביי א סעודה פון ישי מיט זיין משפחה האט שמואל הנביא אויסגעפירט דעם אייבערשטנ'ס באפעל, אבער אפילו איך סטרונע, האב נישט געקענט גלייבן וואס קומט דא פאר. פון די אנדערע זיבן אנגעזעענע געבויטע זין פון ישי, איז נישט געווען קיינער אויסדערוועלט צו ווערן, אויסער די קליינע פארשטיפטע דוד וואס מ'האט געדארפט ספעציעל גיין רופן אויפ'ן באפעל פון שמואל הנביא.

איך ווייס דאך יא פון די נאנט אז דוד איז דאך פול מיט הארץ און געטריישאפט, ער האט אין זיך א באהאלטענע ג-טליכקייט און הכנעה.

איך האב זיך מיט גרויס כבוד צוגעקוקט ווי שמואל הנביא נעמט אביסל פונעם אויל און שמירט עס ארויף אויף די שטערן פון דוד, צווישן די אויגן, אין די פארעם פון א קרוין, און דעם איבריגן אויל האט ער אים געגאסן איבער זיין קאפ. די מחזה איז געווען גאר רירנד און אזוי אומגערישט, אבער א קליינע עולם האט דאס מיטגעהאלטן, פונקט ווי דוד'ס איידעלע נאטור.

נאכדעם האט מען זיך געזעצט עסן די סעודה, בשעת איך זיץ אין די זייט, נישט ווייסנדיג אויב מיין בעל הבית וועט נאכאמאל האבן פריוואטע צייט מיט מיר.

אבער איין זאך קען איך אייך פארציילן, אז זייט די דערהויבענע מינוטן פון זאלבונג איז פארגעקומען א גרויסע טויש אין מיין בעל הבית. עס שפירט זיך א שטארקע רוח פון נבואה און כח הגבורה, אבער ס'איז נישט ווי איך האב מורא געהאט אז איך וועל בלייבן אין א זייט פארשעמט, נאר פונקט פארקערט, איך האב אנגעהויבן שפילן א גרויסע ראלע אין די הענט פונעם קעניג.

ג-טליכע ניגונים פון שירה און לויב צום אייבערשטן איז פארפאסט געווארן דורך מיר. הערליכע קאפיטלעך פון תהלים איז ארויסגעקומען פונעם קעניג'ס פארקלעמטע הארץ, וואס איז אלץ צוריקגעגאנגען צום אייבערשטן, נישט קיין חילוק וויפיל צער און יסורים ער האט געהאט אויסצושטיין פון מענטשן.

עס איז מיר געווען א גרויסע טויש זיך צו טרעפן אינעם גרויסן, רייכן פאלאץ פון שאול המלך. איך בין געווען צוגעוואוינט צו די ווייטע, גרויסע, שטילע פעלדער. דא פלוצלינג טרעף איך זיך צווישן אסאך שרים און באדינער, אבער דוד בלייבט די זעלבע. ווי עס איז דעם אייבערשטנ'ס ווילן, דארט וועט ער זיין און דינען דעם אייבערשטן אויף אזא וועג.

דערווייל זיצט נאך שאול אויפ'ן טראון, ווען אלע ארומיגע ווייסן בכלל נישט פון דעם אז דוד איז געזאלבט געווארן אנשטאט שאול.

אין די זעלבע צייט וואס דוד האט באקומען די גייסט פון גבורה און נבואה נאכ'ן אים זאלבן, האט שאול פארלוירן דעם רוחניות'דיגן גייסט וואס א קעניג באקומט פונעם אייבערשטן.

דער אויסטערלישער חלל וואס איז געבליבן מיט דער אפוועזנהייט פונעם ביז יעצטיגן רוחניות'דיגן שפע, האט פאראורזאכט א שטארקע געפאלנקייט אין שאול'ס געמיט. קיינער האט נישט געקענט אויפלעבן דעם קעניג. פארדעם בין איך, דינע סטרונע, דא היינט אינאיינעם מיט דוד און זיין פידעלע.

דוד איז גערופן געווארן צום קעניג שאול, אפשר וועט ער מצליח זיין צו אויפהייבן שאול המלך פון זיין נידריגן מצב מיט זיין מורא'דיגע חוש און פארשטאנד צו נגינה, ווי עס פאסט פאר אזא מלכות.

דוד מיט זיין חכמה ווייסט פונקט וואו און ווען מיר צו ציען, עס זאל ארויסקומען די קונצליכע קלאנגען, אזוי אז ער האט טאקע מצליח געווען צו ארויסנעמען שאול פון זיין שווערן מצב.

פון דארט און ווייטער איז מיין וואוינונג געבליבן אין פאלאץ אינאיינעם מיט דוד, אזוי אז ווען שאול המלך ווערט נאכאמאל איבערגענומען פון דעם שרעקליכן גייסט, זאל דוד זיין גרייט אויפ'ן פלאץ צו אויפהייבן דעם קעניג. אבער ווען דוד האט נאר געהאט איבריגע צייט, איז ער אהיימגעגאנגען צו זיין טאטע העלפן מיט די שעפעלעך, און ווידער איז מיין דזשאב געווען אויפ'ן פעלד וואו דוד האט געקענט זינגען צום אייבערשטן אומגעשטערט, בשעת וואס ער קען נוצן זיין רחמנות געפילן זיך צו אומגיין מיט די שעפעלעך.

וואס נעמט מיר איבער איז צו זען ווי דוד, וואס האט שוין גאנץ אסאך כבוד, פארגעסט נישט פון כיבוד אב ואם און העלפט זיין טאטע וואס דארף זיין הילף.

אבער ווען שאול'ס גרויסע מיליטער איז געשטאנען פאר גלית, האבן זיי ווייטער געדארפט אנקומען צום באהאלטענעם דוד. וואס איז אנטלאפן פון פרסום. נאכדעם וואס גלית איז געקומען אינעם טאל פאר פערציג טעג אין א צי, מיט זיין פייערדיגע דרשה צו דערנידערן די אידן און רחמנא ליצלן פארשוועכן דעם אייבערשטנ'ס נאמען, האט זיי באפאלן א שרעק: ווער וועט זיך קענען קעגנשטעלן דעם ריזיגן מענטש וואס די פלשתים האבן געשיקט צו מלחמה האלטן?

פון זיין אויסזען אליין האט זיך אנגעהויבן ווארפן הענט און פיס. די באוואפנטע, באפאנצערטע ריז איז געווען באשיצט פון קאפ ביז פיס מיט די בעסטע שוץ מיטלען. נאר די חלק צווישן זיינע אויגן איז געווען אפן. זיין פאנצער האט אסאך געוואויגן, דאס אליין צו שלעפן האט מען געדארפט זיין א גיבור.

אבער איך, די איידעלע סטרונע... די ריינע, די דינע... איז געבליבן אויפ'ן פידעלע ווארטן ביים טאטנ'ס הויז מיט שפאנונג און שרעק. דערווייל וואס דוד איז געגאנגען בשליחות זיין טאטע צו טראגן נאך עסן צום פראנט פאר זיינע דריי עלטערע ברידער. אבער איין זאך ווייס איך, אז אויב גייט איבער נאך אן איבערלעבעניש, וועט דוד אלץ צוריקקומען צו מיר מיט א פרישע ניגון און מיט מער חידושים וויאזוי צו דאנקען דעם אייבערשטן.

מיין שרעק איז נישט געווען אומזיסט. מיין האר דוד האט דארט געטראפן די גרויסע שטארקע אידישע מיליטער אין גרויס פאניק. אפילו די שטערקסטע גענעראלן און באוואפנטע מיליטער לייט האבן מורא געהאט זיך צו קעגנשטעלן דעם פלשתי גלית.

אבער דער האר דוד האט אן אנדערע סארט שטארקייט, וואס איז נישט פון פיזישע גבורה אדער געווער. אויב איז רצון השם זיך צו קעגנשטעלן, איז ער גרייט. ער האט דעם אייבערשטן מיט זיך.

מיט פינף קליינע שטיינדעלעך אין די הענט, גייט ער צו און געבט א ווארף דעם שטיין צו די שטערן פון גלית, און גלית איז אן אויסגעשטרעקטער אויף דער ערד, און דאן געגעבן א כאפ די שווערד און אראפ מיטן

קאפ. די פלשתים זענען אנטלאפן אין בהלה פון גרויס שרעק.

איך, די סטרונע... די איידעלע... די דינע... קען אייך מיטטיילן אז די כבוד פונעם נצחון האט ער קיינמאל גענומען פאר זיך.

אפילו מ'האט אים אריינגעפירט אינעם קעניגליכן פאלאץ מיטן פלישתי'ס קאפ אין די האנט, דער שרעקליכער גיבור איז געווען אין זיין נצחון, אבער די ענווה איז אויף קיין האר גערירט געווארן.

פון דא און ווייטער זענען די נצחונות געווען איינס נאכן צווייטן, אבער אלעמאל איז ער צוריקגעקומען צו מיר, סטרונע. ער האט געשפילט צום אייבערשטן א נייע לידעלע. ס'איז אלעס א דאנק פאר דעם פון אויבן. די גאנצע כבוד און שעצונג וואס די אידישע פאלק האט אים באזינגען און געלויבט, האט ער געגעבן פארן אייבערשטן. זיין אויסטערלישע הצלחה האט אים נאר מער אונטערטעניגט פאר זיין באשעפער.

דאס פידעלע ליגט אין א שטובעלע, און איך, סטרונעלע, איך שטיי אויסגעצויגן אויף מיין ריכטיגע ארט, אבער איך שפיר זיך פארקלעמט צו צוקוקן ווי מיין טייערע האר דוד קומט אין פאלאץ פון שאול המלך. עסווארפט אויף מיר א פחד צו שפירן אין די לופט די שנאה פון שאול המלך, וואס הייבט זיך אן אנטוויקלען קעגן דעם איידעלע, הכנעה'דיגע דוד.

כאטש שאול המלך איז געווען א הייליגע, טייערע קעניג, איז די שנאה געקומען נאר וועגן די רוח רעה וואס האט אים ארומגענומען און האט זיך נישט געקענט ארויסזען פון דעם.

עס איז געווען אין א טאג וואס איך זינג די לידעלע וואס דוד שפילט אויף מיר, כדי צו אויפהייטערן די קעניג שאול פון זיין רוח רעה וואס איז אים באפאלן, ווען פלוצלינג איז די פייל פון שאול געקומען צו פליען, און מיט ניסי ניסים האט דער אייבערשטער געראטעוועט.

אבער ווען דאס האט פאסירט צום צווייטן מאל, האט דוד פארשטאנען אז ער איז אין געפאר, און עס האט זיך אנגעהויבן שווערע צייטן פון אנטלויפן. מיין שרעק איז געווען אז אפשר יעצט וועט איבערנעמען די געפאלנקייט אין דוד, און איך מיט מיינע דאנק ניגונים פאר'ן אייבערשטן וועלן ווערן באזייטיגט. אבער ניין! צו מיין איבערראשונג בין איך דוקא געווארן דער הויפט ראלע. נאך יעדע איבערגאנג און נאך יעדע אנטלויף אקציע איז ארויסגעקומען נאך א קאפיטל תהלים מיט א געבעט דער אייבערשטער זאל אים ראטעווען, און מיט א שטארקע אמונה אז דער אייבערשטער טוט נאר גוט.

וואס זאל איך אייך זאגן? די שרעקליכע רדיפות איינס נאכ'ן צווייטן האט אויסגעזען ווי כמעט אן א סוף. ס'איז צו שווער צו פארציילן, עס איז געווען מצבים ווי עס האט זיך געקענט דאכטן אז דער אייבערשטער האט אים חס ושלום פארלאזט.

אבער איין סוד קען איך אייך איבערגעבן: יעדן טאג קען מען נאכאמאל אנטלויפן צום אייבערשטן. אפילו איך האב נעכטן מיטגעהאלטן, ווי דוד געבט זיך אינגאנצן איבער פאר'ן אייבערשטן, קען ער מארגן מיט א פרישקייט אנטלויפן פון די פחד און שרעק, און אריינלויפן אינעם אייבערשטנ'ס שויס. נישטא קיין קשיות, נאר זיך דערהאלטן.

וועמען דער אייבערשטער האט ליב, פרובירט ער פון אלע זייטן, כדי צו פארשטערקערן און ארויסברענגען די ליבשאפט פונעם איד, און כדי אים צו געבן מער שכר.

יארן פון אנטלויפן אין שרעק זענען אריבער אויף מיר, איידעלע סטרונע, די ריינע, די דינע... ווען איין טאג קומט אן די נייעס פון די טראגישע מפלה וואס איז אריבער ביי די מלחמה פון שאול המלך מיט די פלשתים. א מלחמה וואו די אידן האבן ליידער פארלוירן די קאמף, ווען שאול המלך'ס מיליטער האט אנגעהויבן זיך צו לויפן פון גרויס שרעק.

דאס איז געווען אן אויסער-ארנטליכע געשעעניש, ווייל געווענליך ביי מלחמות וואו די אידן פלעגן איינגעמען שטעט, האבן זיי געשפירט א גרויסע הצלחה אז דער אייבערשטער קריגט זייער קריג. אבער דא איז געווען א גזירה פון הימל, אז דאס נידערגעשלאגענע געמיט האט פאר זיך אליין געווירקט קעגן די אידן, וועמען די פלשתים האבן אנגעהויבן הרג'ענען אין די מאסן.

די פלשתים האבן דאן געצילט צו אומברענגען שאול'ס דריי קינדער וואס זענען געווען אין מיליטער. נאכדעם האבן זיי זיך גענומען צו די ביינער פון שאול המלך, און שאול המלך האט דעמאלטס געהאט זיין טראגישע אומקום דער אייבערשטער זאל אונז אפהיטן.

פון מיין ווינקעלע קוק איך, סטרונע'לע, ווי אזוי דוד נעמט אויף די ביטערע בשורה. עס זענען געווען ארומיגע וואס האבן זיך פארגעשטעלט אז דוד וועט זיך גאר שטארק פרייען צו הערן אז זיין נאכיאגער איז מער נישט דא, און ער איז פריי.

אבער איך קען שוין מיין האר גוט, פאר אים איז די בשורה זייער שווער צו הערן, ווייל ער ווייסט אז שאול המלך איז א צדיק און א באליבטע פערזאן ביים אייבערשטן. דאס וואס ער האט געדארפט ליידן פון שאול האט ער אלעמאל אנגענומען מיט ווייטאג, אבער ליבשאפט און אמונה, און נישט מיט שנאה אדער פיינטשאפט.

ווי נאר דוד האט געהערט די שרעקליכע בשורה, האט ער אינאיינעם מיט זיינע מענטשן זיך צעריסן די קליידער און אויסגעבראכן אין א ביטערע געוויין.

אינאיינעם האבן זיי ביז'ן אוונט געפאסט און געקלאגט אויף די טראגישע פטירה פון שאול המלך און זיין זון יונתן, דער ידיד נפש פון דוד המלך, ווי אויך אויף דעם גרויסן חילול השם וואס איז ארויסגעקומען דורך דעם שרעקליכן פארלוסט פון כלל ישראל, וואס איז דערצו געקומען מיט'ן פרייז פון אזויפיל אידישע קרבנות.

נאך די תקופה פון שאול המלך איז געקומען נייע צייטן, ווי דוד המלך'ס מלוכה האט אנגעהויבן שיינען, עס האט זיך געשפירט גאנץ דערהויבן צו זיין אן

אויסגעלייזטע סטרונע וואס קען ליגן רואיג אויף זיין פידעלע און נישט דארפן צוקוקן מער די צער און אנטלויפונגען.

נאך וואס דוד המלך האט איינגענומען די פעלקער וואס זענען געווען באזעצט אין ירושלים, האט ער דארט געבויט זיין פאלאץ, און דאס פידעלע האט באקומען גאר א בכבוד'יגע ארט. אבער אויך דאן האט דוד המלך נישט פארגעסן אז די גאנצע הצלחה און כבוד איז נאר כדי צו דערהייבן דעם אייבערשטנ'ס כבוד און קענען זיין א געטרייער גוטער פירער פאר די אידישע קינדערלעך.

***

עס וואלט זיך געוואלט הערן אז פון דא און ווייטער איז דוד המלך שוין געקומען צו מנוחה, און ער האט געקענט רואיג זיצן אין זיין פאלאץ און אפאטעמען.

פון איין זייט האט דער אייבערשטער אים באצאלט מיט פיל גוטס, אבער פון די אנדערע זייט איז נאך געווען גענוג זאכן וואס איז אויף אים אריבערגעאנגען, און ער האט זיך יעדע מאל נאכאמאל דערהאלטן. אזוי ווי די נבואה וואס דער אייבערשטער האט געשיקט דורך נתן הנביא. דו ווילסט זיין דער וואס זאל בויען א הויז וואו מיין שכינה זאל רוען? ניין! דו וועסט דאס דאזיגע הויז נישט אויפשטעלן, עס איז נישט דיין תפקיד, און עס איז אויך נישט געקומען די צייט דערפאר.

דוד המלך האט אזוי שטארק געוואלט און געבענקט צו זיין דער וואס בויט אויף דעם בית המקדש, אבער דער אייבערשטער וויל אז שלמה המלך זאל עס בויען. איז אזוי, נישטא קיין קשיות.

אויך האט דוד המלך נאך אסאך געהאט צו טון מיט די שונאים און געווען פארוויקלט מיט די מלחמות. אבער פון די אנדערע זייט האט דער אייבערשטער געלאזט וויסן אין די נבואה אז דער אייבערשטער וועט אים אלעמאל באגלייטן, און ער וועט מצליח זיין אין די אלע מלחמות. און די נבואה האט אים גלייכצייטיג אויך פארזיכערט אז ער וועט אויפהייבן דעם כבוד פון אידן, און ער אליין וועט דערגיין צום שפיץ פון כבוד מיט זיין נאמען געערט און געשעצט. ווי אויך וועט די מלוכה שוין בלייבן ביי זיינע קינדער און דורות, זיין זון וועט אויפבויען דעם בית המקדש, וואס דאן וועט זיין גאר גוט פאר אידן.

מיט זיין גרויס עניוות האט ער אויסגערופן צום אייבערשטן, "האסט מיר פארזיכערט מער ווי איך וואלט אמאל אפילו געקענט בעטן, אלע מיינע געברויכן האסטו מיר געגעבן אן דעם וואס איך זאל אפילו פארלאנגען."

דאס אז זיין קינד וועט באקומען די זכיה צו בויען דאס בית המקדש, האט ער אנגעקוקט ווי א מתנת חינם, און נישט געהאט קיין מינוט קיין טענות פארוואס ער קען עס נישט בויען.

נישט קיין חילוק ווי סאך כבוד מען האט אפגעגעבן פאר דוד המלך, איז דער צוגאנג געווען אז דער אייבערשטער איז אזויפיל העכער פון אונזערע השגות. וואס איז שייך צו פרובירן צו פארשטיין הימלישע חשבונות?

אבער וואס קענען מיר זיך פארגלייכן צו דוד המלך? מיר זענען פשוט'ע מענטשן וואס ווערן צעבראכן פון זאכן וואס גייען איבער. אבער דוד המלך'ס עצה ארבעט אפילו איין טאג אויפאמאל.

היינט קען איך זיך אפשר אויפהייבן, אפשר קען איך טרעפן איין גוטע זאך צו דאנקען. נאך א טאג וואס די בעיבי האט נישט אויפגעהערט צו וויינען, און איך האב נאך גארנישט אנגעגרייט פאר סוכות, און ערב סוכות איז דא, און איך פאל אריין אין דעם יום טוב מיט די נשמה אין די הענט.

אפשר קען איך ארויסקוועטשן עפעס א קליינע לידעלע? כאטשיג איין זאך וואס איך קען דאנקען אויף דעם. אפילו איך האב שוין יא באקומען הילף פון מיין מאן אדער קינדער, איז אלעס נישט אזוי פונקטליך ווי איך וואלט געוואלט.

די ווייסע טישטוך אין די סוכה איז געלייגט פארקערט, די סחורה אויפ'ן וואנט שטייט שיף, די געפאטשקעטע ארטס און קרעפטס פון די קינדער האט מען אויפגעהאנגען אין די סוכה אזוי פונקט אינמיטן די גרויסע וואנט, און די זילבערנע לייכטער שטייט אין די סוכה אויפ'ן טיש אזוי האלב שווארץ און האלב גאלד.

אבער ווער זאגט אז זאכן דארפן זיין פונקט ווי איך האב געוואלט? אפשר האט דער אייבערשטער געזען אז אזוי איז בעסער.

דער רצון צו צושטעלן א הערליכע יום טוב פאר די גאנצע משפחה דארף זיין, אזוי ווי דוד המלך האט אלעמאל געזוכט צו טון גוטס, טון וואס דער אייבערשטער וויל, אבער וואס ארבעט זיך אויס און וואס נישט, איז שוין נישט אין מיינע הענט. שטארק זיך נאר און ווער נישט צופאלן, אפילו מ'פילט אמאל אז פיזיש האט מען נישט די כח, אבער...

אן איידעלע סטרינע...

א ריינע א דינע...

פון די מאמע'ס הארץ...

ס'איז זיס און גאנץ...

זינג דיך א לידעלע...

דו האסט כוחות פילע...

פרייליך ווערט די משפחה...

און עס קומט אריין די ברכה...

# קינדער היים

## טאנץ און שפרינג אריין אין די סוכה

סוכות שפיל

## דער בעל בטחון
## מאדנע גזירה







מיר ווינטשן אלע חשובע קינדער א פרייליכן יום טוב סוכות

# היימיש

א מעשה'לע פונדערהיים פארן קינדערהיים

ג. פעקעטע

## נאטורן אינעם נאטור

„א גוטן מועד!” רופט אויס פעטער יואלי.

דער קאר גיט א קליינע פייף, און די יונגלעך לויפן ארויס. ס'איז גאר א פריילעכער טאג.

אלע קינדער האבן שוין זייער לאנג ארויסגעקוקט אויף דעם אויסגעפלאנטן חול המועד האלטן.

די קינדער האבן אלע געהאט א שטיקל טשארט צו פארדינען דעם אויספלוג, ספעציעל אז מ'פארט אינאיינעם מיט פעטער יואלי.

ער וועט קלאר און דייטליך מסביר זיין וואס מ'וועט זען אינעם ספארי; ערקלערן די נאטור פון די חיות, די וועג וויאזוי זיי לעבן אין משפחות און גרופעס, און וויאזוי זיי פאנגען זייער רויב זיך צו זעטיגן - אלעס ארום די נאטור און דעם לעבנסשטייגער פון יעדן אייגנארטיגן בעל חי וואס מ'וועט מיטהאלטן און זען פון דער נאנט בשעת'ן ספארי טור.

תפילת הדרך, א פעני אין פושקע, און מ'לאזט זיך ארויס אויפ'ן וועג.

נאך צוויי און א האלב שעה קומט מען אן צום מעכטיגן ספארי. פארשטייט זיך, עס זענען געווען נאך אסאך אידן וואס האבן אויך אויסגעוועלט דעם דאזיגן ספארי צו פארברענגען דעם טאג אינעם אייבערשטנ'ס בריאה און נאטור, און מ'האט זיך שיין געוואונטשן א גוטן מועד.

די קינדער האבן גוט געוואוסט זיך אויפצופירן שיין און איידל מיט דרך ארץ און מאכן א קידוש השם. נישט נאר פאר די גוים, נאר אויך פאר די אידן וואס האבן קלאר געקענט זען די בלויע ציצית ארויסהענגען אונטער די ווייסע העמדער. מ'קען מאכן הפצה מיט א קידוש השם.

וואס איז א ספארי?

דער מענטש ווערט איינגעשפארט, און די חיות בלייבן פריי צו שפאצירן, לויפן, פאנגען און שפילן אין די פעלדער און וועלדער. מען זעצט זיך אריין אין א ספעציעלן געפאנצערטן טרעקל צו עקספלארן די חיות אויפ'ן לויז, און יעדער הייבט אן קוקן מיט די קוקערס, ווילנדיג זיין דער ערשטער צו באמערקן א בעל חי.

דער טרעקל הייבט אן פארן.

פעטער יואלי הייבט אן דעם טור מיט'ן מסביר זיין וועלכע סארט העביטעט דא איז. „אין מזרח,” פארציילט פעטער יואלי, „איז דא דער קעניג פון אלע חיות; אוודאי, ווער ווייסט ווער דאס איז?” און אלע האבן אויסגערופן: „דער לייב!”

דער לייב איז באקאנט אלס דער קעניג פון אלע חיות. פעטער יואלי איז אבער



ווייטער מסביר, אז אין די מערב לענדער האט מען אנגענומען דעם טיגער אלס קעניג.

"ס'איז אינטערעסאנט אנצומערקן," לייגט ער צו, "אז אויפ'ן שטערן פון א טיגער זענען אויסגעקריצט געוויסע שורות און שטריכן וואס פארמירן דעם סימבאל פון א קעניג אין דער כינעזער שפראך.

די כינעזער זענען אין דער מערב זייט, און דערפאר האט מען ביי זיי אנגענומען דעם טיגער אלס קעניג פון אלע חיות; דער אייבערשטער מיט זיינע וואונדערליכע נפלאות הבורא לאזט אנזען די שטריכן אויפ'ן שטערן פונעם טיגער."

די קינדער זיצן מיט אפענע מיילער. מיט געשפיצטע אויגן קוקן זיי אינעם קוקער: אפשר דאך וועט מען שוין קענען זען דעם קעניג? אבער וועלכן קעניג וועט מען היינט זען?

מען פארט נאך אביסל, און פעטער יואלי גייט ווייטער. "וואס איז דער חילוק צווישן א לייב און א טיגער, אויב ביידע ווערן גערעכנט אלס קעניג?

א לייב האט א קרוין ארום זיין פנים, וואס גיט אים א גאר מלכות'דיגן אויסקוק און ווייזט אויף זיין סטאטוס אלס קעניג. אלע ציטערן פשוט ביים זען דעם לייב!

א לייב איז באקאנט פאר זיין שטארקייט. א לייב וואקט שטענדיג פאראויס און קוקט נישט צוריק; ער האט פאר קיינעם מורא. זיין געשריי קען זיך הערן מיילן ווייט. א דרוק פון זיין פוס קען צודרוקן די שטערקסטע ביין אפילו פון דעם גרעסטן בעל חי. אזוי קען ער זיי באזיגן.

ווען דער לייב וויל פאנגען א צווייטן בעל חי, האט ער א גאנצן שטאב ארום זיך וואס ער שטעלט אויס אויף א געוויסן אופן אינעם פרייען פעלד. אפגעשמועסטערהייט גיט ער ארויס דעם קעניגליכן באפעל, און אלע אויף איינמאל טוען א שפרינג צו כאפן דעם בעל חי וואס מ'האט יעצט באשלאסן, און אזוי פאנגט ער עסן פאר זיין משפחה."

"קוק דארט, קוק קוק, טאטי קוק!"

אלע דרייען זיך צו זען וואו שמואלי ווייזט מיט'ן פינגער. "דארט, דארט, נאך ווייטער, נאך ווייטער."

דער טרעקל דרייט זיך אין דער ריכטונג וואו שמואלי ווייזט אן, און אלע הייבן די קוקערס. צוביסלעך זעען זיי ווי עס קומט צו גיין א גרויסער פיר-פיסיגער בעל חי. פון דער ווייטנס איז טאקע געווען שווער צו באמערקן וועלכער בעל חי דאס איז, אבער בשעת'ן האלטן דעם קוקער צוגעדריקט צו די אויגן, זעען זיי אן אינטערעסאנטע זאך: דער גרויסער בעל חי, וואס קומט צוקריכן אויף אלע פיר, גיט א שפרינג!

דער בעל חי איז נעלם געווארן; מען קען אים מער נישט זען.

וויפיל מען האט פרובירט צו קוקן מיט די קוקערס, האט מען מער נישט געזען דעם בעל חי פאר די אויגן. מען האט געדרייט דעם קוקער כדי צו קענען זען נאך נענטער א ווייטערע זאך, אבער עס האט גארנישט געהאלפן.

פעטער יואלי צולאכט זיך אויפ'ן קול און ערקלערט ווייטער: "צומאל זעט א מאמע לייב אויס פונקט ווי א מאמע טיגער, און מען קען זיך טאקע צומישן. אבער א טיגער איז אנדערש ווי א לייב. א טיגער ווארט נישט אויף א גרופע צו פאנגען א בעל חי; נאר גלייך ווען זי באמערקט סיי וואס זי קען פאנגען פאר א נארהאפטיגן מאלצייט, גיט זי א שפרינג.

# היימיש

זי קען שפרינגען אזוי שנעל און ווייט ווי צוויי הונדערט מייל א שעה! דאס איז אן אויסערגעוועונליכע שנעלקייט, און דאס איז טאקע די שטארקייט פונעם טיגער.

דער טיגער ווארט נישט אויף הילף פון א גאנצער גרופע, נאר ער וועט מיט זיין אייגענער שטארקייט אליין אויפשפרינגען און כאפן דאס וואס ער וויל.

צומאל געלונגט אים עס יא, אבער היפש אסאך מאל געלונגט אים נישט צו כאפן דעם צווייטן בעל חי. ער איז נישט דער גרעסטער בעל חי - עס זענען דאך דא בעלי חיים וואס זענען גרעסער פון אים - אבער די שטארקייט און דרייסטקייט וואס א טיגער פארמאגט, האלט אים נישט אפ פון פרובירן.



ווען עס מאכט זיך נאר אז ער באמערקט עפעס וואס קען זיין פאר אים א מאלצייט, וועט ער פרובירן אהינצושפרינגען און כאפן יענעם בעל חי פאר א סעודה, אן קיין שום חשבונות.

מוז טאקע זיין," לאזט פעטער יואלי אויס, "אז דאס וואס מיר האבן געזען איז געווען א טיגער. ווייל מיט אזא שפרינג איז עס נעלם געווארן. דאס איז דאך די אייגנארטיגקייט פון א טיגער: ער שפרינגט אזוי שנעל און אזוי ווייט, אז מיר קענען אים מער נישט זען."

דער טרעקל פארט ווייטער... די קינדער ווילן שוין זען חיות פון דער נאנט. זיי האבן מער נישט קיין כח צו האלטן די קוקערס געשפיצט אויף די אויגן צו זען צי מ'קען זיך איינרעדן אז עפעס פון דער ווייטנס איז א בעל חי.

דער דרייווער האט פארשטאנען אן עסק און זיך געדרייט אויף לינקס.

דא זענען די ביימער געווען מער-ווייניגער אויסגעהאקט, און עס האט זיך אנטפלעקט א שיינער טייך פאר זיי. די קינדער קוקן ארויף מיט נייגער. דער הימל איז שיין בלוי מיט אסאך שווארצע פינטעלעך. פעטער יואלי ערקלערט זיי וואס זיי זעען דא.

"דא, קינדער," זאגט ער, "פליען אסאך פייגלער. ווארט צוויי מינוט, און איר וועט זען גאר אן אינטערעסאנטע זאך."

דער טרעקל שטעלט זיך גענצליך אפ, און אלע קוקן צום וואסער וואס שפיגלט אפ דעם שיינעם בלויען הימל, וואס איז געפינטעלט מיט שווארץ.

פלוצלינג, פונקט ווי פעטער יואלי האט אנגעזאגט, זעען זיי ווי א "מיסיל" פליט אראפ פון הימל גלייך אריין אין טייך. ווי אינטערעסאנט איז אבער געווען צו באמערקן, אז ווען עס קומט אן צום טייך איז עס בכלל נישט קיין מיסיל; עס האט א דמות און אן אויסזען פון א הערליך שיינעם אדלער מיט א געלן שנאבל.

זיי האבן געהאט בלויז א סעקונדע צו באמערקן אז דאס איז אן אדלער, ווייל דער אדלער האט געכאפט א פיש אין זיין מויל און זיך תיכף צוריק אויפגעהויבן, און ביז א סעקונדע איז ער שוין צוריק געווען אין די הויכע הימלען.

ארויפקוקנדיג צום הימל האבן זיי שוין פארשטאנען אז די שווארצע פינטעלעך זענען פילע פייגלער, און עס זענען אויך דא אדלערס צווישן זיי. דער גאנצער "דייוו" פונעם אדלער אריין אין וואסער און צוריק ארויס האט גענומען ממש סעקונדעס.

פעטער יואלי האט זיי מסביר געווען וויאזוי דאס קען זיין: "דער אייבערשטער האט באשאפן דעם אדלער מיט אן אויסערגעוויינליכע שנעלקייט און פלינקייט. ער איז דער קעניג פון די

פייגלער, און געוועגליך פליט ער העכער אלע אנדערע פייגלער. אן אדלער האלט זיינע קינדער העכער זיך ביים פליען, ווייל ער האט נישט מורא אז א צווייטער פויגל וועט קומען פון העכער אים און אוועקכאפן זיין קינד – פונקט אזוי ווי דער אייבערשטער פירט די אידישע קינדער 'על כנפי נשרים'. אנדערע פייגלעך אבער האלטן זייערע קינדער מיט די פיס אונטער זיך ביים פליען, ווייל זיי האבן מורא אז דער אדלער וואס פליט העכער זיי וועט אראפכאפן זייערע קינדער.

וויאזוי שפייזט ער זיך? דער אייבערשטער האט איינגעלייגט אינעם אדלער א ספעציעלע פלינקייט און לייכטקייט, אז ער קען אין בלויז סעקונדעס אראפדייוון ביז טיף אין וואסער, כאפן עפעס וואס ער זעט דארט, און גלייך צוריק ארויפפליען אין די הימלען אן קיין שום שטער.

בשעת'ן דייוון בייגט ער איין זיין גאנצן גוף, ביז עס ווערט א צורה פון אן איבערגעדרייטע טראפ. דעם שנאבל בייגט ער אויף אראפ, די פיסעלעך בייגט ער איין פון אונטן, און די צוויי פליגלען קנייטש ער איין אויף א ספעציעלן אופן און האלט זיי טייט.

ווען ער מאכט אזא פארעם, קען ער נאך שנעלער אראפפליען פונעם הימל און כאפן וואס זיינע אויגן האבן געזען פון אויבן מיט זיין אויסערגעוועגליכע ווייטע און קלארע בליק. מען רופט עס 'איגעלס אייס' (Eagle's eyes) ווען איינער האט גאר גוטע אויגן. דאן כאפט ער זיין פישל און פליט שוין צוריק ארויף אין די הימלען."

"קוק וואס איך זע!" האט יענקי געשריגן. "קוק, קוק, קוק!" אלע האבן

**יענקי האט געפרעגט א גוטע קשיא: "אפשר זאל מען אפשניידן אלע ביימער, כדי דער הערש זאל זיך נישט דארפן די גאנצע צייט צוקלאפן און ווערן פארפלאנטערט אין די צווייגן?"**

געקוקט אינעם וואסער, אבער זיי האבן נישט געזען גארנישט אינטערעסאנט. "קוק דארט!" האט ער ווייטער געשריגן, ווייזנדיג אויף די אנדערע זייט פונעם טרעקל'ס פענסטער.

זיי האבן אויסגעדרייט די קעפ צו די אנדערע זייט, און דארט האבן זיי געזען אן אינטערעסאנטע סצענע.

עס איז געקומען א טאטע הערש (אן איל) מיט גרויסע הערנער, און ער איז געלאפן צעווילדעוועט ארום א מאמע הערש (א צבי). דערנאך איז דער איל מיט זיינע גרויסע הערנער אריינגעלאפן אביסל טיפער אין דעם נאנטן וואלד. עס האט אויסגעזען ווי זיי טאנצן א ספעציעלן טאנץ.

עס איז געווען אינטערעסאנט צו באמערקן ווי יעדע שטיק צייט פארפלאנטערט ער זיך צווישן די צווייגן און דארף זיך ארויסדרייען. ער לויפט אביסל און ווערט פאר'אמפערט, ער לויפט נאך אביסל און פארפלאנטערט זיך נאכאמאל.

דאן האבן זיי געזען עפעס נאך מער אינטערעסאנט: דער הערש האט געהאקט זיין קאפ מיט די הערנער קעגן א בוים און געריבן דארט זיינע הערנער. דערנאך האט ער זיך אראפגעבויגן צו דער ערד און

ווידער געריבן זיינע הערנער אין די ערד.

ביסלעכווייז האט מען געזען ווי די צביה לויפט נאכן איל און זוכט מיט איר נאז דעם בוים וואו דער איל האט געריבן זיינע הערנער; דערנאך בייגט זי זיך אראפ, שמעקט די ערד, און זעצט זיך דארט אוועק.

דערווייל האבן נאך עטליכע הערשן ארומגעשפרינגען, אבער דער איל איז ווידער ארויסגעקומען פונעם וואלד און זיי אלע פארטריבן. דער איל האט געשפרינגען אין די וועלדער פרובירנדיג זיי אוועקצוטרייבן, אבער ער האט זיך כסדר פארפלאנטערט אין די ביימער.

יענקי האט געפרעגט א גוטע קשיא: "אפשר זאל מען אפשניידן אלע ביימער, כדי דער הערש זאל זיך נישט דארפן די גאנצע צייט צוקלאפן און ווערן פארפלאנטערט אין די צווייגן?"

טאטי האט זיך צולאכט: "יענקי, דו זאגסט א גוטע עצה, אבער לאמיר טראכטן: ווי לאנג וועט נעמען אפצושניידן אלע ביימער פון די גאנצע וועלט, נאר כדי דער הערש זאל מער נישט ווערן צע'אמפערט?"

פעטער יואלי האט מסביר געווען: "יעצט איז די צייט פון יאר וואס די הערשן זוכן זיך א פָּאר, און דערפאר זענען זיי אזוי

# היימיש

צולאזט און שפרינגען אריין און ארויס פונעם וואלד. דאס וואס מ'זעט אז זיי רייבן די הערנער קעגן א בוים און דערנאך אין די ערד, איז איינע פון זייערע מיטלען וויאזוי צו טרעפן זייער פָּאר. אין דעם סעזאן איז דאס א ספעציעלע צייט, און די הערשן טוען דאס כסדר.

אויב מ'קוקט זיך אום, זעט עס אויס ווי זיי שפילן 'קעטש'; איינער לויפט נאכן צווייטן און פרובירט צו פארטרייבן דעם דריטן. אזוי איז די נאטור וואס דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין די הערשן דווקא אין די צייט פון יאר, ווען זיי זוכן א פאר אויפצושטעלן א שטוב פארן קומענדיגן ווינטער.״

עס איז געווען אינטערעסאנט צו הערן, און טאטי האט אויסגעפירט דעם שמועס: ״אפשר איז דא א בעסערע עצה פארן הערש ער זאל זיך נישט דארפן כסדר פארפלאנטערן אין די צווייגלעך, אנשטאט אויסצוהאקן דעם גאנצן וואלד?״

שמואלי האט געהאט אן ענטפער. ער האט געהערט ווי זיין רבי דערציילט א מעשה פון א הערש וואס האט זיך כסדר פארפלאנטערט אין די צווייגן, און ער איז געגאנגען מאכן א דין תורה פארוואס די ביימער שטערן אים פון לויפן. מען האט אים גע'עצה'ט אז ער זאל אפשניידן זיינע אייגענע הערנער, און אזוי וועט ער נישט האבן קיין פראבלעמען מיט די ביימער.

מוהרא״ש איז דאס מסביר אויף יעדן מענטש: שנייד אפ דיינע אייגענע 'הערנער', דיינע אייגענע שפיזן און פראבלעמען - פארריכט זיך אליין, אנשטאט זיין פארנומען אפהאקן א גאנצן וואלד און פרובירן צו פאררעכטן די פראבלעמען פון די גאנצע וועלט. דו ווערסט סיווי קיינמאל נישט קענען ענדיגן פאררעכטן יענעם אדער די וועלט; טו דעריבער וואס דו קענסט יא טוישן ביי דיר אליין.



די קינדער האבן זייער הנאה געהאט פונעם הערליכן סאפארי טור. זיי האבן זיך שיין באדאנקט פאר פעטער יואלי פאר זיין טיפע און ברייטע וויסנשאפט אין די נאטור און דעם לעבנסשטייגער פון די חיות.

אויפן וועג אהיים האט חיים זיך אביסל פארטראכט, און דערנאך זיך אנגערופן:

״איך פארשטיי שוין יעצט פארוואס עס הענגען אין אונזער סוכה בילדער דווקא פון די חיות. דורך תפילה האב איך שוין א וועג וויאזוי צו דערגרייכן דעם מאמר חז״ל וואס הענגט אויפן טאוועל. איך וועל בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם וואס איך טראכט:

**הוי עז כנמר** - איך זאל שפרינגען צו טון דעם אייבערשטן'ס רצון מיט א שטארקייט און אן קיין חשבונות, אן צו טראכטן 'וועל איך טאקע קענען ענדיגן די גוטע זאך וואס איך הויב יעצט אן?', נאר גלייך אריינשפרינגען!

**וקל כנשר** - אין אן אויגנבליק זאל איך פליען כאפן נאך מצוות און מעשים טובים!

**רץ כצבי** - איך זאל שפרינגען ארויסצוהעלפן אינדערהיים ביי יעדע געלעגנהייט, און זיך נישט קריגן מיט קיינעם.

**וגיבור כארי** - איך זאל קענען גיין מיט א שטאלץ אין דעם וועג פון די תורה און די צדיקים, אן צוריקצוקוקן וואס יענער טראכט אדער זאגט אויף מיר.

**לעשות רצון אבינו שבשמים.״**



# העלף נחמן נתן אנקומען צו די הייליגע סוכה

# מעשה'לעך פאר קינדערלעך

## זיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן ד' מִינִים, מִיר הָאבְּן אַן אֶתְרוֹג, אַ לוּלָב, הֲדַסִים אוּן עֲרָבוֹת; מִיר דַארְפְן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה אַז מִיר קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דֶעם וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

קִינְדֶער, וֶוער וִויל הֶערְן וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַן אֶתְרוֹג דִי יָאר וָואס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֶתְרוֹגִים? קִינְדֶער אִיר זֶענְט גְרֵייט?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען שְׁנַת תק"ע, אַ יָאר פַאר דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס הִסְתַּלְקוּת, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נִישְׁט גֶעזוּנְט, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע קְרֶענְק אוֹיף דִי לוּנְגֶען הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

יֶענֶע יָאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֶתְרוֹגִים, אִין דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט אִיז נִישְׁטָא קַיין אֶתְרוֹגִים, דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר בַּאזָארְגְט וָואס וֶועט זַיין, עֶס וֶוערְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם הֵיילִיגְן יוֹם טוֹב סוּכּוֹת אוּן עֶס אִיז נָאכְאַלְץ נִישְׁטָא קַיין אֵיין אֶתְרוֹג אִין דִי גַאנְצֶע גֶעגְנְט; וואוּ מֶען גֵייט הֶערְט מֶען מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן: "וָואס וֶועט זַיין? נִישְׁטָא קַיין אֶתְרוֹגִים! אוֹי וֵויי, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן ד' מִינִים, וָואס וֶועט זַיין?!" אַלֶע הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל גֶעשֶׁען אַ נֵס עֶס זָאל זַיין אֶתְרוֹגִים, אוּן אַז מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס, עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אֶתְרוֹגִים; מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעפְרֵיידְט, מֶען הָאט בַּאצָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַן אֶתְרוֹג.

אוֹיךְ פַארְ'ן רֶבִּי'ן הָאט מֶען גֶעבְּרֶענְגְט גָאר אַ שֵׁיינֶעם אֶתְרוֹג; דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען מוּזִיק, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְט אוּן גֶעשְׁפְּרִינְגֶען פַאר שִׂמְחָה אוֹיף דִי נֵס אַז מֶען הָאט דִי ד' מִינִים. פַאר גַאנְצֶע דְרֵיי טֶעג הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גוּט גֶעשְׁפִּירְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט דִי יְסוּרִים פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע קְרֶענְק; דִי שִׂמְחָה אַז עֶס אִיז דָא אַן אֶתְרוֹג - הָאט אִים גֶעמַאכְט פַארְגֶעסְן אַלֶע יְסוּרִים.




שְׁכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי ד׳ מִינִים!

# מִשְׁפַּחַת גְלִיק

## דִי ד' מִינִים הָאבְּן גֶערַאטֶעוֶועט

אַ קִילֶע ווִינְטְל בְּלָאזְט דוּרְךְ דִי סְכָךְ אוּן צֶעשְׁפְּרֵייט אַ גֶעשְׁמַאקֶע רֵיחַ. אָהּ, וִוי גוּט אוּן פְרֵיילִיךְ אִיז דֶער יוֹם טוֹב סוּכּוֹת.

שׁוֹין פוּן פַאר אוּמַאן הָאבְּן טַאטִי אוּן מֶענְדִי אָנְגֶעהוֹיבְּן בּוֹיעֶן דִי סוּכָּה. אִיךְ הָאבּ גֶעהָאלְפְן מַיין מַאמֶע שֵׁיין בַּאצִירְן דִי סְכָךְ אוּן וֶוענְט, אוּן יֶעצְט אִיז שׁוֹין דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט יוֹם טוֹב. אוּנְזֶער סוּכָּה אִיז הֶערְלִיךְ שֵׁיין, מַמָּשׁ אַ פְּרַאכְט, שְׁכוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער. אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט גֶענוּג אָנְזֶעטִיגְן פוּן עֶס. אִיךְ פִיל וִוי אִיךְ וִויל נִישְׁט אַרוֹיס פוּן דָא דִי גַאנְצֶע יוֹם טוֹב.

מַיין מַאמֶע הָאט גֶעצִינְדְן לֶעכְט בְּעֶרֶךְ אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה צוּרִיק. זִי זִיצְט אוֹיךְ אִין אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע בַּאקְוֶועמֶע סוּכָּה. זִי פְּרוּבִּירְט צוּ דַאוֶוענֶען אוּן זָאגְן תְּהִלִים. אִיךְ קֶען זֶען וִוי אִירֶע אוֹיגְן קְלֶעבְּן זִיךְ צוּזַאם. זִיכֶער אִיז זִי זֵייעֶר מִיד.

מַיין חָשׁוּבֶ'ע מַאמֶע הָאט אַזוֹי אַרַיינְגֶעאַרְבֶּעט אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן פוּן דִי בֶּעסְטֶע אוּן שֶׁענְסְטֶע לְכָבוֹד יוֹם טוֹב. זִי הָאט גֶעקָאכְט אוּן גֶעבַּאקְן, צוּגֶעגְרֵייט אוּן אוֹיפְגֶערוֹימְט. אַוַדַאי הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעהָאלְפְן מִיט וָואס נָאר מֶעגְלִיךְ.

אִיךְ הָאבּ גֶעשֵׁיילְט גְרִינְצֵייג, גֶעמִישְׁט דִי טֵייג, אוֹיפְגֶעקֶערְט, אוּן אַסַאךְ אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן אוֹיף דִי קְלֶענֶערֶע קִינְדֶער. אִיךְ קֶען אִיר שׁוֹין אוֹיךְ הֶעלְפְן מִיט דִי וֶועשׁ.

יֶעצְט אִיז מַיין מַאמֶע'ס אוֹיגְן שׁוֹין פַארְמַאכְט אוּן זִי דְרִימְלְט אַיין. מַיין מַאמֶע'ס פָּנִים שַׁיינְט אִיר. "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער!" הָאבּ אִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעזָאגְט, "אִיךְ קֶען דִיר נִישְׁט גֶענוּג דַאנְקֶען פַאר מַיין טַייעֶרֶע לֶעכְטִיגֶע מַאמֶע וָואס גֶעבְּט זִיךְ אַזוֹי אִיבֶּער פַאר אוּנְז."

אִיךְ בַּאמֶערְק וִוי נָתָן אוּן וֶועלְוֶועלֶע גֵייעֶן צוּ צוּ מַיין מַאמֶע אוּן הֵייבְּן אָן צוּ שְׁלֶעפְּן אִיר קְלֵייד. אִיךְ לוֹיף שְׁנֶעל צוּ זֵיי אוּן אִיךְ נֶעם זֵיי בַּיי דִי הֶענְט. "קוּמְט קִינְדֶערְלֶעךְ, לָאמִיר נִישְׁט אוֹיפְוֶועקְן מַאמִי. טַאטִי הָאט גֶעקוֹיפְט אַ נַייעֶ בּוּךְ לְכָבוֹד יוֹם טוֹב. וֶוער וִויל הֶערְן דִי שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה?" גְלַייךְ אִיז אוֹיךְ הֶענְדִי צוּגֶעלוֹפְן.

אִיךְ הָאבּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דִי נַייעֶ בּוּךְ אִין דִי סוּכָּה אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט מִיט דִי קִינְדֶער בַּיים אַנְדֶערֶע זַייט אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט מַאכְן גֶערוּדֶער נֶעבְּן מַיין מַאמֶע. דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי גֶעפְרֵייט, אוּן צוּם עֶרְשְׁט דוּרְכְגֶעבְּלִיקְט דִי בִּילְדֶער. דֶערְנָאךְ הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְצֵיילְן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִינְמִיטְן חוֹדֶשׁ אֶלוּל, אוּן בָּרוּךְ, וָואס הָאט דַאן גֶעוואוֹינְט אִין אַ שְׁטָאט וָואס מֶען הָאט גֶערוּפְן רוּסִישׁ-פּוֹילְן, אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן. דִי גְרֶענִיץ צְוִוישְׁן רוּסִישׁ-פּוֹילְן אוּן דִי שְׁטָאט מֶעלִיץ, וואוּ זַיין רֶבִּי ר' יַאנְקֶעלֶע זי"ע הָאט גֶעוואוֹינְט, אִיז גֶעוֶוען גֶענְצְלִיךְ פַארְשְׁלָאסְן. סָאלְדַאטְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיין אָדֶער אַרוֹיס.

בָּרוּךְ הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר מוּז אָנְקוּמֶען צוּ זַיין רֶבִּי נָאךְ פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה מוּז מֶען זַיין בַּיי אַ צַדִיק. בָּרוּךְ הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אִים גֶעבְּן אַ גוּטֶע עֵצָה וִויאַזוֹי עֶר קֶען יָא פָארְן.

אֵיין טָאג הָאט עֶר גֶעהֶערְט אַז עֶס זֶענֶען דָא צְוֵויי גוֹיִם וָואס זֶענֶען גְרֵייט צוּ שְׁמוּגְלֶען מֶענְטְשְׁן דוּרְךְ דִי טַייךְ צוּם שְׁטָאט מֶעלִיץ.

בָּרוּךְ הָאט גֶעדַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן גְלַייךְ צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דִי גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן דִי שְׁמוּגְלֶערְס.

דִי נֶעקְסְטֶע נַאכְט הָאט פֶּערְל

ח. צ. גליק

אַיינְגֶעפַּאקְט אַבִּיסְל וֶועשׁ און עֶסְן אִין אַ קְלֵיינֶע זֶעקְל פַאר אִיר מַאן בָּרוּךְ צוּ מִיטְנֶעמֶען וֶוען עֶר פָּארְט צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

בָּרוּךְ הָאט גֶעלֵייגְט גֶעלְט אִין דִי פּוּשְׁקֶע אוּן גֶעקוּשְׁט דִי מְזוּזָה. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה און זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיף דִי סַכָּנוֹת'דִיגֶע וֶועג. אַ גַאנְצֶע צַייט הָאט עֶר גֶעשֶׁעפְּשֶׁעט תְּפִלּוֹת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים אָפְּהִיטְן אוֹיף דִי וֶועגְן.

עֶנְדְלִיךְ עֶנְדְלִיךְ אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען נָאךְ פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ מֶעלִיץ. וֶוען עֶר אִיז אַרַיין צוּ זַיין רֶבִּי, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען, "רֶבִּי, דִי שְׁלֶעכְטֶע פָּרִיץ פוּן אוּנְזֶער גֶעגְנְט הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ שְׁוֶוערֶע גְזֵירָה פַאר אַלֶע אִידְן. וָואס זָאלְן מִיר טוּן, רֶבִּי?"

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף בָּרוּךְ מִיט רַחֲמָנוּת'דִיגֶע אוֹיגְן. "בָּרוּךְ," הָאט דִי רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "זָאג מִיר וָואס דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דַיין שְׁטָאט הָאבְּן שׁוֹין גֶעטוּן אַז דֶער פָּרִיץ זָאל אַוֶועקְנֶעמֶען דִי גְזֵירָה."

"רֶבִּי, מִיר אַלֶע דַאוֶוענֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן. אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעשִׁיקְט סְפֶּעצִיעֶלֶע מֶענְטְשְׁן זָאלְן שֵׁיין רֶעדְן צוּ דֶער פָּרִיץ אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי אִידְן און אוּנְז נִישְׁט שְׁלֶעכְט טוּן. אָבֶער דֶער פָּרִיץ אִיז אַ גְרוֹיסֶער רָשָׁע, און זַיין הַארְץ אִיז אַזוֹי וִוי אַ שְׁטֵיין!" בָּרוּךְ הָאט זִיךְ צֶעוֵויינְט.

דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי שְׁטָאט הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז דֶער שְׁלֶעכְטֶער פָּרִיץ אִיז אַ גְלוֹיבִּיגֶער גוֹי. דָאס מֵיינְט אַז כָאטְשׁ עֶר אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער גוֹי, וֵוייסְט עֶר דָאךְ אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט. נִישְׁט אַזוֹי וִוי אַנְדֶערֶע גוֹיִם וָואס מֵיינֶען נֶעבֶּעךְ אַז זֵייעֶר גֶעטְשְׁקֶע קֶען זֵיי הֶעלְפְן. אָבֶער מִיר, הֵיילִיגֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ, וֵוייסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער



# מִשְׁפַּחַת גְלִיק

פִּירְט דִי וֶועלְט.

"רֶבִּי," הָאט בָּרוּךְ וַוייטֶער גֶעזָאגְט, "דֶער פָּרִיץ הָאט אַן אֵיינְצִיג זוּן. אוֹיבּ דֶער קִינְד וֶועט שְׁטַארְבְּן, וֶועט דָאס אֶפְשָׁר מַאכְן וַוייכֶער דֶער פָּרִיץ'ס הַארְץ. עֶר וֶועט אַיינְזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים בַּאשְׁטְרָאפְט פַאר'ן פַּיינִיגְן דִי אִידְן."

עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב רֹאשׁ הַשָּׁנָה. מֶען הָאט גֶעקֶענְט זֶען אוֹיפְ'ן רֶבִּי פוּן מֶעלִיץ אַז עֶר רוּהט נִישְׁט אַיין צוּלִיבּ דִי שְׁוֶוערֶע גְזֵירָה וָואס הֶענְגְט אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער. דֶער רֶבִּי אוּן אַלֶע חֲסִידִים הָאבְּן אַסאךְ גֶעדַאוְונְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל זֵיי רַאטֶעוֶועון פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע פָּרִיץ.

נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעבֶּעטְן בָּרוּךְ זָאל בְּלַייבְּן בִּיז נָאךְ סוּכּוֹת. "דוּ וֵוייסְט דָאךְ, בָּרוּךְ, וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין תִּקּוּנֵי זוֹהַר," הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "אַז דִי אַרְבַּע מִינִים, דִי לוּלָב, אֶתְרוֹג, הַדַסִים אוּן עֲרָבוֹת, וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן כְּלֵי מִלְחָמָה, אַזוֹי וִוי שִׁיסֶערְס אוּן גָאנְס וָואס מְ'נוּצְט בַּיי אַ מִלְחָמָה. אִיךְ הָאף מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף צוּ גֵיין מִלְחָמָה קֶעגְן דֶעם פָּרִיץ מִיט דִי ד' מִינִים."

עֶס אִיז גֶעוֶוען הוֹשַׁעְנָא רַבָּה בַּייטָאג אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען. אַלֶע טַאטֶעס זֶענֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעטוּן מִיט זֵייעֶר הֵיילִיגֶע טַלִית אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדַאוְונְט אוּן גֶעהַאלְטְן זֵייעֶר לוּלָב אוּן אֶתְרוֹג. מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן דִי הוֹשַׁעְנוֹת אוּן זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

פְּלוּצְלִינְג קוּמְט אֵיינֶער צוּ צוּ בָּרוּךְ אוּן זָאגְט אִים, "דֶער רֶבִּי רוּפְט דִיר." בָּרוּךְ אִיז גְלַייךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין רֶבִּי.

"וואוּ וואוֹינְט דֶער פָּרִיץ?" הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט, "אוֹיף וֶועלְכֶע זַייט? מִזְרָח, מַעֲרָב, צָפוֹן, אָדֶער דָרוֹם?"

"צָפוֹן," הָאט בָּרוּךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט.

"זָאג מִיר, וֶועלְכֶע זַייט פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז פּוּנְקְטְלִיךְ קֶעגְן אִיבֶּער וואוּ דֶער פָּרִיץ וואוֹינְט."

בָּרוּךְ הָאט גֶעוִויזְן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען זַיין לוּלָב אוּן עֶס אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט אַזוֹיוִוי עֶר הַאלְט עֶס וָואלְט גֶעוֶוען אַ רֶעוָואלְוֶוער. עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר שִׁיסְט דֶערְמִיט אוּן גֶעזָאגְט, "פָּאוּ! פָּאוּ!" אַזוֹיוִוי דֶער קוֹל פוּן אַ שָׁאס.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גְלַייךְ וַוייטֶער זִיךְ גֶענוּמֶען זָאגְן דִי הוֹשַׁעְנוֹת.

נָאכְ'ן דַאוֶונֶען הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר בָּרוּךְ, "דוּ דַארְפְסְט זִיךְ מֶער נִישְׁט זָארְגְן, דִי יְשׁוּעָה אִיז שׁוֹין דָא."

גְלַייךְ מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב אִיז בָּרוּךְ אַהֵיימְגֶעפָארְן פְרֵיילִיךְ, דַאנְקֶענְדִיג דִי בַּאשֶׁעפֶער.

נָאךְ אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים הָאט עֶר שׁוֹין גֶעהֶערְט דִי גוּטֶע בְּשׂוּרָה אַז דִי פָּרִיץ'ס זוּן אִיז פְּלוּצְלִינְג גֶעשְׁטָארְבְּן אוֹיף הוֹשַׁעְנָא רַבָּה. דֶער פָּרִיץ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוּן אַיינְגֶעזֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט אוֹיף זַיינֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער דִי גַאנְצֶע צַייט. דֶער פָּרִיץ הָאט מְבַטֵל גֶעוֶוען דִי גְזֵירָה, אוּן אַלֶע אִידְן הָאבְּן גֶעטַאנְצְט אוּן גֶעזוּנְגֶען אוּן גֶעדַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער.

אַלֶע קִינְדֶער הֶערְן זִיךְ אַזוֹי שֵׁיין צוּ וִוי צוּרִי דֶערְצֵיילְט דִי אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה, אַז מִיר הָאבְּן אֲפִילוּ נִישְׁט בַּאמֶערְקְט וִוי טַאטִי אוּן מֶענְדִי זֶענֶען שׁוֹין אַהֵיים פוּן שׁוּל. מִיר הָאבְּן זִיךְ אַלֶע גֶעזֶעצְט אַרוּם אִין דִי שֵׁיינֶע גֶעדֶעקְטֶע טִישׁ, אוּן גֶעוֶוען גְרֵייט צוּ אַיינְלַאדֶענֶען דִי אוּשְׁפִּיזִין.

אַ פְרֵיילִיכְן יוֹם טוֹב.

**מִשְׁפַּחַת גְלִיק ווינְטְשְׁט אַלֶע קִינְדֶער אַ פְרֵיילִיכֶע יוֹם טוֹב סוּכּוֹת.**

ח. צ. גליק




**אָנְוַוייזוּנְגֶען פַארְן שְׁפִּיל אוֹיפְן קוּמֶענְדִיגְן עָמוּד.**

יֶעצְט וֶוען מִיר פַארְבְּרֶענְגֶען גֶעשְׁמַאק אִין דִי סוּכָּה, לָאמִיר שְׁטֵייגְן הֶעכֶער און הֶעכֶער מִיט מִידוֹת טוֹבוֹת.

**צִיל פוּן דִי שְׁפִּיל:** וֶוער עֶס קֶען עֶרְשְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דִי סוּכָּה מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

צָאל שְׁפִּילֶערְס: פוּן צְוֵויי בִּיז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה.

וִוי אַזוֹי צוּ שְׁפִּילְן: גְרֵייט אָן אַ דֵייס און אַ קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס יֶעדֶער שְׁפִּילֶער וֶועט נוּצְן צוּ גֵיין מִיט דֶעם.

דִי יוּנְגְסְטֶע שְׁפִּילֶער אִיז עֶרְשְׁט.

נָאכְ'ן וַוארְפְן דִי דֵייס רִיקְט מֶען זִיךְ אַזוֹיפִיל קֶעסְטְלֶעךְ פוּן דִי נוּמֶער אֵיינְס.

אוֹיבּ מְ'שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אִין אַ קֶעסְטְל מִיט אַ בִּילְד פוּן אַ גוּטֶע מִידָה, קֶען מֶען אַרוֹיפְקְרִיכְן דִי לַייטֶער.

אוֹיבּ מְ'שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אִין אַ קֶעסְטְל מִיט אַ נִישְׁט גוּטֶע מִידָה, דַארְף מֶען אַרָאפְּגְלִיטְשְׁן דִי גְלִיטְשֶׁער.

**דִי גֶעוִוינֶער:** דִי שְׁפִּילֶער וָואס בְּלַייבְּט פְרֵיילִיךְ דִי גַאנְצֶע צַייט אִיז דִי גֶעוִוינֶער.




# טאנץ און שפרינג

## אריין אין די סוכה



71 72 73 74 75 76
70 69 68 67 66 65
52 53 54 55 56
50 49 48 47 46 45
31 32 33 34 35 36
30 28 27 26 25
29
11 12 13 14 15 16
10 9 8 7 6 5

דעם

# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**

# אמונה

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

ערב ראש השנה זאל מען געבן א פדיון

## ברסלבי'ע חידות

**ווען מיר זיצן אין די סוכה זיצן מיר אונטער די שאטן**

א. פון די סוכה
ב. פון א בוים
ג. פונעם אייבערשטן
ד. פון די לולב

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

חידה: דער רבי האט געזאגט: ראש השנה דארף מען
1. וויינען 2. זיין פרייליך 3. נישט רעדן איבעריג
4. טראכטן נאר גוט

## געב א שמייכל

**פארוואס עסן די כינעזער סושי?**

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות נצרכים

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**כב. הַפֶּשַׁע שֶׁל אָדָם מַכְנִיס כְּפִירָה לָאָדָם.**

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טוּט עֲבֵירוֹת, פַארְלִירְט עֶר זַיין אֱמוּנָה, אוּן עֶס קוּמְט אַרַיין אִין אִים כְּפִירָה.



# שרייב טישל

## טרעף די וועג

**אה... שכח אייבערשטער מ'גייט שוין שאקלען ד' מינים!**

↓



↓



## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מ | כ | ד | כ | ל | ה | ט | נ |
| ד | י | י | נ | ע | ז | ר | ג |
| מ | ב | נ | ט | ת | ס | ד | ע |
| ע | ו | ר | י | א | ו | ס | ב |
| ד | י | ז | י | מ | נ | צ | ט |
| ז | ו | כ | ה | ד | ע | צ | ט |
| מ | ד | ג | כ | י | ד | ס | צ |
| ל | ד | י | ה | ה | י | מ | פ |
| ב | ל | י | ז | י | צ | י | ק |
| כ | ו | ה | ג | י | ט | נ | ו |
| ר | כ | ח | ח | ל | ק | י | י |
| ש | ד | מ | פ | י | י | מ | פ |
| ס | ח | ש | פ | ג | ט | י | נ |
| פ | ת | ל | א | ע | ו | י | נ |
| פ | ת | ג | ר | ק | י | נ | צ |
| ס | צ | נ | ח | ז | ל | פ | ר |
| ש | כ | ק | י | נ | ד | ע | ר |
| פ | ד | ז | ו | ע | א | ו | נ |
| ד | פ | א | ר | ת | ז | כ | ב |

גיי קויפן ד' מינים; קויף פאר דיר און פאר דיינע קינדער, און טאנץ פאר שמחה אז דו גייסט זוכה זיין שאקלען די הייליגע ד' מינים.

*(עצתו אמונה סוכות תשפ"ד)*

## טרעף די קאליר

טרעף דווי מאל דאס ווארט "סוכות" פון די צעלבע קאליר
טרעף דווי מאל דאס ווארט "סוכות" פון די צעלבע מין אותיות

סוכות סוכות סוכות סוכות
סוכות סוכות סוכות סוכות
סוכות סוכות סוכות סוכות
סוכות סוכות סוכות סוכות
סוכות סוכות סוכות סוכות
סוכות סוכות סוכות סוכות

## טרעף די ווערטער

איך זיץ מיר
אין מיין
סוכה'לע, פון
ברעטעלעך
און סכך, ווי
עס שטייט
אין די תורה,
כל האזרח
בישראל
ישבו בסוכות

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ס | ט | ג | ע | ה | ח | ש | ר | י | ג | ט | ר | נ | ש | ה | ד | ג | מ | ר | ס | י | נ | צ | מ |
| ח | ר | ע | ע | פ | ז | ח | ה | ו | ב | ת | פ | נ | ד | ט | ת | נ | י | ב | ב | ה | צ | ט | כ |
| ו | ג | צ | ו | ש | נ | פ | ע | ר | ח | א | ס | ש | כ | ע | ז | ת | ו | ק | ת | ע | ת | ר | ר |
| ז | נ | א | י | ל | ת | צ | ע | ב | ה | ל | ז | ז | ו | ז | ש | ו | א | י | ה | ח | י | ה | ש |
| ז | צ | י | י | ב | ש | ט | י | י | ט | ת | ז | ג | ג | נ | ו | ח | ר | ה | ר | ת | י | י | נ |
| נ | צ | כ | א | מ | ע | א | ש | מ | ה | ל | ג | ד | נ | ע | ר | ט | ב | צ | ח | נ | י | ל | ב |
| ד | א | א | ב | ל | א | ה | י | ד | ת | ע | מ | כ | צ | ז | א | ט | ה | ז | ל | ה | ק | ח | פ |
| ה | צ | י | ע | ס | ח | ע | ב | ח | ט | ל | צ | ר | א | ש | ש | ו | ו | א | נ | מ | נ | ל | ג |
| ק | ט | כ | ד | ג | ל | ו | פ | ג | ו | ז | ת | ה | נ | ל | פ | ת | א | ז | ק | ה | ס | צ | כ |
| א | מ | ע | ו | ה | ל | ב | ה | ו | ש | ק | ה | נ | ה | ו | כ | ל | ו | נ | כ | נ | פ | צ | ט |
| א | י | נ | כ | ק | י | ע | ה | ק | א | ה | ח | ב | ו | ת | מ | מ | ש | ה | ע | ג | ג | ז | מ |
| ד | ר | ו | ז | י | צ | א | פ | פ | ל | פ | ג | מ | ח | ב | פ | ה | ע | י | צ | ג | ז | ז | ש |
| ק | ס | פ | ב | ב | ש | ס | נ | ס | פ | נ | ה | ה | ר | י | ב | ק | ש | ב | ט | ר | י | א | י |
| ו | נ | י | י | מ | ס | ב | כ | ס | פ | ו | ק | ש | ק | ש | ס | ה | ב | ח | ג | ט | מ | ח | א |
| פ | פ | ז | ג | נ | ק | ו | ו | ר | ט | ב | ד | צ | כ | ר | כ | ח | ק | כ | ב | ע | ר | ג | ח |
| ר | כ | ל | ל | ג | ס | ה | כ | ו | נ | א | ר | ר | ו | א | כ | ו | ס | נ | ק | ז | ת | ס | י |
| כ | כ | א | ל | נ | ס | פ | ת | ו | ר | ה | א | פ | ק | ל | י | מ | פ | ו | א | פ | ז | י | נ |
| צ | ל | ש | א | ק | צ | ר | א | י | ת | ח | מ | ע | ג | ע | ל | ס | ו | ה | י | נ | פ | צ | ס |
| ר | צ | ט | צ | ח | ג | ב | ה | מ | ס | א | ט | ב | ס | ד | ת | ע | נ | ק | א | נ | ת | ז | ע |
| נ | צ | י | פ | מ | י | כ | ב | מ | ט | ה | ב | ד | ס | ת | ט | ט | א | ח | צ | כ | ת | צ | ע |

# טרעף די וועג

טרעף די וועג אריין צו די הייליגע סוכה






6
צַער בַּעַל בִּטָחוֹן
אִין קוּרצְן פוּן פְרִיעֶר.
דֶער קֶענִיג ווִיל אוֹיסְפְּרוּבִּירְן דֶעם אִיד צוּ זֶען אוֹיב אִיז עֶר טַאקֶע אֵייבִּיג פְרֵיילִיךְ.
בַּאדִינֶער
צוּם בַּאפֶעל!
אִיךְ ווִיל אַרוֹיסגֶעבְּן אַ נַייֶע בַּאפֶעל! פוּן הַיינְט אוּן ווַייטֶער קֶען מֶען מֶער נִישְׁט פַארְרֶעכְטְן צוּבְּרָאכֶענֶע זַאכְן!
לוֹיט דִי בַּאפֶעל פוּנֶעם קֶענִיג אִיז מֶער נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּט צוּ פַארְרֶעכְטְן צוּבְּרָאכֶענֶע זַאכְן!
מְמְמ...
אַ מָאדְנֶע גְזֵירָה...
נוּ נוּ!
לָאמִיר זֶען ווָאס דֶער בֶּערֶל ווֶעט טוּן מִיט דִי נַייֶע גְזֵירָה פוּן קֶענִיג...


7
דער בעל בטחון
וואספאר א פרישע גזירה איז דאס? מ'טאר נישט פארערכטן צובראכענע כלים?...
נו, שכוח אייבערשטער, כ'האב שוין געדאווענט היינט, און געלערנט אויך. יעצט קען מען גיין אביסל ארבעטן.
וואס וועט זיין מיט מיין פרייליכע סעודה?
היליגער באשעפער, דו האסט מיר געברענגט מיין פאריגע ארבעט, העלף מיר היינט אויך, איך זאל האבן 6 דאלער פאר פלייש און ווין פאר מיין פרייליכע סעודה...
איך וועל זיך נישט לאזן צוברעכן דערפון. איך וועל זיך דערהאלטן.
פלוצלינג...
טראך!
האק!
דעץ!
ליינט ווייטער קומענדיגע וואך אי"ה.

# טרעפליך

טרעף די
פאלגענדע
בילדער











שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר
קֶענֶען זִיצְן אִין דִי סוּכָּה
אוּנְטֶערְן שָׁאטְן פוּנֶעם
אֵייבֶּערְשְׁטְן.


LEGO

# קליין און שיין



אליעזר שלמה אפפעל



חי אסתי יאקאבאוויטש



מירדי הורוביץ



מענדי שווארץ



שלום און שרי פארקאש



פיניע גליק



עמרם ראטה



נחמן נתן בריל



נתי אפפענהיים און הערשי שטראססער



משה מזרחי



אדי ראזענבערג



אליעזר שלמה בוים



משפחת ווערטהיימער



סילקי ראטענבערג




פייגי און חיה לאנדא



שרי פריינד



קעמפ בית פייגל



מלכה ראטה



פייגי לאנדא



ישראל שלום הערשקאוויטש



פייגי און חי' לאנדא



נחמן נתן רוטה שטעטל

# מיט תפלה



**דִינָה יַאקָאבָאוִויטְשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלָב פַּארְצֵיילְט:**




די מעשה פון תפילה ווערט גענומען פון ״קול ברסלב״ האטליין. לאזט אריין אייער מעשה, און די בעסטע מעשה וועט ווערן געמאלן.

געמאלן דורך: **ר. וועבערמאן**




# דא האט איר
# א שיינע קארטל

צו באקומען ביי קרן הדפסה 718-387-2691 #104

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט אריין קרן הדפסה

*sruliHeskel

BH

# sew happy supply here



IDEA. 8457769664

**BLACK & WHITE THREAD, COLORED THREAD, HAND NEEDLES, NEEDLE THREADER, MACHINE NEEDLES, MACHINE FOOT ATTACHMENTS, BOBBINS, STICK PINS, MAGNETIC PIN TRAY, TOMATOE PIN CUSSION, TRIANGLE CHALK, WHITE & BLUE CHALK, SNAPS, HOOK & EYES, SAFETY PINS, CLEAR RULER, TAPE MEASURE, RETRACTABLE TAPE MEASURE, SEAM RIPPER, PROFESSIONAL THREAD SNIPPER, SHARP FABRIC SCISSORS, REG. INVISIBLE & COAT ZIPPERS, BLACK & WHITE PATCHES, EZ LASTIC, BLACK & WHITE ELASTIC BY THE YARD, BLACK & WHITE BEKISHA BUTTONS, SHIRT & REKEL BUTTONS, PATTERN TRACING PAPER, TRACING WHEEL, ROLL STITCH WITCHERY, ADJUSTABLE REFLECTOR $5.50**

get your mending done within a week iyh

are you in a rush?
special service get your job done within 2 business days for double price

all prices are given after job is done

ready to serve you **Leah Weberman** // 845-662-4083

KB Seamstress



1

# דערצייל מיר
# א מעשה

10 שיינע קורצע מעשיות פון צדיקים
באגלייט מיט הערליכע בילדער

# דערציילט מיר

# א מעשה

10 שיינע קורצע מעשיות פון צדיקים
באגלייט מיט הערליכע בילדער

אִין דֶעם בִּיכְל וֶועט אִיר זֶען אַ זַאמְלוּנְג פוּן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, וָואס אִיז פוּל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם וּמִדּוֹת טוֹבוֹת, שֵׁיין אַרָאפְּגֶעשְׁרִיבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער בַּיים שַׁבָּת טִישׁ און בַּיי יֶעדֶע צַייט.

גֶענוּמֶען פוּן דִי סְפָרִים וָואס כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן.

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd.**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# מַעֲשֶׂה א׳

## אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת

אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן צַדִיק דֶער רְשַׁ״שׁ, רֶבִּי שָׁלוֹם שְׁרֶעבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס אִיז לֵיידֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן פוּל מִיט יְסוּרִים. עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁוֶוער לֶעבְּן; אַ גְרוֹיסֶע אָרִימְקֵייט הָאט גֶעהֶערְשְׁט בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, עֶר הָאט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ חוֹבוֹת, אוּן גֶעהַאט פוּל מִיט עַגְמַת נֶפֶשׁ פוּן זַיינֶע קִינְדֶער. נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶערֶעדְט אוֹיף אִים כָּל דָבָר אָסוּר, בִּיז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ מַצָב וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דִי צָרוֹת.

אֵיין טָאג קוּמְט עֶר אַהֵיים אוּן זָאגְט פַאר זַיין וַוייבּ: ״מַיין טֵייעֶרֶע וַוייבּ, אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס! אִיךְ פִּיל וְוי מַיין נְשָׁמָה פְלִיט שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִיר, אִיךְ דֶערְהֵייבּ עֶס נִישְׁט!״ הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: ״הֶער זִיךְ צוּ, בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט הָאבְּן מִיר אַ הֵיילִיגְן גֶעטְלִיכְן מַאן, רֶבִּי שָׁלוֹם שְׁרֶעבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער רְשַׁ״שׁ, וָואס זִיצְט אַ גַאנְצְן טָאג אִין

זַיין שְׁטוּבּ אוּן לֶערְנְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. עֶר אִיז דָבוּק צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר אִיז מְיַיחֵד יִחוּדִים. גֵיי צוּ אִים, אַזַא הֵיילִיגֶע צַדִיק קֶען דִיר זִיכֶער הֶעלְפְן." דֶער אִיד הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט אִירֶע וֶוערְטֶער אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין דִי רִיכְטוּנְג פוּנֶעם צַדִיקְ'ס הוֹיז. עֶר קְלַאפְּט אוֹיפְן טִיר, דִי רֶעבֶּעצִין עֶפְנְט אוֹיף אוּן זָאגְט: "מַיין מַאן הַאלְט יֶעצְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט שְׁטֶערְן. וַוארְט דָא בִּיז עֶר וֶועט עֶנְדִיגְן לֶערְנֶען, דֶעמָאלְט וֶועט אִיר קֶענֶען רֶעדְן צוּ אִים."

דֶער אִיד הָאט זִיךְ דָארְט אַוֶועקְגֶעזֶעצְט אִינְגַאנְצְן צֶעבְּרָאכְן אוּן פַארְקְלֶעמְט, טְרַאכְטְנְדִיג צוּ זִיךְ: "אוֹיבּ דֶער חָכָם, דֶער רְשַ"שׁ, וֶועט מִיר נִישְׁט קֶענֶען הֶעלְפְן, וֶועט מַיין נְשָׁמָה פָּשׁוּט אַרוֹיסְפְלִיעֶן פוּן גְרוֹיס צָרוֹת אוּן פַּיין." אַזוֹי זִיצְנְדִיג אִיז דֶער אִיד אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, אוּן עֶר זֶעט אִין זַיין חָלוֹם וִוי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ גְרוֹיסְן פֶעלְד אוּן עֶר הֵייבְּט אָן צוּ גֵיין אִינֶעם פֶעלְד, עֶר גֵייט אוּן גֵייט אוּן עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ נִישְׁט. עֶר ווִיל צוּרִיקְגֵיין, אָבֶּער עֶר וֵוייסְט נִישְׁט דֶעם וֶועג צוּרִיק.

פְּלוּצְלִינְג הֶערְט עֶר וֶועגֶענֶער קוּמֶען, אוּן עֶר זֶעט אוֹיף דִי וֶועגֶענֶער עֶטְלִיכֶע מַלְאָכִים. פֶּעטֶע מַלְאָכִים, וַוייסֶע מַלְאָכִים. נָאכְדֶעם זֶעט עֶר הִינְקֶעדִיגֶע מַלְאָכִים, בְּלִינְדֶע מַלְאָכִים, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט אוּן כַאפְּט נִישְׁט וואוּ דִי וֶועגֶענֶער פָּארְן, עֶר גֵייט וַוייטֶער אוּן זֵיי פָּארְן נָאךְ אִים.



דֶערְנָאךְ זֶעט עֶר וֶועגֶענֶער מִיט שְׁוַוארְצֶע מַלְאָכִים, עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן. דָארְט אוֹיפְן וָואגְן הָאט עֶר גֶעזֶען קְלֵיינְטְשִׁיגֶע, בְּלִינְדֶע, הִינְקֶעדִיגֶע אוּן שְׁטִימֶע מַלְאָכִים. דִי אַלֶע וֶועגֶענֶער פָארְן בִּיז עֶר קוּמְט אָן צוּ אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ גְרוֹיסֶע וָואגְשָׁאל, אוּן דָארְט הָאבְן זִיךְ אַלֶע אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט.

דֶער אִיד פְּרֶעגְט: ״וָואס אִיז דָאס?״ הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דָא אִיז דֶער בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה, וואוּ מֶען מִשְׁפָּט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף זַיינֶע מַעֲשִׂים.״ הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט: ״וֶועם מִשְׁפָּט מֶען יֶעצְט?״ הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דִיךְ!״

אוֹיף אֵיין זַייט וָואגְשָׁאל לֵייגְט מֶען אַרוֹיף דִי וַוייסֶע מַלְאָכִים, אוּן אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶע זַייט דִי שְׁוַוארְצֶע מַלְאָכִים. עֶס כַאפְּט אִים אָן אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק, וַוייל עֶר זֶעט וִוי דִי שְׁוַוארְצֶע מַלְאָכִים וֶועגְן אִיבֶּער דֶעם וָואגְשָׁאל. פְּלוּצְלִינְג הֶערְט עֶר וִוי דֶער בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה רוּפְט אוֹיס: ״אֵיין רֶגַע, בְּרֶענְגְט אוֹיךְ זַיין צַעַר אוּן יְסוּרִים!״ מֶען הֵייבְּט אָן בְּרֶענְגֶען אַלֶע זַיינֶע מִיטְמַאכֶענִישְׁן, אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת, שְׁוֶועריגְקֵייטְן אוּן יְסוּרִים, אוּן מֶען הָאט דָאס אַלֶעס גֶעלֵייגְט אוֹיף דִי זַייט פוּן דִי וַוייסֶע מַלְאָכִים. מֶען בְּרֶענְגְט אוּן מֶען בְּרֶענְגְט, אוּן דֶער אִיד וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, וַוייל עֶר זֶעט וִוי עֶס הֵייבְּט אָן אִיבֶּערְצוּאָוועגְן מֶער אוּן מֶער, בִּיז מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט בְּרֶענְגֶען. דֶער בֵּית דִין שֶׁל מַעֲלָה פְּרֶעגְט: ״אִיז דָאס אַלֶעס?״ אוּן מֶען עֶנְטְפֶערְט: ״יָא, דָאס אִיז עֶס!״

אָבֶּער דֶעם אִיד הָאט אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁרֶעק, וַוייל דִי שְׁוַוארְצֶע מַלְאָכִים הָאבְּן נָאךְ אַלְץ אִיבֶּערְגֶעוואוֹיגְן אוֹיפְן וָואגְשָׁאל. דֶער בֵּית דִין הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן: "פֵּיין, יֶעצְט קֶען מֶען דִיר שׁוֹין דַן זַיין!" וִוי נָאר דֶער אִיד הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אִינְמִיטְן זַיין חָלוֹם: "אוֹי וֵויי! נָאךְ יְסוּרִים, נָאךְ יְסוּרִים! הַלְוַואי וָואלְט אִיךְ גֶעהַאט נָאךְ יְסוּרִים!"

וִוי נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רְשַׁ"שׁ הָאט גֶעהֶערְט וִוי דֶער אִיד שְׁרֵייט, אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן, אִים אָנְגֶעכַאפְּט אוּן גֶעפְרֶעגְט: "ר' אִיד, וָואס אִיז מִיט אַייךְ? וָואס גֵייט פָּאר? וָואס שְׁרֵייט אִיר?" דֶער אִיד הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן גֶעכַאפְּט אַז עֶר גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט אִין שְׁטוּבּ פוּנֶעם צַדִיק. דֶער רְשַׁ"שׁ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "וָואס וִוילְט אִיר פוּן מִיר? וִויאַזוֹי קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן?" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "רֶבִּי, אִיךְ דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט, אִיךְ גֵיי אַהֵיים. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיף דִי יְסוּרִים." דָאס אִיז גֶעוֶוען וַוייל דֶער אִיד הָאט אַיינְגֶעזֶען וָואס יְסוּרִים טוּט אוֹיף פַאר אַ מֶענְטְשׁ, וִוי אַזוֹי דָאס לַייטֶערְט אוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן דִינְט אַלְס אַ כַּפָּרַת עֲווֹנוֹת.

(שִׁיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק יד' עֶרֶךְ יְסוּרִים)

# מַעֲשֶׂה ב'

## צוּבְּרֶעךְ מִיר נִישְׁט

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז אַמָאל אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ שְׁטָאט אוֹיף עֶטְלִיכֶע טֶעג אוּן עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיים רֹאשׁ הַקָהָל. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען אִינֶעם שְׁטָאטִישְׁן שׁוּל, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַ מִנְיָן בַּיים שְׁטוּבּ פוּנֶעם רֹאשׁ הַקָהָל - דָארְט וואוּ עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען, אָבֶער דֶער רֹאשׁ הַקָהָל אִיז יָא גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען אִינֶעם שְׁטָאטִישְׁן שׁוּל.

אוֹיף שַׁבָּת אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אִין יֶענֶעם שְׁטֶעטְל אַ מַגִיד, וָואס זַיין פַּרְנָסָה אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז אַרוּמְגֶעפָארְן אִין שְׁטֶעטְלֶעךְ הַאלְטְן דְרָשׁוֹת, אוּן דֶער עוֹלָם הָאט אִים גֶעגֶעבְן גֶעלְט פַארְן קוּמֶען מְעוֹרֵר זַיין.

שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט דֶעם רֹאשׁ הַקָהָל וָואס דֶער בַּעַל דַרְשָׁן הָאט גֶערֶעדְט, הָאט דֶער רֹאשׁ הַקָהָל דֶערְצֵיילְט אַז עֶר שְׁרֶעקְט אָן דֶעם עוֹלָם, עֶר זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַ רוֹיטֶע גֵיהִנוֹם, אוּן אַ גֶעלֶע גֵיהִנוֹם אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אוּן דֶער עוֹלָם אִיז זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן הֶערְנְדִיג דֶערְפוּן.

הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעזָאגְט פַּארְן רֹאשׁ הַקָּהָל: ״אוֹיבּ דֶער בַּעַל דַּרְשָׁן גֵייט נָאכְאַמָאל רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן אַז אִיךְ רוּף אִים, אוּן דוּ זָאלְסְט אִים נִישְׁט לָאזְן עֶנְדִיגְן רֶעדְן״.

וְכַךְ הֲוָה, אִינְמִיטְן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט דֶער מַגִּיד ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן אַ שַׁארְפֶע דְּרָשָׁה, גְלַייךְ הָאט דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אוּן גֶעזָאגְט אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב רוּפְט אִים, וֶוען דֶער מַגִּיד הָאט גֶעוָואלְט וַוייטֶער רֶעדְן, הָאט אִים דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל וַוייטֶער אִיבֶּערְגֶעהַאקְט אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט וַוייטֶער רֶעדְן, אוּן עֶר מוּז גֵיין צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב. דֶער מַגִּיד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיטְן רֹאשׁ הַקָּהָל צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִים דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי״ע גֶעזָאגְט: ״ווִי שֶׁעמְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט צוּ צֶעבְּרֶעכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דוּ וֵוייסְט וָואס גֶעשֶׁעט אִין הִימְל וֶוען אַ אִיד גֶעבְּט זִיךְ אַ כַאפּ סוֹף טָאג נָאכְן אַרְבֶּעטְן אוּן עֶר זֶעט אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֵייגְט קַיין תְּפִילִין, אוּן עֶר גֶעבְּט אַ קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס פַּאר אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ דָאס מַאכְט אִין הִימְל?! אָדֶער אַ אִיד גֶעבְּט זִיךְ אַ כַאפּ אַז עֶר הָאט נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט שַׁחֲרִית אָדֶער מִנְחָה, אוּן עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט דַאוֶוענֶען אוּן עֶר גֶעבְּט אַ קְרֶעכְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס פַּאר אַ גְרוֹיסֶע רַעַשׁ דָאס מַאכְט אוֹיבְן אִין הִימְל, גֵייסְטוּ אוּן דוּ צֶעקְלַאפְּסְט אִידְן?!״



און אַזוֹי הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶערֶעדְט צוּ דֶעם מַגִיד, בִּיז עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּזָאגְן פַאַרְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אַז פוּן הַיינְט אָן וֶועט עֶר מֶער נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִידְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה קְדוֹשִׁים תשע"ו)

# מַעֲשֶׂה ג'

## נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת

אִין דֶער שְׁטָאט דְזְשֶׁערְבָּא וָואס גֶעפִינְט זִיךְ אִין טוּנִיס, הָאט גֶעוואוֹינְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק מִיטְ'ן נָאמֶען רֶבִּי נִיסִים. וֶוען עֶר אִיז נָאךְ גֶעוֶוען יוּנְג אוּן זַיין נָאמֶען אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען בַּאקַאנְט אַלְס אַ גֶעטְלִיכֶער מַאן, הָאט רֶבִּי נִיסִים גֶעדַארְפְט גֵיין בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה צוּ שְׁפַּייזְן זַיין מִשְׁפָּחָה. עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַן אַרְבֶּעט בַּיי אַ אִיד מִיטְ'ן נָאמֶען מַיְמוֹן, וָואס הָאט גֶעהַאט אִין זַיין שְׁטוּבּ אַ שְׁמִיד-גֶעשֶׁעפְט וואוּ עֶר פְּלֶעגְט פַארְרֶעכְטְן צִירוּנְג פוּן גָאלְד אוּן זִילְבֶּער.

רֶבִּי נִיסִים הָאט גֶעאַרְבֶּעט פַאר אִים גָאר גֶעטְרֵיי אוּן מִיט אַ גְרוֹיסֶער עֶרְלִיכְקֵייט.

נָאכְ'ן אַרְבֶּעטְן דִי עֶרְשְׁטֶע וָואךְ, אִיז רֶבִּי נִיסִים צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ מַיְמוֹן אוּן אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט פַאר דִיר אַ וָואךְ, בִּיטֶע בַּאצָאל מִיר דֶעם סְכוּם וָואס מִיר הָאבְּן אָפְּגֶעמַאכְט." הָאט מַיְמוֹן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "קוּק, אִיךְ הָאבּ יֶעצְט נִישְׁט קַיין פְּרוּטָה אִין טַאשׁ צוּ בַּאצָאלְן, קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ וֶועל אִיךְ דִיר בַּאצָאלְן פַאר

צְוֵויי וָואכְן אִינְאֵיינֶעם.״ רֶבִּי נִיסִים הָאט עֶס אָנְגֶענוּמֶען מִיט פַארְשְׁטַאנְד, טְרַאכְטְנְדִיג אַז אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נִישְׁט, וֶועט עֶר נִישְׁט מוּטְשֶׁען נָאר וַוארְטְן אַ וָואךְ.

עֶס אִיז אַדוּרְךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן רֶבִּי נִיסִים אִיז ווִידֶער גֶעקוּמֶען צוּ מַיְמוֹן: ״נוּ, עֶס זֶענֶען שׁוֹין אַדוּרְךְ צְוֵויי וָואכְן, הַאלְט וָוארְט אוּן בַּאצָאל מִיר פַאר מַיין אַרְבֶּעט.״ אָבֶער מַיְמוֹן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זָאגְן: ״אִיךְ הָאבּ יֶעצְט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, וַוארְט בִּיז סוֹף חוֹדֶשׁ אוּן אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן פַארְ'ן גַאנְצְן חוֹדֶשׁ.״

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען סוֹף חוֹדֶשׁ, הָאט מַיְמוֹן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען דֶעם זֶעלְבְּן נִיגוּן: ״אִיךְ הָאבּ נִישְׁט יֶעצְט, וַוארְט אַ וָואךְ אָדֶער אֶפְשָׁר צְוֵויי, אָדֶער אֶפְשָׁר גָאר נָאךְ אַ חוֹדֶשׁ אָדֶער צְוֵויי.״

רֶבִּי נִיסִים הָאט גֶעזֶען וָואס דָא טוּט זִיךְ, אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין עֵסֶק. עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז מֶען וֶועט אִים דָא אַרוּמְשְׁלֶעפְּן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מִיט שֵׁיינֶע תֵּירוּצִים אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאצָאלְן. רֶבִּי נִיסִים הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: ״אִיךְ הָאבּ אַ פְּלַאן. לְמַעֲשֶׂה, וֶוען מֶען אַרְבֶּעט מִיט גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, בְּלַייבְּט אַלְץ אִיבֶּער קְלֵיינֶע פִּיצֶעלֶע שְׁטִיקְלֶעךְ אוֹיף דֶער עֶרְד וָואס קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט דֶערוֹיף אוּן עֶס גֵייט אִין מִיסְט.״

אִיז רֶבִּי נִיסִים אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ פְּלַאן: ״אִיךְ גֵיי אוֹיפְהֵייבְּן אוּן צוּזַאמְנֶעמֶען אַלֶע שְׁטִיקְלֶעךְ גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, אוּן עֶס אַרַיינְלֵייגְן אִין אַ פּוּשְׁקֶע וָואס וֶועט לִיגְן



אונְטֶערְן טִישׁ. נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט וֶועל אִיךְ בֶּעטְן פוּן מַיְמוֹן דִי פּוּשְׁקֶע אַלְס אַ בַּאלוֹינוּנְג פַּאר מַיין אַרְבֶּעט.״

אַ גַאנְצֶע יָאר אִיז אַרִיבֶּער, אוּן רֶבִּי נִיסִים קוּמְט צוּ מַיְמוֹן אוּן זָאגְט אִים: ״אִיךְ הָאבּ גֶעאַרְבֶּעט גֶעטְרֵיי, נוּ, בַּאצָאל מִיר.״ מַיְמוֹן הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט דֶעם חֶשְׁבּוֹן וִויפִּיל עֶר קוּמְט אִים, אוּן עֶס אִיז אִים גֶעוָוארְן שְׁוַוארְץ פַּאר דִי אוֹיגְן, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַזוֹיפִּיל גֶעלְט אִים צוּ בַּאצָאלְן.

רוּפְט זִיךְ אָן נִיסִים: ״קוּק וָואס אִיךְ הָאבּ דָא״, אוּן עֶר וַוייזְט אִים דִי גַאנְצֶע פּוּשְׁקֶע אָנְגֶעפִילְט מִיט קְלֵיינֶע פִּיצֶעלֶע שְׁטִיקְלֶעךְ גָאלְד אוּן זִילְבֶּער וָואס עֶר הָאט צוּזַאמְגֶענוּמֶען דוּרְכְאוֹיס דִי לֶעצְטֶע יָאר צַייט. עֶר זָאגְט אִים: ״אִיךְ בִּין גְרֵייט מֶען זָאל מִיךְ בַּאצָאלְן פוּן דִי פּוּשְׁקֶע, אוֹיבּ דוּ בִּיסְט מַסְכִּים.״ זָאגְט עֶר צוּ מַיְמוֹן. ווִי נָאר מַיְמוֹן הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעפְרֵיידְט מִיט דֶעם אַיינְפַאל. פוּן גְרוֹיס הִתְרַגְשׁוּת הָאט עֶר אַרוּמְגֶענוּמֶען רֶבִּי נִיסִים פַארְן אוֹיפְקוּמֶען מִיט אַזַא גוּטְן פְּלַאן וְויאַזוֹי זִיךְ אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן פוּן זַיין קְלֶעם אוּן טְרֶעפְן אַ וֶועג צוּ בַּאצָאלְן.

גְלַייךְ הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִּיל גֶעלְט עֶס לִיגְט אִין דִי פּוּשְׁקֶע, אוּן עֶס אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז עֶר הָאט גֶעהַאט גֶענוּג צוּ בַּאצָאלְן פַּאר רֶבִּי נִיסִים פַּאר דִי גַאנְצֶע יָאר אַרְבֶּעט, אוּן עֶס אִיז אִים אֲפִילוּ אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְן אַבִּיסְל פַּאר זִיךְ אַלֵיין.

רֶבִּי נִסִים פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן דֶער לִימוּד דֶערְפוּן הָאט גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ אַלֵיין. פּוּנְקְט וִוי בַּיי דִי גָאלְד שְׁטִיקְלֶעךְ, דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער "נְקוּדוֹת טוֹבוֹת" - אַ "בָּרְכוּ", אַ דַף גְמָרָא, אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער נָאךְ אַ מִינוּט פוּן רֶעדְן צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער - וַוייל פוּן אַלֶע קְלֵיינֶע זַאכְן צוּזַאמֶען וֶוערְן אָנְגֶעפִילְט גַאנְצֶע אוֹצְרוֹת.

(תּוֹךְ הַנַּחַל פַּרְשַׁת כִּי תָבוֹא תשע"ב)

# מַעֲשֶׂה ד'

## מֶען זֶעט אַלֶעס

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד וָואס הָאט לֵיידֶער נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּרְנָסָה. דִי אָרִימְקֵייט אִין שְׁטוּבּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, אוּן עֶר פְלֶעגְט גָארְנִישְׁט אַהֵיימְבְּרֶענְגֶען פַאר דִי מִשְׁפָּחָה.

זַיין וַוייבּ הָאט אִים זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט אַז עֶר זָאל גֵיין עֶפֶּעס טוּן פַאר פַּרְנָסָה, אָבֶער וָואס דֶער אִיד הָאט נָאר פְּרוּבִּירְט צוּ טוּן, הָאט עֶר נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ טָאג וָואס זַיין וַוייבּ הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז זִי הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס. זִי הָאט גֶעטְרַאכְט: "וִויפִּיל אִיז דִי שִׁיעוּר צוּ לֶעבְּן אִין אַזַא דַּחְקוּת אוּן אָרִימְקֵייט?" אִיז זִי אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ פְּלַאן אוּן גֶעזָאגְט פַאר אִיר מַאן: "דַיין רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, הָאט אִין זַיין שְׁטַאל גָאר אַסַאךְ פֶערְד. גֵיי אַרַיין דָארְט אִין שְׁטַאל, נֶעם דִיר אֵיין פֶערְד, אוּן מִיט אַ פֶערְד וֶועסְטוּ קֶענֶען עֶפֶּעס טוּן פַאר פַּרְנָסָה." הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט: "גַנְבְ'נֶען?! חַס וְשָׁלוֹם! וִוי מֶעג אִיךְ צוּרִירְן אַ זַאךְ וָואס בַּאלַאנְגְט נִישְׁט צוּ מִיר?"

אָבֶער דִי פְרוֹי הָאט נִישְׁט אָפְּגֶעלָאזְט אִיר מַאן. זִי הָאט אִים גֶעמוּטְשֶׁעט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: ״דַיין רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶענוּג אוּן נָאךְ פֶערְד אִין זַיין שְׁטַאל, נֶעם אֵיינְס! וֶוער וֶועט בִּכְלַל כַאפְּן? וֶוער וֶועט עֶס בַּאמֶערְקְן?״

צוּבִּיסְלֶעךְ, הֶערְנְדִיג דִי וֶוערְטֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין וַוייבּ אַרַיין אִין זַיין מֹחַ, בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אֵיין נַאכְט אַז עֶר גֵייט טוּן דִי גְנֵיבָה.

דֶער אִיד לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אוֹיפְן וֶועג צוּם פֶערְדְן-שְׁטַאל פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, מִיטְ׳ן פְּלַאן פָּשׁוּט אַהֵיימְצוּנֶעמֶען פוּן דָארְט בְּלוֹיז אֵיין פֶערְד, מִיטְ׳ן תֵּירוּץ אַז עֶר דַארְף דָאס פַאר פַּרְנָסָה.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס אַלֶעס גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, עֶר הָאט גֶעלָאזְט רוּפְן דֶעם שְׁטַאל-וֶועכְטֶער אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״גֵיי אַוֶועק פוּנֶעם שְׁטַאל אוּן לָאז עֶס הֶפְקֵר אַ גַאנְצֶע נַאכְט, קוּק נִישְׁט אוֹיבּ אֵיינֶער גֵייט אַרַיין אָדֶער נֶעמְט עֶפֶּעס״.

דֶער תַּלְמִיד קוּמְט אָן אוּן עֶר זֶעט אַז קֵיינֶער אִיז נִישְׁטָא, דֶער שׁוֹמֵר אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אוּן מֶען קֶען נֶעמֶען אַ פֶערְד גְרִינְגֶערְהֵייט. אַ מְחַיֶה! וָואס קֶען זַיין בֶּעסֶער? עֶר גֵייט צוּ צוּ אַ פֶערְד, כַאפְּט עֶס אָן אוּן גֵייט אַהֵיים מִיט דֶעם.

דֶער תַּלְמִיד אוּן זַיין וַוייבּ הָאבְּן אָבֶער אֵיין זַאךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט. אַז פּוּנְקְט וִוי זֵיי הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ עֶסְן פַאר זִיךְ אַלֵיין, הָאבְּן זֵיי אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עֶסְן צוּ גֶעבְּן פַארְן



פֶערְד, אוּן אַז אַ פֶערְד עֶסְט נִישְׁט, הָאט עֶר נִישְׁט קַיין כֹּחַ אוּן קֶען נִישְׁט אָנְגֵיין מִיטְן לֶעבְּן.

עֶס אִיז אַדוּרְךְ אֵיין טָאג אוּן דֶער פֶערְד הָאט גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן, עֶס אִיז אַדוּרְךְ אַ צְוֵוייטֶער טָאג אוּן דֶער פֶערְד הָאט וִוידֶער גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן. וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דֶער דְרִיטֶער טָאג, הָאט דֶער פֶערְד שׁוֹין אוֹיסְגֶעזֶען וִוי עֶר גֵייט שְׁטַארְבְּן, עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶערִירְט פוּנֶעם אָרְט.

דֶער תַּלְמִיד הָאט אַיינְגֶעזֶען זַיין מַצָב אוּן אִיז גֶעוָוארְן אוֹיס מֶענְטְשׁ. נִישְׁט נָאר וָואס עֶר הָאט גֶעגַנְבֶ'ט אַ פֶערְד, נָאר דֶער פֶערְד אַרְבֶּעט גָארְנִישְׁט. אוֹיבּ אַזוֹי, וָואס אִיז דִי מַעֲלָה פוּן בִּכְלַל הָאבְּן אַ פֶערְד?

עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אַז עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן צוּ גֵיין זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ פַאר זַיין רֶבִּי'ן, דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

וִוי נָאר עֶר קוּמְט אָן צוּם שְׁטוּבּ פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שָׁם טוֹב, אִיז דֶער בַּעַל שָׁם טוֹב אִים אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזָאגְט: "וָואס וֶועסְטוּ שׁוֹין הָאבְּן אוֹיבּ דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ טוֹיטֶע פֶערְד וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן פוּן הוּנְגֶער? דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ טוֹיטֶע נְבֵלָה אִין דַיין הוֹיז אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט וִויסְן וִויאַזוֹי פְּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן דֶעם."

דֶער תַּלְמִיד הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס אַלֶעס גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. עֶר הָאט שְׁטַארְק חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף דִי גַאנְצֶע גְנֵיבָה, עֶר אִיז אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען אוּן

דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין וַוייבּ אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וְוִי ׳קֵיינֶער בַּאמֶערְקְט נִישְׁט׳, וַוייל דִי צַדִיקִים וֵוייסְן אַלֶעס מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער קֶען מֶען זִיךְ זִיכֶער נִישְׁט בַּאהַאלְטְן. עֶר הָאט צוּרִיקְגֶעפִירְט דֶער פֶערְד צוּם שְׁטַאל.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט צוּגֶעלֵייגְט, אָט דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין זוּן. הָאט דֶער זוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה פַארְשְׁטֵיי אִיךְ, חוּץ אֵיין זַאךְ; פַארְוָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב גֶעדַארְפְט וַוארְטְן דְרֵיי טֶעג בִּיז עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד?״ הָאט דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״דָאס וִוילְסְטוּ אוֹיךְ פַארְשְׁטֵיין? אִין דִי מַעֲשֶׂה לִיגְן גְרוֹיסֶע בַּאהַאלְטֶענֶע טִיפֶע סוֹדוֹת.״

ווָאוֹיל אִיז דֶער וָואס וֵוייסְט אַז גֶעלְט גֶעבְּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אַז טוּן נִישְׁט עֶרְלִיכֶע זַאכְן וֶועט נִישְׁט בְּרֶענְגֶען קַיין גֶעלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק ז׳ עֶרֶךְ פַּרְנָסָה)

# מַעֲשֶׂה ה'

## הַכְנָסַת כַּלָּה רַאטֶעוֶועט פוּן טוֹיט

דֶער גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי חַיִּים קְרֵייזְוִירְט זצ"ל, דֶער רָב פוּן אַנְטְוֶוערְפְּן, הָאט זִיךְ אַמָאל זֵייעֶר נִישְׁט גוּט גֶעשְׁפִּירְט. עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ גְרוֹיסְן דָאקְטָאר, אוּן דֶער דָאקְטָאר הָאט אִים דִיאַגְנָאזִירְט זָאגְנְדִיג: "דוּ הָאסְט אִין דִיר לֵיידֶער אַ בִּיטֶערֶע מַחֲלָה." דֶער דָאקְטָאר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן זֵייעֶר קְלָאר צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג אַרוֹיס, אוּן דָאס מֵיינְט אַז בִּיז אַ קוּרְצֶע תְּקוּפָה גֵייט עֶר פַארְלָאזְן דִי וֶועלְט.

וֶוען דֶער גָאוֹן רֶבִּי חַיִּים קְרֵייזְוִירְט הָאט גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע וֶוערְטֶער פוּנֶעם דָאקְטָאר, הָאט עֶר שְׁנֶעל גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן: וָואס טוּ אִיךְ דָא? אוֹיבּ אִיךְ וֶועל עֶס דֶערְצֵיילְן פַאר מַיינֶע נָאנְטֶע, וֶועלְן זֵיי אַרַיינְפַאלְן אִין אַ פַּאנִיק. הָאט דֶער גָאוֹן בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט דָאס פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן. אַנְשְׁטָאט דֶעם, וֶועט עֶר זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיף אַ נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זִיךְ צוּ טְרֶעפְן מִיטְן גְרוֹיסְן צַדִיק, דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִים צוּ פְרֶעגְן וָואס עֶר זָאל טוּן אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע מַצָב.

עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין אוּן דֶערְצֵיילְט זַיין בִּיטֶערְן מַצָב, אַז מֶען זָאגְט אִים פַּאר דָאס עֶרְגְסְטֶע חַס וְשָׁלוֹם.

הָאט זִיךְ דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אָנְגֶערוּפְן: "מִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג 'אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאֵין לָהֶם שִׁיעוּר', וָואס זֶענֶען דִי זַאכְן וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר? בִּיקוּר חוֹלִים, הַכְנָסַת כַּלָה, אוּן הַלְוָיַת הַמֵּת. פוּן אֵיין זַייט שְׁטֵייט בִּיקוּר חוֹלִים אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁטֵייט הַלְוָיַת הַמֵּת, וָואס שְׁטֵייט אִינְדֶערְמִיט? הַכְנָסַת כַּלָה! פַּארְוָואס? וַוייל אוֹיבּ אַ חוֹלֶה וֶועט עוֹסֵק זַיין אִין הַכְנָסַת כַּלָה אוּן הֶעלְפְן חֲתוּנָה מַאכְן אַ אִיד וָואס דַארְף הִילְף, דָאס הַאלְט אָפּ אוּן מַאכְט אַ צְווִישְׁנְשֵׁייד פוּן הַלְוָיַת הַמֵּת. עֶס רַאטֶעוֶועט דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן שְׁטַארְבְּן רח"ל. דֶערִיבֶּער עֵצָה אִיךְ דִיר," אִיז דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן מַמְשִׁיךְ, "זַיי עוֹסֵק שְׁטִילֶערְהֵייט אִין דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת כַּלָה, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן דִי סִיבָּה פַּארְוָואס דוּ טוּסְט עֶס, אוּן דוּ וֶועסְט זֶען אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ יְשׁוּעָה אוּן זוֹכֶה זַיין צוּ לַאנְגֶע, גֶעזוּנְטֶע אוּן זִיסֶע יָארְן."

דֶער גָאוֹן רֶבִּי חַיִים זצ"ל הָאט פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ גֶעפָאלְגְט, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט פַּאר נָאךְ פִינְף אוּן צְוָואנְצִיג יָאר. קֵיינֶער הָאט גָארְנִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן וִויאַזוֹי עֶר רַאטֶעוֶועט הוּנְדֶערְטֶער מֶענְטְשְׁן פוּן אוּנְטֶערְגֵיין, אוּן עֶרְשְׁט נָאךְ זַיין פְּטִירָה זֶענֶען צֶענְדְלִיגֶע מֶענְטְשְׁן גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן וִוי עֶר הָאט זֵיי גֶערַאטֶעוֶועט אִין אַ צַייט פוּן נוֹיט. דֶעמָאלְט הָאט מֶען אוֹיסְגֶעפוּנֶען דִי שְׁוֶוערֶע מַחֲלָה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, אוּן וִויאַזוֹי דִי מִצְוָה פוּן הַכְנָסַת כַּלָה רַאטֶעוֶועט אַ מֶענְטְשׁ פוּן טוֹיט רח"ל.



דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה דֶערְצֵיילְט, אַז מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד בַּיי וֶועמֶען מֶען הָאט יָארְן צוּרִיק גֶעטְרָאפְן דִי בִּיטֶערֶע מַחֲלָה רח"ל. דִי דָאקְטוֹירִים הָאבְן גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם הֵיילוּנְג דֶערְפַאר, אוּן אַז בִּיז גֶעצֵיילְטֶע וָואכְן וֶועט עֶר שְׁטַארְבְּן. דֶער יוּנְגֶערְמַאן הָאט זִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט פוּן זַיין אַרְבֶּעט אוּן אָפְּגֶעמַאכְט: "וִוי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ נָאךְ, לָאמִיר טוּן עֶפֶּעס צוּ דֶער זַאךְ אוּן הֶעלְפְן אִידְן." עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שַׁאפְן גֶעלְט פַּאר נִצְרָכִים, אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער - דֶער אִיד לֶעבְּט נָאךְ הַיינְט גֶעזוּנְט אוּן פְרִישׁ.

(שׁוּ"ת בְּרֶסְלֶב מִכְתָּב תתקיט)

# מַעֲשֶׂה ו'

## אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד

וֶוען עֶס פְלֶעגְט אָנְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַן אָרִימַאן וָואס הָאט גֶעדַארְפְט הִילְף, בִּפְרַט אוֹיבּ עֶס הָאט זִיךְ גֶעהַאנְדְלְט וֶועגְן פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם, הַכְנָסַת כַּלָה, אָדֶער מְחַיֶה זַיין אַן אַלְמָנָה אָדֶער אַ יָתוֹם, פְלֶעגְט דֶער רָב אַלֵיין אַרוּמְגֵיין אִין שְׁטָאט אוּן בֶּעטְן פוּן אִידְן, רַחְמָנִים בְּנֵי רַחְמָנִים, אַז זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְהֶעלְפְן מִיטְן גֶעבְן צְדָקָה צוּ רַאטֶעוֶוען אַ אִיד פוּן אוּנְטֶערְגֵיין.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, אַז וֶוען דֶער רָב אַלֵיין אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט, ווִי נָאר עֶר הָאט גֶעקְלַאפְּט אוֹיפְן טִיר אוּן מֶען הָאט גֶעעֶפְנְט אוּן גֶעזֶען וֶוער עֶס שְׁטֵייט דָארְט, הָאט דֶער עוֹלָם גֶעעֶפְנְט דִי טַאשְׁן אוּן גֶעזָאגְט: ״רֶבִּי, נֶעמְט וִויפִיל אִיר ווִילְט״.

אֵיינְמָאל קְלַאפְּט אַרַיין בַּיים הֵיילִיגְן אַפְּטֶער רָב אַ תַּלְמִיד חָכָם, אַן עוֹבֵד הַשֵּׁם וָואס אִיז גֶעזֶעסְן אוּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן עֶר זָאגְט פַארְן רָב: ״רֶבִּי, אִיךְ דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן מַיין טָאכְטֶער אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין אֵיין

פְּרוּטָה, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִויאַזוֹי אִיךְ גֵיי אִיר קֶענֶען חֲתוּנָה מַאכְן". וִוי נָאר דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער, אִיז עֶר גְלַייךְ גֶעגַאנְגֶען קְלַאפְּן אוֹיף דִי טִירְן פוּן גוּטְהַארְצִיגֶע אִידְן, זֵיי צוּ בֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְהֶעלְפְן דֶעם תַּלְמִיד חָכָם חֲתוּנָה צוּ מַאכְן זַיין טָאכְטֶער.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, וַוייל אִין יֶעדֶע הוֹיז וואוּ דֶער אַפְּטֶער רָב אִיז גֶעגַאנְגֶען, וואוּ מֶען פְלֶעגְט אִים גֶעוֶוענְלִיךְ אוֹיפְנֶעמֶען מִיט אַ בְּרֵייטֶע הַאנְט און גֶעבְּן שֵׁיינֶע נְדָבוֹת, הָאבְּן אַלֶע גֶעהַאט גוּטֶע תֵּירוּצִים, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן. אֵיינֶער הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶער רֶבִּי וֵוייסְט דָאךְ אַז אַלֶעמָאל גֶעבּ אִיךְ שֵׁיין, אִיךְ גֶעבּ אַייךְ מַיין בֶּערְזְל און אִיר נֶעמְט אַרוֹיס וִויפִיל אִיר וִוילְט, אָבֶער רֶבִּי, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין לֵיידִיג".

אַן אַנְדֶערֶער הָאט גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, מַמָּשׁ פּוּנְקְט פְּרִיעֶר אִיז דָא גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס אִיךְ הָאבּ אִים פַארְבָּארְגְט מַיין גַאנְצֶע גֶעלְט, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גָארְנִישְׁט, אִיךְ בִּין לֵיידִיג, דֶער רֶבִּי זָאל מִיר מוֹחֵל זַיין". אַזוֹי הָאט יֶעדֶער גֶעהַאט גוּטֶע סִיבּוֹת פַארְוָואס עֶר אִיז לֵיידִיג און קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין גֶעלְט.

וִוי נָאר דֶער הֵיילִיגֶער אַפְּטֶער רָב הָאט גֶעזֶען וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אָפּ, אִיז עֶר אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען און זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זַיין רֶעבֶּעצִין: "מַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ, מֶען גֵייט דַארְפְן פַארְ'מַשְׁכּוֹנֶ'ען דִי לַייכְטֶער און דַיינֶע טַייעֶרֶע צִירוּנְג, וַוייל עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דָא אַ נִצְרָךְ, אַ אִיד וָואס דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן זַיין טָאכְטֶער און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט."



הָאט זִי גֶעפְּרֶעגְט: "רֶבִּי, וָואס אִיז דָאס מָאל אַנְדֶערְשׁ וִוי אַלֶעמָאל, אַז מֶען דַארְף אַלֶעס פַּארְ'מַשְׁכּוֹנֶ'עְן?" הָאט דֶער אַפְּטֶע רָב גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַלֶעמָאל וֶוען אִיךְ גֵיי נָאךְ גֶעלְט קוּמְט עֶס מִיר אָן גְרִינְג, וֵוייס אִיךְ נִישְׁט אוֹיבּ עֶס אִיז בֶּאֱמֶת אַ וִויכְטִיגֶע צְוֶועק אָדֶער נִישְׁט. אָבֶּער דָאס מָאל קוּמְט עֶס מִיר אָן זֵייעֶר שְׁוֶוער, קֵיינֶער הָאט מִיר נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין גֶעלְט, יֶעדֶער מִיט זַיינֶע תֵּירוּצִים, אוּן גֶעלְט צוּ הֶעלְפְן דֶעם אִיד הָאבּ אִיךְ נִישְׁט. זֶע אִיךְ דֶערְפוּן אַז אוֹיבּ עֶס גֵייט אַזוֹי שְׁוֶוער, אִיז אַ סִימָן אַז דָאס אִיז גָאר אַ וִויכְטִיגֶע צְוֶועק אוּן אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן דֶעם תַּלְמִיד חָכָם וָואס דַארְף חֲתוּנָה מַאכְן זַיין טָאכְטֶער, דֶערִיבֶּער וִויל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען." אוּן אַזוֹי הָאט דֶער אַפְּטֶע רָב טַאקֶע גֶעטוּן.

פוּן דֶעם זֶעט מֶען דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אַרוֹיסְהֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, בִּפְרַט וֶוען עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ז' עֶרֶךְ צְדָקָה)

# מַעֲשֶׂה ז'

## אִיךְ בִּין אִים מוֹחֵל

דֶער הֵיילִיגֶער חִידוּשֵׁי הָרִי"ם זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהַאט גָאר אַ גֶעטְרֵייעֶר גַבְּאַי, שְׁטֶענְדִיג פְלֶעגְט עֶר מַאכְן סֵדֶר צְוִוישְׁן דִי אִידְן וָואס פְלֶעגְן וֶועלְן אַרַיינְגֵיין צוּם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט עֶס גֶעמַאכְט אִין אַ סֵדֶר אַז וֶוער עֶס קוּמְט פְרִיעֶר גֵייט קוֹדֶם אַרַיין.

אֵיינְמָאל אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם חִידוּשֵׁי הָרִי"ם אַן אוֹיפְגֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט שְׁטֵיין אִין דִי שׁוּרָה אוּן וַוארְטְן בִּיז עֶס קוּמְט זַיין רַייעֶ, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעוָואלְט אַרַיינְכַאפְּן אִינֶעם רֶבִּינְ'ס צִימֶער, דֶער גַבְּאַי הָאט אִים פְּרוּבִּירְט אָפְּצוּהַאלְטְן פוּן אַרַיינְגֵיין אוּן הַאלְטְן סֵדֶר אָבֶּער דֶער אִיד הָאט פוּן גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיפְן גַבְּאַי אוּן אִים דֶערְלַאנְגְט אַ פְּרַאסְק אוֹיפְן פָּנִים! פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דָאס הָאט נִישְׁט צוּפִיל גֶעהָאלְפְן אַז דֶער גַבְּאַי זָאל אִים אַרַיינְלָאזְן נָאר עֶר הָאט אִים אוֹיפְגֶעהַאלְטְן בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען זַיין רַייעֶ אַרַיינְצוּגֵיין.

בְּשְׁעַת דֶער אִיד הָאט גֶעוַואַרְט אַרַיינְצוּגֵיין צוּם רֶבִּי'ן אִיז דֶער גַבְּאַי אַרַיין צוּם חִידוּשֵׁי הָרִי"ם אוּן דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן: "דָא אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אַרַיינְכַאפְּן אִינֶעם שׁוּרָה, אִיךְ הָאבּ אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט אוּן עֶר הָאט מִיר דֶערְלַאנְגְט אַ פְּרַאסְק",

אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פַארְן רֶבִּי'ן וֶוער דֶער אִיד אִיז.

דִי עוֹלָם אִיז וַוייטֶער אַרַיין צוּם רֶבִּי'ן, דִי לֶעצְטֶע אַרַיינְצוּגֵיין אִיז גֶעוֶוען אָט דֶער אִיד וָואס הָאט גֶעשְׁלָאגְן פְּרִיעֶר דֶער גַבְּאַי.

דֶער חִידוּשֵׁי הָרִי"ם הָאט גְלַייךְ בַּאמֶערְקְט אַז עֶר אִיז דֶער שְׁלֶעגֶער, הָאט זִיךְ דֶער חִידוּשֵׁי הָרִי"ם אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט הֶערְן פוּן דִיר בִּיז דוּ בֶּעטְסְט אִיבֶּער דֶער גַבְּאַי". דֶער אִיד הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין מָלֵא יְסוּרִים אוּן פוּל מִיט צַעַר, אִיךְ בִּין שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר צֶען יָאר אוּן אִיךְ הָאבּ נָאךְ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר מַיין וַוייבּ וִויל זִיךְ גֶטְ'ן" אָבֶער דֶער רֶבִּי בְּלַייבְּט בַּיי זַיינְס אוּן זָאגְט: "אִיךְ וִויל גָארְנִישְׁט הֶערְן פוּן דִיר בִּיז דוּ בֶּעטְסְט אִיבֶּער דֶעם גַבְּאַי'ן".

דֶער חִידוּשֵׁי הָרִי"ם הָאט אַרַיינְגֶערוּפְן דֶעם גַבְּאַי אִין צִימֶער אוּן זָאגְט פַאר דֶער אִיד: "בֶּעט אִים אִיבֶּער" דֶער גַבְּאַי רוּפְט זִיךְ אָן: "אִיךְ בִּין מוֹחֵל דֶעם אִיד נָאר מִיט אֵיין תְּנַאי".



דֶער חִידוּשֵׁי הָרִי"ם הָאט זִיךְ אַזוֹי פַּארְוואוּנְדֶערְט, וֶועלְכֶע תְּנַאי קֶען דֶער גַבְּאַי בֶּעטְן. אוּן דֶער גַבְּאַי אִיז מַמְשִׁיךְ: "דֶער רֶבִּי וֵוייסְט אַז דֶער אִיד וַוארְט שׁוֹין צֶען יָאר פַּאר קִינְדֶער, אִיךְ בִּין מוֹחֵל דֶער אִיד נָאר אוֹיבּ דֶער רֶבִּי וואוּנְטְשְׁט אִים אָן אַז עֶר זָאל גֶעהָאלְפְּן וֶוערְן מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא".

דֶער חִידוּשֵׁי הָרִי"ם אִיז מוֹרָא'דִיג נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן דִי תְּמִימוּת אוּן גְלַייכְקֵייט פוּן דֶעם גַבְּאַי אַז עֶר קוּקְט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף זַיין כָּבוֹד אַז עֶר אִיז פַּארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן אוּן גֶעכַאפְּט אַ פְּרַאסְק פוּן דֶעם אִיד.

הָאט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט אַז דִי מַעֲשֶׂה אִיז אַ שְׁטַארְקֶע אוּן חָשׁוּבְ'עֶ לִימוּד אִין בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ אַז נִישְׁט נָאר עֶס זָאל נִישְׁט בַּאדֶערְן אַז מֶען כַאפְּט בִּזְיוֹנוֹת פוּן אַ מֶענְטְשׁ, נָאר מֶען זָאל וֶועלְן יֶענֶעמְס גוּט אוּן זֶען וואוּ מֶען קֶען יֶענֶעם הֶעלְפְּן.

אַז אַ מֶענְטְשׁ וִויל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ רֵיינִיגְן, זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה דַארְף עֶר וִויסְן אַז דִי בּוּשׁוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת דָאס אִיז כַּפָּרַת עֲוֹונוֹת, יֶעצְט בִּין אִיךְ זוֹכֶה צוּ אַ כַּפָּרָה!

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ז' עֶרֶךְ בּוּשָׁה)

# מַעֲשֶׂה ח'

## פֹּה נִטְמָן

דֶער גְרוֹיסֶער גְבִיר ר׳ שִׁמְעוֹן וָואלְף רָאטְשִׁילְד זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען מְפֻרְסָם אִין דֶער וֶועלְט אַלְס אַן עוֹשֶׁר און אַ גְרוֹיסֶער נַדְבָן. מִיט דֶעם אִיז עֶר גֶעוֶוען אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ תְּמִימוּת׳דִיגֶער אִיד, אַ יְרֵא שָׁמַיִם, און אַ גְלַייכֶער מֶענְטְש.

אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי דִי גוֹיִם און בַּיי דֶער רֶעגִירוּנְג אִיז עֶר גֶעוֶוען גָאר בַּאלִיבְּט וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְלַייכֶער מֶענְטְש. אַלֶע זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטְן הָאט עֶר גֶעפִירְט מִיט גְלַייכְקֵייט, עֶר הָאט גֶעפִירְט אַלֶע זַיינֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט נֶאֱמָנוּת, און עֶר הָאט בַּאצָאלְט אַלֶע זַיינֶע שְׁטֵייעֶרְן מִיט גֶערֶעכְטִיגְקֵייט פִּינְקְטְלִיךְ בִּיז דִי לֶעצְטֶע פְּרוּטָה.

אָבֶער פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אַ גוֹי הָאט פַּיינְט אַ אִיד, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעהַאט שׂוֹנְאִים וָואס הָאבְּן אִים מְקַנֵא גֶעוֶוען און זֵייעֶר שְׁטַארְק פְּרוּבִּירְט אִים צוּ אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען און אַלְץ גֶעזוּכְט צוּ טְרֶעפְן אַן עַוְלָה אוֹיף אִים און אַזוֹי אִים פַּיינִיגְן און אָנְמַאכְן צָרוֹת.

אֵיין טָאג זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטֵייעֶר מִינִיסְטֶער אוּן גֶעזָאגְט עֵדוּת אַז ר׳ שִׁמְעוֹן וָואלְף הָאט אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם צִימֶער אִין זַיין הוֹיז וָואס דָארְט בַּאהַאלְט עֶר גָאר אַסַאךְ גָאלְד אוּן זִילְבֶּער. עֶס אִיז פַארְשְׁלָאסְן, עֶר לָאזְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַרַיין, נִישְׁט זַיינֶע מְשָׁרְתִים, נִישְׁט זַיינֶע קְנֶעכְט, נָאר עֶר אַלֵיין הָאט דֶעם שְׁלִיסְל פוּן דֶעם צִימֶער אוּן דָארְט בַּאהַאלְט עֶר זַיין עִיקָר עֲשִׁירוּת. אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר גֶעבְּט נִישְׁט קַיין שְׁטֵייעֶר פוּן דָארְט וַוייל קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ אִין יֶענֶעם צִימֶער, אוּן אַזוֹי בַּאהַאלְט עֶר זַיין גְרוֹיס פַארְמֶעגְן פוּן דֶער רֶעגִירוּנְג.

דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי שׂוֹנְאִים זֶענֶען אַרַיין אִינֶעם אוֹיעֶר פוּן דֶעם שְׁטֵייעֶר מִינִיסְטֶער אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעשִׁיקְט פָּאלִיצֵיי בּוֹדֵק צוּ זַיין אוֹיבּ אִיז עֶס טַאקֶע אַזוֹי אַז עֶר הָאט אַ בַּאהַאלְטֶענֶע צִימֶער אוּן עֶר לָאזְט טַאקֶע קֵיינֶעם נִישְׁט אַרַיין.

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ ר׳ שִׁמְעוֹן וָואלְף רָאטְשִׁילְד אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט וֶועגְן אַזַא בַּאהַאלְטֶענֶע צִימֶער, הָאט ר׳ שִׁמְעוֹן גְלַייךְ מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז יָא, עֶר הָאט אַזַא בַּאהַאלְטֶענֶע צִימֶער וָואס עֶר לָאזְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַרַיין, אָבֶער עֶר בַּאהַאלְט נִישְׁט דָארְט קַיין עֲשִׁירוּת אָדֶער גָאלְד אוּן זִילְבֶּער, נָאר דֶער צִימֶער אִיז אַ פְּרִיוַואטֶע זַאךְ וָואס עֶר קֶען נִישְׁט רֶעדְן וֶועגְן דֶעם.

הָאבְּן דִי שׁוֹטְרִים אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״נִישְׁט דָא קַיין מַעֲשִׂיוֹת, דוּ דַארְפְסְט עֶפֶענֶען דִי צִימֶער אוּן מִיר דַארְפְן זֶען וָואס דוּ בַּאהַאלְטְסְט דָארְט.״


פה נטמן
שמעון וואלף
בן ר' קלונימוס

הָאט ר׳ שִׁמְעוֹן וָואלְף זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״וִויפִּיל גֶעלְט טְרַאכְט אִיר אַז עֶס אִיז דָא דָארְט בַּאהַאלְטְן?״ הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם וָואס זֵיי טְרַאכְטְן אַז עֶר בַּאהַאלְט דָארְט.

הָאט ר׳ שִׁמְעוֹן וָואלְף זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אִיךְ בִּין מַסְכִּים צוּ גֶעבְּן דִי שְׁטֵייעֶר פוּן דֶעם סְכוּם, אָבֶּער מִיט אֵיין תְּנַאי, אַז אִיךְ דַארְף נִישְׁט עֶפֶּענֶען דֶעם צִימֶער, וַוייל דָאס אִיז אַ פְּרִיוַואטֶע זַאךְ.״ אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק אַז עֶר מוּז עֶפֶּענֶען דִי צִימֶער.

הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״וֵוייסְט אִיר וָואס, וִויפִּיל קֶען זַיין דִי גְרֶעסְטֶע סְכוּם וָואס אִיךְ זָאל קֶענֶען הָאבְּן דָארְט בַּאהַאלְטְן אוֹיבּ וָואלְט דִי גַאנְצֶע צִימֶער גֶעוֶוען פוּל מִיט גָאלְד אוּן זִילְבֶּער?״ הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט עֶפֶּעס גָאר אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם. הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין גְרֵייט צוּ צָאלְן דִי שְׁטֵייעֶר פוּן דֶעם סְכוּם.״ לְמַעֲשֶׂה, הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעווָאוּסְט וָואס צוּ טוּן, וַוייל עֶס הָאט זִיךְ דָא גֶערֶעדְט פוּן זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם וָואס וָואלְט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט גָאר אַ גְרוֹיסֶע רַייכְטוּם אִין דֶעם קַאסֶע פוּן דִי רֶעגִירוּנְג.

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״אַזַא זַאךְ דַארְף מֶען שׁוֹין גֵיין פְרֶעגְן דִי וָואס זֶענֶען מְמֻנֶּה אוֹיף אוּנְז וָואס מֶען זָאל דָא טוּן.״

נָאךְ אֵינֶעם זֶעלְבְּן טָאג זֶענֶען זֵיי צוּרִיקְגֶעקוּמֶען זָאגְן אַז דֶער גְרוֹיסֶער שַׂר וָואס אִיז אִיבֶּער זֵיי הָאט גֶעזָאגְט אַז נֵיין, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן דֶעם, מֶען דַארְף שׁוֹין עֶפֶּענֶען דִי צִימֶער.

ר׳ שִׁמְעוֹן הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה. עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִי שְׁלִיסְל פוּן דֶעם צִימֶער אוּן גֶעעֶפְנְט דִי טִיר. דִי פָּאלִיצֵיי זֶענֶען שְׁנֶעל גֶעקוּמֶען קוּקְן וָואס אִיז דָא דָארְט אִין דֶען צִימֶער, וָואס בַּאהַאלְט עֶר דָא! אוּן זֵיי גְלֵייבְּן נִישְׁט וָואס זֵיי זֶעעֶן! נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵויינִיגֶער! מֶען זֶעט דָארְט אַ לֵיידִיגֶע צִימֶער! אֵיין זַאךְ זֶעעֶן זֵיי יָא, אַ מַצֵּבָה אִינְמִיטְן דֶעם צִימֶער וָואס שְׁטֵייט אוֹיף דֶעם אוֹיפְגֶעשְׁרִיבְּן ״פֹּה נִטְמַן שִׁמְעוֹן וָואלְף בֶּן ר׳ קְלוֹנִימוֹס״. דִי פָּאלִיצֵיי שְׁטֵייעֶן דָארְט אִינְגַאנְצְן בַּאוואוּנְדֶערְט. וָואס גֵייט דָא פָּאר? וָואס אִיז דֶער פְּשַט פוּן אַזַא מָאדְנֶע זַאךְ, הָאבְּן אַ צִימֶער וָואס דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס עֶס אִיז דָא אִין דֶעם אִיז נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוינִיגֶער וִוי זַיין אֵייגֶענֶע מַצֵּבָה?

הָאט ר׳ שִׁמְעוֹן וָואלְף זֵיי מַסְבִּיר גֶעוֶוען: ״וִויסְן זָאלְט עֶטְץ אַז אִיךְ בִּין פַארְנוּמֶען אַ גַאנְצְן טָאג מִיט מִסְחָר מִיט גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ גֶעבּ אִיךְ אַסַאךְ צְדָקָה צוּ רַאטֶעוֶוען אָרִימֶעלַייט פוּן אוּנְטֶערְגֵיין. דֶערִיבֶּער בִּיטֶער אִיךְ שְׁטֶענְדִיג אֶפְשָׁר וֶועט חָלִילָה אַרַיינְגֵיין אִין מִיר יֵשׁוּת אוּן גַאֲוָה, כְּאִילוּ אִיךְ בִּין בֶּעסֶער פוּן זֵיי, עֶפֶּעס מֶער חָשׁוּב פוּן אַ צְוֵוייטְן. דֶערִיבֶּער גֵיי אִיךְ אַרַיין אִין דֶעם צִימֶער אֵיינְמָאל אַ טָאג אוּן אִיךְ קוּק גוּט אוֹיף מַיין מַצֵּבָה, זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס גֵייט קוּמֶען אַ טָאג וֶוען אִיךְ וֶועל דַארְפְן אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי וֶועלְט, אוּן עֶס גֵייט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן מִיר נָאר מַיינֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס אִיךְ בִּין זוֹכֶה אַיינְצוּהַאנְדְלֶען אוֹיף דִי וֶועלְט. אוּן דִי זַאךְ אִיז גֶעוֶוען בַּאהַאלְטְן פוּן יֶעדְן בִּיזְן הַיינְטִיגְן טָאג, נָאר אַז עֶטְץ הָאט מִיר גֶעצְוִואוּנְגֶען צוּ עֶפֶענֶען דִי טִיר הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין בְּרֵירָה. אוּן אִיךְ הָאף צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים

אַז עֶס זָאל מִיר נִישְׁט שָׁאטְן דָאס אַז מֶענְטְשְׁן וֶועלְן יֶעצְט אוֹיסְגֶעפוּנֶען פוּן דִי הַנְהָגָה.״

הָאט מוֹהֲרָא״שׁ אוֹיסְגֶעפִירְט: ״אַזוֹי דַארְף אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְן, עֶר זָאל וִויסְן אַז מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט דָא אוֹיף אֵייבִּיג. אֵיין טָאג גֵייט מֶען אַהֵיים פוּן דָא, און וָואס מֶען טוּט גוּטֶע זַאכְן בָּזֶה הָעוֹלָם, דָאס נֶעמְט מֶען מִיט.״

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק ט׳ עֶרֶךְ יוֹם הַמִּיתָה)

# מַעֲשֶׂה ט'

## נִישְׁט צוּרִירְן אַ צְוֵוייטְנְס פַּרְנָסָה

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ שְׁטָאט וָואס דִי רָאשֵׁי קְהִילָה דָארְט הָאבְּן בַּאמֶערְקְט אַז דִי גֶעלְט וָואס גֵייט אַרוֹיס פוּנֶעם צְדָקָה קַאסֶע אִיז פִּיל מֶער פוּן וִויפִּיל גֶעלְט עֶס קוּמְט אַרַיין. הָאט מֶען זִיךְ גֶעזֶעצְט מִיט דֶעם רָב פוּן שְׁטָאט, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען מְמֻנֶּה אוֹיף דֶער צְדָקָה קַאסֶע, צוּ זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן. דֶער רָב הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין בְּרֵירָה אוּן מֶען גֵייט דַארְפְן טֵיילְן וֵוייניגֶער גֶעלְט פַּאר דִי אָרֶעמֶעלַייט פוּן שְׁטָאט. דֶער רָב הָאט בַּאמֶערְקְט אַז אַ גֶעוִויסֶער אָרִימַאן בַּאקוּמְט גָאר אַ שֵׁיינֶע סְכוּם גֶעלְט, הָאט מֶען מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז עֶר וֶועט וַוייטֶער בַּאקוּמֶען, נָאר מֶען גֵייט אִים גֶעבְּן אַבִּיסְל וֵוייניגֶער וִוי בִּיז יֶעצְט.

עֶס אִיז אַדוּרְךְ אַ תְּקוּפָה אוּן דִי רָאשֵׁי קְהִילָה הָאבְּן וַוייטֶער גֶעזֶען אַז עֶס קוּמְט נִישְׁט אַרַיין גֶענוּג גֶעלְט אִין דֶער קַאסֶע. הָאט דֶער רָב וַוייטֶער מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז דֶער אָרִימַאן וֶועט יֶעצְט בַּאקוּמֶען נָאךְ אַבִּיסְל וֵוייניגֶער וִוי בִּיז יֶעצְט.

אַזוֹי הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעשְׁפִּילְט אַפָּאר מָאל אוּן דֶער אָרִימַאן בַּאקוּמְט וֵוייניִגֶער אוּן וֵוייניִגֶער גֶעלְט, בִּיז עֶר הָאט מֶער גָארְנִישְׁט בַּאקוּמֶען אוּן עֶר אִיז לֵיידֶער גֶעבְּלִיבְּן אָן קַיין בְּרוֹיט אִין שְׁטוּבּ.

אִין הִימְל אִיז גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער רָב גָאר אַ גְרוֹיסֶער קִטְרוּג אוּן בֵּית דִּין שֶׁל מַעֲלָה הָאט גֶע'פַּסְקְנְט אַז דֶער רָב דַארְף גֶעשְׁטְרָאפְט וֶוערְן מִיט גָאר אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרָאף, וַוייל עֶר הָאט צוּגֶענוּמֶען דִי פַּרְנָסָה פוּן דֶעם אָרִימַאן.

עֶס זֶענֶען אַדוּרְכְגֶעגַאנְגֶען גֶעצֵיילְטֶע טֶעג אוּן פְּלוּצְלִינְג זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין דֶעם רָבְ'ס קָאפּ מַחֲשָׁבוֹת פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת רַחֲמָנָא לִצְלָן, בִּיז עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַז עֶר גֵייט זִיךְ שְׁמַדְ'ן רַחֲמָנָא לִצְלָן. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹצָאֵי שַׁבָּת אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּם גַלָח וָואס הָאט גֶעווּאוֹינְט בַּיים עֶק פוּנֶעם שְׁטָאט. דֶער רָב קוּמְט אַרַיין אוּן פְרֶעגְט דֶעם גַלָח: "אִיךְ דַארְף אַן עֵצָה. אִיךְ וִויל זִיךְ שְׁמַדְ'ן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֶנוּ. וָואס דַארְף אִיךְ טוּן?"

פַאר דֶעם גַלָח אִיז דָאס זֵייעֶר נִישְׁט גֶעפַאלְן אוּן הָאט אוֹיסְגֶעזֶען גָאר מָאדְנֶע פַארְוָואס אַ גְרוֹיסֶער חָשׁוּבְ'עֶר רָב וִויל פְּלוּצְלִינְג אַן עֵצָה וִויאַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁמַדְ'ן. מִן הַסְתָּם וִוילְן דִי אִידְן דָא מַאכְן עֶפֶּעס אַ שְׁפִּיצְל אוּן גוּט פַארְשֶׁעמֶען דֶעם גַלָח! 'נֶע, נֶע, נֶע! אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן,' הָאט דֶער גַלָח גֶעטְרַאכְט. "אַהַא, דוּ וִוילְסְט זִיךְ שְׁמַדְ'ן?" רוּפְט עֶר זִיךְ אָן צוּם רָב "קוֹדֶם דַארְף מֶען עֶסְן אַ סְעוּדָה אוּן דֶערְנָאךְ וֶועלְן מִיר וַוייטֶער זֶען." "פַיין, אוֹיבּ דָאס אִיז דֶער מְהַלֵךְ בִּין אִיךְ גְרֵייט," הָאט דֶער רָב גֶעזָאגְט. עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט עֶסְן



און טְרִינְקֶען און דֶער גַלָח פַארְבְּרֶענְגְט מִיט אִים. אִינְמִיטְן הָאט דֶער גַלָח אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט גָאר אַ שְׁטַארְקֶע בְּרוֹינְפְּן עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל און נָאךְ אַבִּיסְל און נָאךְ אַבִּיסְל, בִּיז דֶער רָב אִיז גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן שִׁיכּוֹר, עֶר אִיז גֶעפַאלְן אוֹיפְן עֶרְד און אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶעכְן און גֶעבְּלִיבְּן לִיגְן אוֹיפְן עֶרְד שִׁיכּוֹר.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זִיצְט בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אִין שְׁטָאט מֶעזִיבּוּז און הַאלְט אַלֶעס מִיט דוּרְךְ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ. פְלוּצְלִינְג רוּפְט עֶר צוּ אֵיינֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים און זָאגְט אִים: "גֵיי יֶעצְט בֶּענְטְשְׁן, מַאךְ הַבְדָלָה, גְרֵייט צוּ אַ פֶערְד און פַאר צוּ יֶענֶעם שְׁטָאט דָארְט זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דִי שְׁטוּב פוּנֶעם גַלָח." דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטִיקְל חַלָה וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן פוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת און זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "וֶוען דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען דָארְט וֶועסְטוּ שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ דַארְפְסְט טוּן מִיט דֶעם."

דֶער תַּלְמִיד הָאט זִיךְ שְׁנֶעל אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג צוּ מְקַיֵים צוּ זַיין דִי שְׁלִיחוּת פוּן זַיין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב און עֶר אִיז שְׁנֶעל אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הוֹיז פוּנֶעם גַלָח. עֶר עֶפְנְט דִי טִיר און עֶר זֶעט דֶעם רָב לִיגְן דָארְט אוֹיפְן עֶרְד שִׁיכּוֹר. פְלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ דֶער רָב אוֹיפְגֶעוֶועקְט, און עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטַארְקֶע הוּנְגֶער, און עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן: "אִיךְ וִויל עֶסְן, אִיךְ בִּין הוּנְגֶערִיג." דֶער גַלָח הָאט אִים גֶעוָואלְט גֶעבְּן צוּ עֶסְן, אָבֶּער דֶער תַּלְמִיד הָאט אִים צוּרִיקְגֶעהַאלְטְן, עֶר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר דַארְף דָא טוּן. עֶר הָאט גֶעהָאלְפְן דֶעם רָב זִיךְ וַואשְׁן זַיינֶע

הֶענְט אוּן מַאכְן אַן הַמּוֹצִיא, אוּן עֶר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דָאס שְׁטִיקְל חַלָּה וָואס אִיז אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן פוּן שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. וִוי נָאר עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט עֶסְן דִי חַלָּה, אִיז אַרַיין אִין דֶעם רָב אַן אֱמֶתְ'עֶ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה אוֹיף אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן אוֹיף דֶעם וָואס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט אַז עֶר זָאל אָנְקוּמֶען צוּ אַזַא שְׁפַל הַמַּצָּב אוּן עֶר אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן דֶעם גַלָחְ'ס שְׁטוּבּ.

זֶעט מֶען פוּן דָא וִוי אַ מֶענְטְשׁ דַארְף גָאר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּצוּנֶעמֶען אַ צְוֵוייטְנְס פַּרְנָסָה, מֶען דַארְף זֶען נָאר צוּ הֶעלְפְן אַ צְוֵוייטְן אִיד, אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זַיין שְׁוֶוערֶע מַצָּב.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט' עֶרֶךְ צְדָקָה)

# מַעֲשֶׂה י'

## אֱמֶת'ע מַעֲשִׂיּוֹת

אִין שְׁטָאט פִּיעֶטְרְקוּב אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס עֶר פְּלֶעגְט הֶערְן פוּן חֲסִידִים שֵׁיינֶע סִיפּוּרֵי צַדִיקִים אוּן פְּלֶעגְט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים אוּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן גָאר אַסַאךְ סְפָרִים פוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת.

אַ זוּן פוּן דֶעם אִיד אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּ בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶס הָאט פַאר זַיין טַאטְן זֵייעֶר נִישְׁט גֶעשְׁמֶעקְט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ צַעַר אוּן וֵוייטָאג פוּן דֶעם וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי מִתְנַגְדִים אוֹיף בְּרֶסְלֶב. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רוֹדְפְ'ן זַיין זוּן גָאר שְׁטַארְק.

דֶער זוּן הָאט עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אִיז עֶר אַנְטְלָאפְּן קַיין אוּמַאן אוּן זִיךְ דָארְט גֶעדְרֵייט מִיט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים. אַזוֹי זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶנְדִיג מִיט בְּרֶסְלֶבְ'עֶ אִידְן הָאט עֶר אַלְץ גֶעזֶעען בַּיי זֵיי וִוי זֵיי לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען אוּן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת.

זַיין הַארְץ אִיז גֶעוָוארְן אָנְגֶעוַוארֶעמְט צוּ עֲבוֹדַת הַשֵׁם, עֶר הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט פוּן זֵיי אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער

עוֹבֵד הַשֵׁם. עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעלֶערְנְט און גֶעדַאוֶונְט, און אַסַאךְ צַייט אִין טָאג פְלֶעגְט עֶר פַארְבְּרֶענְגֶען בַּיים צִיוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן זי"ע.

אֵיינְמָאל זַייעֶנְדִיג בַּיים צִיוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן און עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט פוּן זַיין טַאטֶע און דִי צַעַר וָואס עֶר הָאט אַז עֶר אִיז נִתְקָרֵב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאל אִים אַרַיינְשַׁיינֶען וָואס צוּ טוּן. אַרוֹיסְגֵייעֶנְדִיג פוּן צִיוּן הָאט אִים אַרַיינְגֶעשַׁיינְט צוּ שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו צוּ זַיין טַאטֶע און עֶר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען שְׁרַייבְּן אַ לַאנְגֶע הַארְצִיגֶע בְּרִיוו. אִינְמִיטְן דִי בְּרִיוו הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן "טַאטֶע! דוּ בִּיסְט עוֹסֵק דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן צוּ שְׁרַייבְּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים און גֶעבְּסְט אַרוֹיס הַפְלֵא'דִיגֶע סְפָרִים פוּן סִיפּוּרֵי צַדִיקִים, אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ וָואס וֶוער עֶס וֶוערְט נָאר מְקוּרָב דָארְט וֶוערְט פוּן אִים אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה....

הָאט מוֹהֲרַא"שׁ אוֹיסְגֶעפִּירְט אַז דָאס דַארְף יֶעדֶער אֵיינֶער אַרְבֶּעטְן עֶס זָאל וֶוערְן פוּן אִים אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה.

און דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שׁוֹין בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט "עֶס וֶועט זַיין אַסַאךְ מַעֲשִׂיוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן מִיר און פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן".

און טַאקֶע פַארְדֶעם פִּירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶ עוֹבְדֵי הַשֵׁם וַוייל דָאס אִיז מְעוֹרֵר דִי יוּנְגְוַוארְג אַז זֵיי קֶענֶען אוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּ דֶעם און זַיין גְרוֹיסֶע עוֹבְדֵי הַשֵׁם.



מוֹהֲרָא"ש הָאט אוֹיךְ צוּגֶעלֵייגְט אַז מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר אַ מַעֲשֶׂה וָואס שְׁטִימְט מִיטְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ דָאס אִיז אַן אֱמֶתְ'עֶ מַעֲשֶׂה, וַוייל אַ מַעֲשֶׂה דַארְף גֶעבְּן חִיזוּק פַאר אַ מֶענְטְש צוּ פָאלְגְן דֶעם שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אוֹיבּ אַ מַעֲשֶׂה אִיז זִיךְ סוֹתֵר מִיטְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ אִיז דִי מַעֲשֶׂה שֶׁקֶר אוּן עֶס קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא.

הָאט מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט: אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעלֵיינְט אַ מַעֲשֶׂה אַז בַּיים צַדִיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז אֵיין יָאר יוֹם כִּיפּוּר הָאט עֶר זֵייעֶר גֶעוֵויינְט וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶעֶן אַז עֶס אִיז דָא אַ קִטְרוּג אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל, עֶר הָאט שְׁטַארְק גֶעדַאוֶועְנְט אוּן גֶעוֵויינְט אַז דִי גְזֵירָה זָאל בָּטֵל וֶוערְן. פַארְנַאכְטְס אִיז עֶר גֶעוָוארְן מָלֵא שִׂמְחָה אַז דִי גְּזֵרָה אִיז בָּטֵל גֶעוָוארְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן אִין שׁוּל אַז מֶען קֶען שׁוֹין גֵיין אוֹיסְפַאסְטְן פַאר נְעִילָה. אַזַא מַעֲשֶׂה אִיז שֶׁקֶר וְכָזָב, וַוייל אַ צַדִיק וָואלְט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזָאגְט צוּ טוּן עֶפֶּעס וָואס דִי תּוֹרָה לָאזְט נִישְׁט - אַזַא מַעֲשֶׂה קוּמְט פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא וָואס וִויל אָפְּשְׁוַואכְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער. מֶען דַארְף וִויסְן אַז אַ צַדִיק הֵייסְט נָאר טוּן זַאכְן וָואס מַאכְט פָאלְגְן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק א' עֶרֶךְ סִיפּוּרִים)


קרן הדפסה
היכל הקודש
בלֶעטל